STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00938

MAYN OYTSER

Shmuel Halkin

Permanent preservation of this book was made possible by
Zachary Finkelberg
in memory of
Hodes Finkelberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



שמועל האלקין

מײַן אויצער

לידער און באלאדעס

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“

מאָסקווע ● 1966

לידער

און דאָס איז זי, מײַן זאָרג

• • •

און דאָס איז זי, די זאָרג, וואָס כ׳האָב פאַרבאָרגן,
ווײַל זיך אַליין כ׳בין ענטפערן ניט גרייט,
צי וועט מען אין מײַן ליד דערקענען מאָרגן
מײַן גרויסן הײַנט מיט אַלע זײַנע זאָרגן
און מיט זײַן קאַרג־אַרויסגעזאָגטער פרייד.

קאָן זײַן, אַז בלײַבן וועט מען שטיין פאַרוווּנדערט:
אַ מענטש האָט אַזאַ לעבן אָפּגעלעבט,
און קוים אין אים דערקענסטו זײַן יאָרהונדערט,
ווו יעדער טאָג איז ווערט געווען באַזונדער
צו ווערן אין געזאַנגען אײַנגעוועבט.

נאָר עפּשער, טראַכט איך, לעב איך גאָר אין טאָעס
און כ׳פּײַניק מיך אַליין אומזיסט־אומנישט:
ווײַל ווי אין טונקלקײַט אויך טאָג־ליכט דאָ איז,
אַזוי איז אין מײַן ליד די צײַט פאַרמישט.

און אויב ניט היינט, איז מיט אַ מאָרגן ווייטער,
ווען ס׳וועט דער טאָג זיין הויך און אויסגעלייטערט, —
וועט אויך מיין ליד זיך אָנזען אומגעריכט
מיט שאַרפן צייט־צייכן אויפן געזיכט.

1959

• • •

זאָגסט: נאָך איין צענדליק יאָר, און זײַן וועט שפּעט,
צו שפּעט אין ליבע זיך דער וועלט דערקלערן...
ווי ליב איז אָבער מיר די צאָל צו הערן,
ווײַל עפּשער האָט דורך דיר אַרויסגערעדט
די גוטע שעה, און ס'וועט מעקוים ווערן.

צי פײַערן וועל איך דאָס צענטע יאָר —
דאָס ווייס איך ניט, נאָר איינס פּאָר מיר איז קלאָר,
און כ'קאָן דערוף אַף בלוט אַ שוווּע געבן,
אַז ביז כ'בין הערשער איבער גאָר מײַן לעבן,
דערקלערן וועל איך זיך אין ליבשאַפט נאָר,
וואָס לעבט אין בלוט מײַנעם און לײַב־געוועבן.

ווען ס'וואָלט די וועלט, כאָלילע, ווערן טויב —
כ'וואָלט איר אין אויער שרײַען: הערסט מײַן לויב?
ווען שרײַען וועל איך שוין ניט קאָנען מער —
וועט אויך מײַן שטומקייט מיר ניט זײַן קיין שטער,
וועסט איבערלייענען אַף מײַנע ליפּן:
כ'האָב דיך, מײַן וועלט, ניט אויפגעהערט צו ליבן.

1959

* * *

ווען דו וואָלסט ניט געגערט זיך מיט קיין ברויט,
וואָס ס'האָט א גוטער מענטש פאר דיר געזייט,
ווען ס'וואָלט דיַין גלייַכן ניט געוועבט קיין קלייד
פאר דיר, קיין שוועל־און־טיר דיר ניט געבויט,
און דו וואָלסט, ווי א פויגל אפן דאך,
געלעבט, — וואָלסטו אונדז דערמלט זינגען פויגל־שפּראך?

נאָר וויַיל דיַין בלוט איז לעבעדיק און הייס,
און וויַיל דיַין ברויט געקאָסט האָט מענטשן שוויס,
כוץ פרייד, דיַין קלייד געוועבט איז אויך פון זאָרגן,
פון זאָרג, וואָס איז צום זינגען און צום זאָגן, —
דעריבער ניט פארשאף קיין אנגסט אונדזביידן —
שוין בעסער בלייַבן שטום, ווי פויגל־שפּראך צו ריידן.

און וויַיל דיך נאָכקרימען איך קלייַב זיך ניט,
דיר נאָכזינגען, דיר נאָכשפּרינגען — געוויס ניט, —
דערפאר איך טייַנע אלץ צו דיַין געוויסן,
אז ניט דער מענטש נאָר קומט דורך שוויס צום שניט,
העם פויגל אויך קומט אָן זיַין שפּיַיז ניט לייַכט —
דער פוך פון אונטער פליגל ווערט אים פייַכט.
און ווען אריבער נעסט ער האלט אָפּ וואך —
מיר דאכט, אויך ער פארגעסט זיַין פויגל־שפּראך.

1958

טרײַהײַט

ניט לויט איר לענג און ברייט מע מעסט די שיף,
און אויך ניט וויפל וואָלקנס שוואַרצן רויך
זי הויכט אַרויס פון זיך אין בלויער הויך,
נאָר וויפל ס׳דריקט איר לאַסט די יאַמען־טיף.

און כאָטש איר מאָס, איר אײַנגעשטעלטע גרויס —
איז וויפל יאַם־וואַסער זי שטויסט אַרויס, —
מײַן מאָס פאַר איר פאַרבלײַבט — ווי טרײַ, ווי לאַנג
די שיף, זי היט איר לאַסט פון אונטערגאַנג.

1960

דאָס וואָרט איז הייליק

שורעלעך באזונדערע זאָלסט שרײַבן —
מענטשן זאָל זײַן גרינג פאנאנדערקלײַבן.

אויסיעס געפערלטע זאָלסט שטעלן —
יונג און אלט זאָל לייענען און קוועלן.

יעדעס וואָרט זאָל האָבן פעסט זײַן באָדן,
יעדער אָס זאָל פרײַ אין לופט זיך באָדן.

ניט צעשפרייט און ניט פארדרייט — דער זינען,
זאָל דער זינען נאָר צום גונסטן דינען.

נאכעס זאָלסט דערמיט פארשאפן מענטשן,
מענטשן זאָלן לייענען דיך, בענטשן...

אָט אזוי פלעג מיר דער טאטע טײַנען.
נו, און קונדעס דו! זיך אויסצופײַנען,

צו פארדינען אין דער באק א קניפ,
צי א פײַנעם דריידעלע צוליב,

טוסטו ווערטער וויכטיקע פארקניפלען,
מוזטו ערטער ליכטיקע פארקריפלען.

ווער האָט דיר געגעבן רעכט דערויף?
דײַנע דריידלעך, נו קאָרשט, פלאָנטער אויף!

אָט אזוי ער האָט מיר אָפט דערמאָנט,
ניט דערמאָנט, נאָר דרינגענדיק געמאָנט,

איבער מיר געשטאנען און געקוקט:
אָס מיט אָס — צי אין דער מאָס צערוקט?

צי ווי פרײַנט צעשטעלט זיי, צי צעקריגט
און ווי גראָז אין שטורעם זיי צעוויגט?

צי דער זין פון וואָרט — ניט קיין פארדרייטער?
צי א שורע מאכט ניט ענג דער צווייטער?

און אמאָל געוואָרנט: ס'וואָרט איז הייליק,
יעדער זילב — פון הייליקײַט א כיילעק.

ניט אומזיסט פארמאָגסטו אזא האנט,
ניט אומזיסט אין האנט האָסט א טאלאנט,

א געשאנק איז דיר אזא געגעבן —
מענטשן צו פארגרינגערן דאָס לעבן.

זעסט, זיי זײַנען דאָך אין זאָרג פארטיפט —
מאך זיי כאָטש ניט שווערער מיט דײַן שריפט.

1956

דער וועג אַראָפּ

די דעק פֿון ליד, אויב נאָר ס'איז דאָ אַ דעק, —
איז גרויל — ביז פֿרייד, און פֿרייד — ביז צו דערשרעק;
דער וועג פֿון פּיש, וואָס לעכצט צו אָנקוקן אַ ברעג,
דערנאָך זײַן ריס צוריק אין טהאָם — פֿון ליד דער וועג.

און צווישן גלאַטע פֿעלדזן צווײַ דער וועג אַראָפּ —
אָן בריק, אָן שטריק, אָן הילף — כאַטש רוף, ניט רוף,
ביז דו צעבלוטיקסט זיך דאָס האַרץ, צעבערעכסט דעם גוף, —
אָט דאָס איז אויך דער וועג פֿון ליד — זײַן שווערער פּרוּוו.

און דעמלט ערשט דערוואַכט ס'געזאַנג פֿונעם באַראָף,
און דעמלט ערשט דער אָדלער איבער פֿעלדזן שוועבט אויף.

1955

ס'איז מײַן גײַוועצו דערטראָגן

זאָגן: רוסלאַנד, דו ביסט מײַנע —
וואָלט געוויס ניט זײַן קיין ליגן,
ווײַל אין יעדעס וואָרט וואָלט ליגן
מײַנע א געדעכטע טײַנע.

זאָגן: רוסלאַנד, מײַנע ביסט —
וואָלט געווען דאָך א גוזמע,
ווײַל אין זינען האָבן מוז מען
גאָר איר גרויסקײַט — פון און ביז...

„איך בין דײַנער" — וועל איך זאָגן.
אי ס'איז עמעס, אי באַשיידן,
אָנשטענדיק פאַר אונדז פאַרביידן,
און מײַן גײַוועצו דערטראָגן.

דאָ בין איך אמאָל געבאָרן,
דאָ וועל איך אמאָל ניט ווערן,
דאָ פאַרפלאַנצט האָב איך א קערן
אויך אף שפּעטערדיקע יאָרן.

1958

די דריטע קראַפט

די לינקע האַנט איז גוווּרה, און די רעכטע — גנאָד.
און ווייל איז יענעם, וואָס פֿאַרשטאַנען האָט דעם סאָד —
אין זיך אַ שאָלעם־בונד צו שליסן צווישן ביידן,
קעדיי אין זיך זיי ביידן קיינמאָל ניט צעשיידן:
אַף אופֿבינדן די קראַפֿט, וואָס גנאָד אין זיך זי טראָגט,
אַף אופֿוועקן די גנאָד, וואָס גוווּרה זי פֿאַרמאָגט, —
אַז ביידע זאָלן זיי — אין צווייענדיקער איינהייט —
אַרויסברענגען די דריטע קראַפֿט, וואָס רופֿט זיך: שיינהייט,
וואָס איז ניט בלויז צו שוועל צו דיבּיקער געווענדט,
נאָר טראָגסט דער וועלט אַנטקעגן זי אין ביידע הענט.

1958

• • •

טרעפט, אויך איצטער דאכט זיך מיר:
אַלץ, וואָס כ׳האָב אַמאָל געשריבן
און ביז היינט איז מיר פאַרבליבן
ניט פאַרשטריַיכט, ניט אָפּגעריבן, —
איז געווען ניט אויף פּאַפּיר.

ווילט איר — איז אויף הימל־בלוי,
אויף געקיילטן בלאַט מיט טוי,
אויף אַ הייסן טויבן־פּעדער;
מיט אַן אויסשניט אויף אַ צעדער,
מיט אַ קלאַפּ אין פרעמדער טיר, —
אַלץ, נאָר ניט אויף קיין פּאַפּיר.

און אַמאָל האָט מיר געדאַכט:
אויס מיט אַלץ, וואָס אויסגעטראַכט.
איך מיט זיך האָב אָפּגעמאַכט —
מער ניט נאַרן זיך איך וועל.
אַלץ פון היינט וועט זיַין ריאַל,
קלאָר, ווי צוויי מאָל צוויי איז — פיר:
אַ פּאַפּיר איז אַ פּאַפּיר.

זיץ איך מיר אַזוי און שרייב,
פּונקט שרייבן נאָכעס כ׳קלייב...
פּלוצעם ווערט דער טיש אַנטרונען,
און איך קוק, ווי אין אַ ברונעם,
הער זיך צו, ווי אין אַ וואַלד,
פון דער מאָרגן־זון באַשטראַלט,
גילדן זיך אין זון די קרוינען,
וווּ די זינג־פייגל, זיי וווינען,
וווּ די שטום־פייגלען, זיי שטוינען...
פּלי איך מיט זיי אַלע גלייך
איבער באַרג און איבער טייך,

בא דער ברוסט דעם טהאָם איך שפּיר.
(ווער פּאַפּיר און וואָס פּאַפּיר!)
איבער וועלדער כ׳וויגל זיך,
אין די טײַכן כ׳שפּיגל זיך.
ווי דער פויגל אַף זײַן וועג,
מיטן פליגל כ׳שרײַב און מעק.

נאָר דאָס שרײַבן און דאָס מעקן
טוט אין האַרץ אַ שרעק דערוועקן:
ווי וועל איך מיט שוואַרץ אַף ווײַסן
גאָר דער וועלט דערנאָך דערווײַזן,
אַז אויך דאָ איינעם עפּיר
כ׳בין געווען שטאָל־און־אײַזן
פאַר דעם צוויי מאָל צוויי איז פיר?

אָט פון וואָס כ׳האָב זיך פאַרקלערט,
זײַענדיק שוין אַף דער ערד,
זיך פאַרזאָרגט און זיך פאַרטראַכט,
לאַנג געטראַכט און ניט דערטראַכט
אין דער שלאָפלאָז־לעצטער נאַכט
פון נײַן הונדערט
פופציק
אַכט.

1959

1-1660

• • •

אפילו דיך, מײַן פרײַנט, — באַם בעסטן, שענסטן ווילן —
ניט אויסצושלײַפן דיך און דיך ניט אויסצופײַנען,
דו זאָלסט זיך אָף דער זון פּאַרטונקלט ניט דערפילן,
ס׳זאָל אין דער טיפער נאַכט ניט קומען שפּעט דײַן שײַנען.

הײַנט ער, און דער, און זיי, און טויזנט זייער גלײַכן,
געקומענע פון גאַס, זיי ווערסטו שלײַפן דאַרפן
אין צײַט — ניט ווייניקער, ווי ס׳דאַרף דער פלייץ פון טײַכן
אָף רונדיק אויסגלעטן באַם ברעג א שטיין א שאַרפן.

אַזויפיל שווערע מי שטייט פאַר דיר זיי צו שענקען,
דײַן הויט וועט שיילן זיך פון קעלטן און פון היצן,
אַזויפיל מי, ווי ס׳קאָסט דעם יאַם אָף אויסצושווענקען
אין באַרג א האַפּן־שפּאַלט, פון שטורעמס א באַשיצטן.

נאָר עפּשער זיי, גראָד זיי, וואָס זײַנען אָנגעקומען
ניט איינציקווײַז, נאָר ווי א דאָר אַן אופגעלעבטער
פון אַלדי היץ און קעלט, מיט קראַפט ניט אויסגעשעפּטער, —
גראָד זיי דעם שווערן אָל אָף זיך האָבן גענומען:

אָף אויסקירצן די צײַט — דעם שאַרפן שטיין צו גלעטיקן,
און צולײַכטן אויך דיר, ווען ס׳וועט דײַן שײַן פאַרשפּעטיקן.

1959

מײַן אויצער

דו מאכסט מיר וואַכעדיק די גאַנצע זאַך:
אַז אויצרעס־זוכער זײַנען דאָ אַ סאַך
ביז מיר געוועזן און נאָך מיר וועלן זײַן,
נאָר איינער וואַרט, דער אויצער זאָל אַרײַן
אַליין צו אים אין שטוב, אין דעם געשטאַלט
פֿון שטערן גאָלדענעם, וואָס האַרבסט־צײַט פֿאַלט
און באַ דער סאַמע ערד פֿאַרפֿאַלן ווערט;
אַ צווייטער זוכט זײַן אויצער א י ן דער ערד,
און אַלץ אַרום ער קוקט אָן, ווי אַ גאַסט;
אַ דריטער — מיט זײַן מוזע איז פֿאַרקנאַסט,
וואָס אַלע אויצרעס איז זי אים מעמאַלע;
נאָר קינדווײַז זוכן אויצרעס אַלע, אַלע...
אָט דאָ די מאָס געוואָרן איז פֿאַרפֿולט:
ווי אַלע בין איך? דאָס איז גאָר מײַן שולד?
און אָט די שולד מיר פֿאָרוואַרפֿן האָסט מוט?
ווי אַלע כ׳בין? ווי אַלע — איז דאָך גוט!
פֿאַרשריבן שטייט דאָך אין מײַן לעבנס־בוך,
אַז דאָס איז ער, דער אויצער, וואָס איך זוך.
מײַן יאָמטעוודיקסטער, שענסטער פֿון באַגערן:
ס׳וואָרט „אַלע“ זאָל מיר וואָכעדיק ניט ווערן.

1957

װעסט זיך ניט אויסבאהאלטן

„ביז דורכגיין װעט דער שטורעם — בלײַב פֿארשטעלט“.
אזוי, געדענק איך, ערגעץ שטייט געשריבן.
נאָר רופֿט מיר אָן דאָס אָרט אַף גאָר דער װעלט,
רוף אָפּ זיך דער, װאָס האָט זיך דאָרט פֿארקליבן
און רויִק אין באהעלטעניש געבליבן.

זאָל זײַן, דײַן צעלט שטייט אָפּ א שאָס די װײַט
פֿון מענטשן־ראש, צי גאָר אַף מילי־מײַלן, —
די שטילקײַט װעט מיט דיר זיך קנאַפּ פֿארװײַלן,
מיט אופֿרײַס־שטאָף דיר אָנפֿילן דײַן צײַט —
אַף אופטרייסלען פֿון צעלט די שװאכע זײַלן.

און װי דער יאַם, װעט די פֿארגעסנהײַט
מיט איין פֿארפֿלייץ באװײַזן אָפּצוּװישן
דײַן רו, דײַן דו, און שטעלן זיך צעװישן
װעט קיינער, קיינער... און אָנשטאָט א צײַט
פֿארגעסן גאָר די װעלט, איר ראש ניט הערן —
װעסטו בא דײַן געצעלט פֿארגעסן װערן.

1958

• • •

און ווער און וואָס בין איך אַליין?
פאַרוואָס פאַר יענעם האָב נאָר אָפּשײַ?
פאַרוואָס נאָר זײַן זאָל איך זײַן אָפּשײַן?
אַ שײַן צו זײַן בין איך דען קליין?

נאָר עפּשער טוט דאָס זעלבע ווי
אויך יענעם... און איך ווער פאַרצווייפלט:
פאַרוואָס פון איינס אַף איינס געקייפלט
בלײַבט ווידער איינס — ס'ווערט קיינמאָל צוויי.

איז לאָמיר אין אַ בונד אַרײַן
באַצווייט — אַ גלײַכער מיט אַ גלײַכן, —
קאָן זײַן, מיר וועלןביידע לײַכטן
מיט אייגענער, מיט אונדזער שײַן.

1958

אזעלכע זײַנען מיר

דו זעסט: מיר קאָנען האַרטער זײַן פֿון שטאָל,
דערבײַ אָבער אַ װוּנדער מיר באַװײַזן:
זײַן צאַרטער פֿונעם װײַנשל־בלי דעם װײַסן,
און ס׳קומט דער אומבײַט לײַכט און מיטאַמאָל.

מיר קאָנען אָפֿן, ברייט זײַן, װי די װעלט,
נאָר האָט זיך עמעץ פֿאַר אַ ציל געשטעלט:
צו אונדז אין האַרצן זיך אַרײַנצורײַסן —
מיר װערן, װי אַ נאָדל־לעכל, שמאָל:

אַז קײן בײז־אױג דורך דעם זאָל ניט אַרײַן,
קײן שטויב — ניט דורכשפּרינגען, קײן פֿרעמדע שײַן
ניט דורכדרינגען, ניט צופֿאַלן קײן טרער
צום נאָדל־אױג — זי זאָל דערנאָך ניט זײַן קײן שטער,
װען ס׳שליסט דאָס האַרץ זיך, װי אַ טויער, שװער.

און אונדז אַזעלכע, װי מיר זײַנען, זײַן
איז ליב, װי יעדן קריגער זײַן קלײזײַען.

1956

• • •

אײן מויעך פֿאַרטאָן איז אין מעסטן די הימלען,
א צווײטער — מיט זען, ווי די ווירוסן ווימלען,
א דריטער — ער האָט צו אזוינס זיך דערקלערט,
אז אלץ לאָזט זיך דרינגען אזוי און פֿאַרקערט,
אז אײגנטלעך, ענדערט זיך גאָרנישט דערפֿון,
צי דרײט זיך די ערד, ווי מע טראַכט, ארום זון,
צי קרײַזט אלץ די זון, ווי אונדז דאַכט, בא דער ערד...
קומט אויס דאָך, ברונאָ איז אומזיסט גאָר פֿאַרברענט!
קומט אויס דאָך, אומזיסט גאַליליי איז געשענדט!

א מויעך א פֿערטער ביז אומזין איז טעטיק
אין דעם, וואָס מיר רופֿן הײַנט אָן קיבערנעטיק.
ער ווײַזט בענעוווּע, אז ס'שטײען אָן צײַטן,
ווען ס'וועט זײַן מאַשין מיר דעם מויעך פֿאַרבײַטן,
דעם מויעך, דאָס הארץ, אז זי וועט מיר פֿאַרשפּאָרן
פֿון אָנוווּער די פּײַן און די לאַסט פֿון זיקאָרן,
די לוסט און די גלוסטונג פֿון טראָט אומגעריכטן,
די פֿרײד פֿון אן אײגענעם פֿעלער פֿאַריכטן,
אז זי וועט ניט בלײַבן געפֿלעט אפֿן אָרט,
ווי איך, ווען מיך טרעפֿט, ווי א דונער, דאָס וואָרט.

נו מײלע, איך בין אין זײַן טוירע קײן מופֿלעג —
איז לאָמיך כאָטש גלײבן אין איר אויבנופֿיק.
נאָר כ'וויל אָט דעם נאָווי אײן פֿראַגע פֿאַרגעבן,
און, ווײסט איר, זײַן ענטפֿער גײט אָן מיר אין לעבן:
זאָג, נאָווי, צי קאָן איך ביז לעצטן דיר גלויבן,
אז ווילסט מיט דײַן אופֿטו דעם מענטשן דערהויבן
אין מיר און אין דיר, און דערלויב זיך דערוויסן,

צי פלאָגט דיך אַמאָל ניט דערבײַ דײַן געוויסן;
צי איז דײַן נעוווע אזויפיל דיר טײַער,
פאַר איר, ווי ברונאָ, זאָלסטו אופגיין אין פײַער,
אַז שפּעטער, ווען דו וועסט מיט אַש זײַן פאַרצויגן,
מע זאָל אויך פאַר דיר, ווי פאַר אים, זיך פאַרנויגן?

1959

דער טרוימער

הינטער פּאַרקן, הינטער פּלויט,
הינטער אַט די בוימער,
האָב איך לופטשלעסער געבויט,
איך — דער יונג — דער טרוימער.

ווען מען קומען אַפן זין
וואָלט אַזאַ שיגאָען:
זײַן אַ שטראַל זאָל דער אַרשין
גלײַך פון אָנפאַנג בויען.

ניט קיין שטיינער אין יעסאָד,
ניט קיין בונד פון ווינקלען;
אָנשטאָט דאַך — אַ שטערן־ראָד
שײַנען זאָל און פינקלען.

אָנשטאָט פענצטער — שמייכלען פיר —
גלײַך אין אַלע עקן,
און באַם טויער, בײַ דער טיר —
ניט קיין הונט, קיין שטעקן.

אַפן פּלאַץ — אַ זײַל זאָל שטיין,
שטאָלץ און שיין געבויטער —
ניט גראַניט, ניט מירמלשטיין,
נאָר פון גוטסקײַט לויטער.

דאָס געזימס — פון לופט און ווינט —
זאָל דעם שלאָס באַקרוינען...
פרעגט זיך: נו, און ווײַב, און קינד
וווּ וועלן דאָרט וווינען?

וווּ וועט דאָרטן זײַן די קיך,
ס'וואַטער, אָדער „טוילעט“?

אין אַ גויט — כאָטש נעם און קריך
סאַמע אַפּן מוילעד...

און אַ ווינקל, וווּ עס זיצט,
שפּילט קלאַוויר די מוזע?
כאָטש ס'איז אַלט און אָפּגעניצט,
נאָר אַ מוזע מוז זײַן.

און אַ וואַנט — פון האַלץ אַ וואַנט,
מיט אַן אײַזן צווועקל,
אַז אַ מענטש זאָל וויַן אימשטאַנד
אופהענגען דאָס רעקל.

ווען די ווענט זיינען פון לופט
און דער דאַך — פון שטערן,
ס'אייגן הארץ דאָרט פרווו הענג אוף —
וועט עס גלייַך ניט ווערן.

פון אַ שטאַרקן ווינטן־בלאָז
איז עס ניט באוואָרנט...
איז מיר איינמאָל אזא שלאָס
טאַקע ניט געוואָרן.

אויסגערונען, ווי די ערד
וואָלט אים אײַנגעשלונגען.
ראַטעווען זײַן מינדסטע ווערט
איז מיר ניט געלונגען.

נאָך דעם איינעם — נאָך און נאָך
אויסריגען גענומען.
מיר איז אָבער פון דעם בראָך
גאָרניט אָפּגעקומען.

ס'איז די שיינע, רײַכע וועלט
ניט געוואָרן קנאַפּער:

ס׳איז אין פעלד א פאסטעך־צעלט
שלעסער צען מעכאפער.

ס׳האָבן פאלעצן געפלאצט,
ווי די זייפנבלאָזן,
נאָר אף זייער אָרט און פלאץ
שטארקע ווענט געלאָזן.

ווו דו קלאפסט אריַין א צוואָק —
פרווו צוריק קאָרשט צי אים;
ס׳האָבן גרונט־שטיינער א וואָג,
און די ווענט — א קיום.

איז דאָך, דאכט זיך, גוט און פיַין,
גוט, וואָס בעסער קאָן ניט זיַין:
אויס מיט שלעסער־קיניגריַיך,
ביסט געוואָרן ליַיטן־גליַיך.

וואָס געגארט — האָסטו דערהארט:
שפאנסט אף דר׳ערד און פילסט איר הארט.
אף א צוואָק דיַין רעקל הענגסט,
האָסט א שטוב, ווו דו פארברענגסט

דיַינע טעג און דיַינע יאָר, —
דאכט זיך — ניכטער, דאכט זיך — וואָר,
פעסט אין וואנט עס זיצט דער צוואָק...

נאָר אמאָל — א שאָ פארטאָג,
ווען ניט טאָג איז און ניט נאכט,
בוי איך זיך א שטערן־דאך
איבער אויסגעדאכטע ווענט,
ניט געבויטע מיט קיין הענט...

ווייסט דאָך לאכן — לאך זיך, לאך,
נאָר אין יענער שאָ, מיר דאכט:

װען כ׳װעל שוין ניט זײַן דערבײַ,
װעט דאָס דאָזיקע געבײַ
נאָך אַ צײַט פֿאַרבלײַבן גאַנץ
אין זײַן פֿולער פּראַכט און גלאַנץ...

און די בלעטער אויף די בוימער
װעלן רוישן: זעסט, אַ טרוימער,
גאָר אַ טרוימער, גאָר אַ יאָלד,
װען ער האָט נאָר שטאַרק געװאָלט —
ביז אין לעבן, ביז אין טויט, —
עפּעס האָט ער אויסגעבויט.

1956

דער אָנהייב וועג

די ערד, ווען זי איז גרעסער דרייַצן מאָל אַזוי־פיל —
פון זיך וועסט נישט באַהאַלטן זיך, וועסט נישט אַנטלויפן,
און יעדער טראָט, וואָס דו ביסט דאָ אַדורכגעגאַנגען,
ער וועט זיך בויקעם זייַן אין דיר און דיך דערלאַנגען,
ווו דו וועסט נאָר נישט זייַן... און פלאָגן וועט דיך שטענדיק
דער שיינער אָנהייב וועג, וואָס האָט זיך גיך פאַרענדיקט
פאַר דיר, און מיר ער איז ביז הייַנט אַ קוואַל אַ רייַנער,
און יענע שאַרפע, גוף־צעבערעכנדיקע שטיינער
אין וועג, וואָס זייַנען אויפגעשטאַנען מיר אַנטקעגן, —
זיי האָבן נישט פאַרקרימט דעם וועג פון מייַנע וועגן,
נישט אָפּגעשטויסן מיך פון אים, נישט אָפּגעפרעמדט,
ווען צווישן שטיין און שטיין בין איך געווען פאַרקלעמט.
דו זעסט, דער קוואַל, ער ווערט דאָך נאָכאַמאָל געלייַטערט...
און דו האָסט זיך פון אים נישט־ווילנדיק דערווייַטערט
אויף איין שפּאַן מער, ווי דו האָסט רעכט געהאַט דערויף, —
איז דייַן נעשאָמע אין דער קלעם, כאָטש פרייַ דער גוף.

1956

• • •

איר טראַכט, כ'האָב זיך אין שאָטן־זייַט געשטעלט —
מייַן זייַט מייַן זוניקע אָפּ אונטערשטרייַכן,
אַז מישפּעטן זאָל מיך די גאַנצע וועלט,
נאָר זאָגן, אַז ניטאָ צו מיר קיין גלייַכן;

אַז אויב ס'איז דאָ אַן אויסגעדאַכטער ברעג
צו אָפּנהאַרציקייַט — איז מיר געראָטן
אים אָפּרוקן דערמיט, וואָס דרייסט, אָן שרעק
כ'האָב זיך אַליין אַוועקגעשטעלט אין שאָטן;

אַז כ'בין אַ שרעקלאָזער, געוואַגטער מאַן,
אַ דאָן־קיכאָט — פֿון שטאָלצן גייַסט אַ ריטער:
מיט יעדער קלייניקייַט, וואָס אין מיר פֿאַראַן,
כ'שטעל זיך אייַך פֿאָר און טו דערבייַ קיין ציטער.

איז טראַכט זיך, וואָס איר ווילט, ווי אייַך געפֿעלט,
נאָר וואַרפֿן זאָל אין מיר אַ שטיין דער איינער,
וואָס כאָלעמט ניט אַוועקגיין פֿון דער וועלט
אַ דאָן־קיכאָט — אַן אויסגעלייַטערט־ריינער.

1959

• • •

אזויפיל דורכגייער, און אלע — יאָגן.
פון זיי דאָס ראָוו איך זע צום ערשטן מאָל,
קאָן זײַן, צום לעצטן הער איך זייער קאָל,
נאָר ס׳גלוסט זיך יעדן א גוט וואָרט הײַנט זאָגן.

זיי שפּאַנען אָבער גיכער, ווי איך רייד,
זיי האָבן ניט קיין צײַט מיך אויסצוהערן,
און כ׳טראַכט: קאָנסט עפּשער יויצע זײַן מיט קלערן, —
און דער געדאַנק אליין פאַרשאַפט מיר פרייד.

נאָר לאַנגזאַם פליסט אויך דער געדאַנקען־גאַנג —
ניט אָנצויאָגן שוין מיט אים די יוגנט,
אדורכלאָזן אויך איינעם טוט מיר באַנק,
און ס׳קומט מיר אוף א גליקלעכער געדאַנק:
וואָלסט עפּשער מיט א שמייכל זיך באַנוגנט.

אזוי אָט שטיי איך שוין א צײַט באַם ראָג,
ווו אלט און יונג פאַרבײַ מיר שפּאַנען, פליסן,
און קיינער, קיינער הייבט ניט אָן צו וויסן
פון ליבער לאַסט, וואָס אפן הארצן כ׳טראָג.

די אויגן פינקלען מיר, דאָס פּאָנעם לײַכט,
פון הויכן פרילינג־טאָג שײַנט שטיין און ציגל,
נאָר אָט נעמט טונקלען זיך מײַן וואונדער־איגל,
ווי ס׳וואָלט אים אָנגערירט א שוואַרצער פליגל —
ווי עמעצס אומגליק וואָלט פאַרבײַגעשלײַכט.

און כ׳פיל, ווי ס׳זינקט אין נידער מײַן געמיט,
ווי גאָר דעם מענטשנס צאַר וואָלט מיך באַפאַלן,
נאָר אונטערגעבן זיך כ׳בין ניט קיין באַלן,
כ׳רוף אוף די עקסטע קראַפט, וואָס כ׳האָב פאַרהיט, —
ס׳זאָל מײַן גוט וואָרט ניט בלײַבן אינדערמיט.

1959

* * *

מייַן פרייַנט, גיב איבער אים געננוי די ווערטער מייַנע —
דעם עלטסטן זינגערלינג פון שיינעם לאַנד אוקרייַנע.
אין בונטער האָוועניש, איך ווייס, ער האָט פאַרהיט
די שפּירזאַמקייַט פון אויג, דעם אומרו פון געמיט.
ביז איבער קאָפּ — אין רום, ביז איבער מויל — אין גוטס,
דער דיכטער קוקט זיך אום: ער דאַרף דען מער, אַכוץ
אַ וואָרט, וואָס זיך באַוועגט צווישן האַרץ און אויער —
דער קורצער וועג, וואָס לענגער איז פון לעבנס־דויער.
אַף אָט דעם וואָרט, אין קאַמער־קאַמער־הויז פאַרשפּאַרט,
מיט קלאַפּעניש אין האַרץ, מיט אומגעדולד ער וואַרט, —
דאָס וואָרט מיט אַנגסט און פרייד וואָס שווערער אָנצולאָדן,
און ס'זאָל דערטראָגן פול — אָן איבערפלייץ, אָן שאָדן,
פון הייַנט ביז שפּעטסטער צייַט און אַנדערשדיקן באָדן, —
זיך וואָרצלענדיק אָט דאָ, אויך דאָרט צו זייַן פאַרטראָטן...

איז אָט, מייַן פרייַנט, געננוי די ווערטער גיב אים איבער:
אַז אַלץ, וואָס לעבט, צי ניט — דו פּרוּוו און טראָג אַריבער
פון איין רעשוס אין צווייטן — פרייַ פאַרבלייַבט דאָס אָרט,
ווייַל קיין זאַך קאָן ניט זייַן איינציַיטיק דאָ און דאָרט.
נאָר זי — די רייַפע פרוכט פון דיכטערשן געמיט —
וואָס מער לאָזט איבער דאָ — אַלץ מערער נעמסטו מיט.

1958

פונוואַנען ווייסטו?

פונוואַנען נעמסטו, אַז דער שטערן פליט?
ווייַל ס׳שטייט דער בוים און רירט פון אָרט זיך ניט?
דער שטערן לייַכט פון רעכטס, פון לינקס אים לייַכט.
אָט האָט ער מיט זייַן קרוין זיך אויסגעגלייַכט,
זיך שיר ניט אופגעהאַנגען אַף זייַן שפּיץ,
נאָר מיר אין אויג באַוויזן טאָן אַ בליץ:
דו קוק, ווו זייַן וועל איך אַ רעגע שפּעטער...
און אין געדיכטעניש פון אָוונט־בלעטער
באַווייַזט ער זיך און טייקעף זיך פאַרהילט,
צעבלינצלט זיך, מיט פייַער זיך צעשפּילט,
פאַרטונקלט און באַלויכט זייַן בלעטער־נעסט,
און ווידער זיך אין הימל־הייך פאַרמעסט:
שוין הייַנט צום בוים — ניט אומקערן זיך ווידער.
זיך ערגעץ דאָרט באַשטאַט און קוקט אין נידער.

פון אָט דעם אַלעמען, מייַן פרייַנט, דו דריַנגסט,
מיט סייכל ניכטערן נעמסט אַלץ אַרום
און זאָגסט, ניט קוקנדיק ניט רעכטס, ניט לינקס:
דער בוים שטייט פעסט. דער שטערן בלאָנדזשעט אום.

וואָס ווינקסטו מיר אַף שטערן אין דער הויך?
אָט שטיי איך אַף אַן אָרט און בלאָנדזשע אויך.

1959

* * *

איז מיר דען בעסער, גרינגער, וואָס דער זעלבער ווינט,
וואָס דאָ צעוואָלגערט מיר דאָס גראָז אין הויף,
דער זעלבער, ער, די וואָלקנס קלײַבט צונויף,
דערנאָך פֿאַריאָגט, פֿאַרטראָגט זיי ערגעץ און פֿאַרשווינדט,
פֿאַרגינט זיך איבערלאָזן מיר אַ וועלט מיט בלוי,
און ער אַליין — זאָל אומטרײַבן אין גאַס אַ שטרוי.

וועט ער, דער ווינט, דען זײַן מײַן מאָס? זײַן גאַנג — מײַן כּיוון?
אַ וועלט די גרייס זאָל זײַן דער פּירעק פֿון מײַן הויף!
און אים אַריבער, ווען זיך וועלן וואָלקנס קלײַבן —
ניט ער, דער בלינדער ווינט, זאָל זיי פֿאַר מיר צעטרײַבן,
דער גורל פֿונעם שטרוי — מײַן ווילן זאָל ניט שטילן
און מײַן פֿאַרלאַנג: קיין מינדסטן שייד ניט פֿילן
צעווישן כּיוון מײַנעם און גוטן ווילן.

1956

* * *

די פולע לעוואָנע אויף וואַסער האָט שליטע,
אפילע דער יאם איז געהאָרכזאם איר מאכט.
איז וואָס איז די נייַס, אז א יונג אין דער ליטע
פלעגט אומגיין פארקישעפט אין ליכט פון דער נאכט?

ס׳איז ווינטער אין שטעטל. דער שניי — ביט באטראָטן,
און איך — אונטער שייַן פון לעוואָנע איך שטיי.
כ׳זאָג „שאָלעם־אלייכעם" מייַן אייגענעם שאָטן,
וואָס אומרויִק שווארצט זיך אויף רויִקן שניי.

פון אויבן — קיין גאָלדענער שטערן־געווימל,
פון אונטן איז ליכטיק — כאָטש נאָדעלעך קלייַב.
פון לאנגן, פארכידעשטן קוקן אין הימל
לעוואָניק, מיר דאכט, נעמט מיר ווערן דאָס לייַב.

און פלוצעם נעמט קלעמען דאָרט ערגעץ באם בוזעם:
די וועלט אזוי גרויס איז, און איך — אזוי קליין!
ווער הערט מייַן געבעט, נאָר דערזאָגן איך מוז אים, —
מייַן טפילע דערזאָגן די ליפּן אליין.

נאָר אנדערש דער מיין און מיט אייגענע ווערטער,
וואָס אומגערן פלייצן פון הארצן ארויס:
כ׳זאָג „שאָלעם־אלייכעם" — אייַך, היימישע ערטער,
אייַך, היימישע מענטשן — פון קליין און ביז גרויס.

און פרעגט מיך — פארוואָס פלעגן טרערן מיר פליסן,
און איינע פלעגט בלייַבן פארגליווערט אין אויג,
ווען כ׳פלעג די לעוואָנע מיט פולקייַט באגריסן,
דערבייַ פארן שטעטל זיך טאָן א פארנויג.

און אָט איז הייַנט יולי — פארקישעפטער זומער,
די פולע לעוואָנע, זי לייַכט אינעם גרינס,
און ווידער אין הימל קיין שטערן ארום איר,
און ווידער אין הארצן איר פולקייַט כ׳באגריס.

ס׳איז עמעס, א קלייניגקער כילעק פאראן דאָ.
און פרווו־קאָרשט ניט וואַרפן קיין שײַן אַף דערוף.
אפילע א טפילע, זי זאָגט זיך גאָר אנדערש,
ווען ס׳קלײַבט שוין א צווייטער די נאָדעלען אוף.

נאָר כ׳אײַל זי אויך הײַנט ניט פארשפעטיקן בענטשן,
פון קינדערשער בראָכע קיין אָס ניט פארפעלט.
כ׳זאָג: „שאָלעם־אַלייכעם“ — אײַך, היימישע מענטשן,
און טו זיך א נייג פאר דער גאנצענער וועלט.

1958

צום בויער

באַם גליקלעכן, באַם ערשטן בליצלעכן פאַרטראַכט,
ווען דאָס געביי דערזעסט אין אַלע זיינע מאָסן,
זיין וואַקלונג אין דער הייך איז אויך דאָרט איינגעשלאָסן?
צי דאָס קומט שפּעטער ערשט צו וועקן דיין געדאַכט?

פאַרגיב מיר, ליבער פריינט, וואָס כ'לאָז דיך ניט צורו,
געוויס ביסט מיד פון אומיאָגן אַף שטיגן־לייטערס,
נאָר זאָג מיר איינס: זיין הייך פאַר דורכשניט־ווינטן גרייט איז,
צי אויך פאַר שטורעמס אומגעריכטע גרייטסט זי צו?

און מאַך מיר קלאָר און זאָג, צי עמעס איז,
אַז אין זיין הייך זיך וויגט אויך ער, דער טורעם אייפעל?
ס'געזעץ איך ווייס, דאָס פרעגט אָבער ניט אָפּ מיין צווייפל:
צי האָט קיין רו ניט אינדערהייכן אויך אַ ריז?

צי שפּירט אין גרונט דער שטיין די הייך, ווען ס'וויגט זיך אום,
ווי ס'רופט זיך אָפּ אין שפּיץ, ווען ס'רודערן די גרונטן!
ווו שיידט די הויכקייט זיך מיט גרונטפעסטיקן אונטן,
צי עפּשער אָט די גרענעץ בלאָנדזשעט גאָר אַרום?

די הייך און גרעב פון ווענט — איעדער פינגער־שפּאַן —
דו וועגסט און מעסט און רעכנסט מיט אַ נעץ געמעלן;
זאָג, אָפּגיין אָן אַ זייט, ווען איינעם וועט געפעלן,
פון מענטשן־ראָש, צי איז פאַר אים דאָרט פּלאַץ פאַראַן?

דער איבוויקסטער רוים איז נאָר פאַר פרייד געגרייט,
פאַר אימפּעטדיקן יאָג, צי אויך פאַר רויִק זיצן,
ווי איך מיט דיר אַצינד, ווו גרונט און דאַך באַשיצן
זאָל זיין אָנגרונטיקע, נאָר אומרויִקע רייד?

נאָר אויב מיין פרעגן איז פאַר דיר אַ לאַסט, אָן אָל, —
ווי יעדערער, האָסט רעכט ניט ענטפערן, פאַרשווייגן;
און ווו אַ ווינקל־שאַרף — קאָנסט אויסמיידן, פאַרבייגיין,
ווי איך, אין מיין פאַרטונקלטקייט, איך טו אַמאָל...

מײַן פֿרײַנט װערט אומרויִק — דער בויער שטעלט זיך אוף
און װיגט זיך אום, װי זײַן געבײַ אין שטורעם־װינטן;
און גלײַך ער װאָלט זײַן ענטפֿער מיר דערמיט באַגרינדן,
ער כאַפּט אַ קוק אַף מיר, דערנאָך — אַ בליץ אַרוף:

איך װײס ניט, װי באַ אײַך מיט גײַסט איר האָט צו טאָן:
פֿאַרלירסט אים אין אַ פֿראַט, געפֿינסט אים אין סאַכאַקלונג,
און איך — מיך הערן שטײנער נאָר, מיך פֿאָלגט בעטאָן,
אין זײ אַרײַנהויכן נאָר אײן געזעץ איך קאָן:
װאָס העכער אין דער הײך — אַלץ שטאַרקער איז די װאַקלונג.

1956

אין דער ערשטער שטילקייט

די פֿיר יעסוידעס, האָב איך קינדווײַז קלאָר געוווסט, —
דאָס זײַנען: פֿײַער, וואסער, גרונטן־זאַמד און ווינט.
אַז ס׳איז פֿון זיי די קערפּערלעכע וועלט געשפּינט,
אַז פֿאַר זיי, פֿריִער, איז די וועלט געווען פּוסט
און וויסט... איז ווייניק דען פֿאַר אַזאַ קינד דאָס וויסן?
אַ קינד, וואָס אָפֿט פֿלעגט אויספֿעלן פֿאַר אים דער ביסן, —
אָט אים: וואָס וויסטקייט הייסט, האָט וויסן זיך געגלוסט,
נאָר אויף אַן ענטפֿער וואַרטן האָט ער לאַנג געמוזט.
אים, ווי אין לעבן, אָנגעגאַנגען איז דער איביען:
פֿון וויסטיקייט ווי ווערט אַזאַ מין שיינער בנין —
אַזאַ מין בלויער הימל, אַזאַ פֿעסטע ערד!
ס׳האָט קיינער אויף דער ערד זײַן פֿרעגן ניט געהערט,
ווײַל אין דער ערשטער שטילקייט האָט ער דאַן געלעבט,
ווײַל שטילער נאָך פֿון שטיל — זײַן פֿרעגן זיך געוועבט.
ווען עמעץ הערט אים יאָ, אים וואָלט עס נאָר פֿאַרוווּנדערט:
אַ קינד, וואָס שיר די הייזלעך פֿאַלן אים אַרונטער,
אָנשטאָט אַ רייף געזשאַווערטן אין גאַס צו טרײַבן,
ער פּרוּווט אַהינטער וועלט־באַשאַפֿונג זיך פֿאַרקלײַבן...
אַ צווייטער וואָלט געוואָרנט: שוין, אין גלויבן כ׳בלאָנדזשע;
אַ דריטער וואָלט צעלאַכט זיך: זאָג נאָר, דאַרער דראָנדזשע,
מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, זאָג, מיט גאָט ווילסט שטיפֿן?
אין זײַן ניט פֿולקומען באַשאַף זיך פּרוּווסט פֿאַרטיפֿן?
ביסט נאָך צו קליין דערויף. דערצו ניט אײַל באַזונדערס
דערוויסן זיך, וואָס פֿריִער, פֿאַר אַלץ, איז געווען —
וועסט האָבן שפּעטער נאָך גענוג די וועלט צו זען...
פֿרעגסט: ווען איז דאָס געווען, פֿרעגסט, ווען איז דאָס געשען?
אין סאַמע פֿרי פֿון ייִנגלשקייט באַזונדער —
אין בראשית פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

1956

* * *

ווי ליב צו וויסן איז, אז דאָס געווען בין איך:
מיט יאָגנדיקן האַרץ, מיט פּאָכנדיקן דיך,
מיט דינעם מענטעלע — פון ווינט דאָס לײַב פאַרשטעלט,
דאָס פּאָנעם אופגעפלאַמט פון עסעדיקער קעלט,
ווען צו דעם ערשטן שניי כ׳פלעג קומען שיר ניט באָרוועס...
און ווײַניקער פון אַלץ געזאָרגט האָב איך פאַר זיך.
ווײַל ארן האָט מיך גאָר געאַרט, פאַרוואָס דאָס קלאָר־ווײַס
פון אָט דעם שניי צעטראָטן ווערט דורך גראָבע שיך,
וואָס לאָזן איבער שוואַרצע קאַליזשעס נאָך זיך...
ווײַזט אויס, אַז דאָס געווען בין איך, בין איך,
ווײַל נאָך ביז הײַנט מיך אַרט, פאַרוואָס דאָס שײַנע אָרוועס
פאַר ערשטן שניי צערונען איז זיך אַזוי גיך.

1956

א ביטערער פּעלער

ווי פֿל מאָל די שוועסטער פּלעגט מיך טאַדלען, שלאָגן,
ווי פֿל מאָל די מאַמע פּלעגט מיר זאָרגפֿול זאָגן:
זאָג, אין וואָס ביסטו עס אַזוי שטאַרק פֿאַרטראָגן?

שיקסט דיך: ברענג א לעפֿל — טראָגסטו מיר א טעלער,
קלעטערסט אויפֿן בוידעם, ווען איך שיק אין קעלער, —
זיצן מוז אין דיר, מײַן זון, א גרויסער פּעלער.

שוין פֿון היינט ביסטו אן אויסנאַם צווישן ברידער,
שוין פֿון איצטער פּלאָנטערסט איבער הויך און נידער, —
ס'גאַנצע לעבן קאָן דאָך גיין דיר קידער־ווידער.

זעסט דען ניט קיין כילעק צווישן ווײַט און נאָ'נטן?
אויב אויך גרויסערהייט דו וועסט, ווי איצטער, פּלאָנטען, —
קאָנסטו זיך און גאָר דער וועלט נאָר שאָדן אָנטאָן.

כ'האָב זי אויסגעהערט, קיין טרייסט־וואָרט ניט געזאָגט איר —
פּרוּווט זי טרייסטן מיך און זאָגט מיר א פֿאַרזאָרגטע:
כ'האָף, מײַן זון, די צײַט, זי איז דער בעסטער דאָקטער...

צי די צײַט, די רעכטע צײַט האָט דורכגעלאָזן?
צי אין אײַלעניש פֿאַרזען די היילונגס־גראָזן?
צי האָב איך צו זיך ניט אָפּט זי צוגעלאָזן?
אָדער אָף דער צײַט אליין זיך אָפּט פֿאַרלאָזן?

ס'האָט דאָס לעבן דורכגעפּלייצט, צי דורכגעלאָפֿן? —
אויסגעלאָזט א טײַך זיך פֿון דער מאַמעס האָפֿן, —
ס'האָט קיין דאָקטער, ניט קיין טאַטער ניט געהאָלפֿן.

ס'האָט דער פּעלער טיף אין מיר געהאַט זײַן באָדן.
כ'האָב אים אין א וויסטעניש ניט אויסגעלאָדן —
ניט צו ברענגען זיך און גאָר דער וועלט קיין שאָדן.

פרעגט זיך: וואָס ושע האָט די וועלט זיך ניט געווערט
און מיַין פעלער זיך צעוואַקסן ניט געשטערט,
נאָר פארקערט גאָר — אָפּט צו אים זיך צוגעהערט?

עפשער, מאמע, — ענטפער מיר אף אָט דער שיַילע, —
טראַכסט שוין אויך, ווי גאָר די וועלט, אַז ס'איז א מיַילע?

1956

דער קוואַל

ס'איז קיין זאַך ניט געשען און קיין זאַך ניט געטראָפן:
אַ שוואַרצינק ייִנגעלע — דעם הויף אַדורכגעלאָפן;
אַ טונקל באַכערל די שטאָט־לענג דורכגעשניטן —
קיין גאַס, קיין געסעלע אין וועג ניט אויסגעמיטן;
אַ שלאַנקער יונג — אַליין אין ווילדן וואַלד פאַרגאַנגען —
דאָס האַרץ — נאָך פול מיט ברייט־פאַרוואָרצלטע פאַרלאַנגען...
אין ליכט־ און שאָטן־שפּיל פון הויכן וואַלד געפאַנגען,
דערזען האָט ער אַ קוואַל, זײַן דעק געפּרווווט פאַרטיפן;
אַ שטאַלטנער מאַן — דעם וועג געצוימט, געגלײַכט, געשליפן,
פון וועג דעם שטיין געראַמט — אַז ס'זאָל דעם קוואַל ניט שטערן,
צום גרויסן וואַסער ווען ער וועט זיך טראָגן גערן,
זײַן רויש ניט ראַשיקן דעם וואַלד צו לאַנג הערן;
און ווען זײַן קלאָרן פלוס אַ וואָלקן וועט באַדעקן
ביז דעק מיט פינצטערניש — ער זאָל זיך אויך ניט שרעקן.
און אַז גאָטס ווינטל זאָל איבער דעם קוואַל טאָן שוועבן —
ער איז געוועזן גרייט אַוועקגעבן דאָס לעבן...
און דאָך האָט אים געדאַכט, אַז עפּעס נאָך אים פעלט:
צו אָפן פליסט דער קוואַל, צי צופיל שוין פאַרשטעלט?
און ער איז אַרעוו דאָ פאַר דעם פאַר גאָר דער וועלט.

אַזוי איז אָט דער מאַן צו פרי געוואָרן אַ באַיאָרטער,
ווען יעדער שאָ און טאָג איז שוין אַן אָפּגעשפּאָרטער...
איין פראַגע נאָר דער מענטש, ער וויל צולעצט פאַרגעבן:
דאָס ייִנגעלע, וואָס שטייט אָט דאָרט, באַם אָנהייב לעבן,
געהאַט האָט שוואַרצע האָר, איצט האָט עס גרויע האָר,
און דאָס איז גאָר?
דאָס ייִנגל וועט אַוועק, דער פּלאַץ וועט בלײַבן ליידיק —
און אַלץ וועט זײַן דערליידיקט?
נו, און דער קלאָרער קוואַל, וואָס אים ניט אויסצושעפּן?
נו, און גאָטס ווינטל, וואָס אַריבער אים טוט שוועבן?
נו, און דער וואַלד, וואָס וויל, דער קוואַל זאָל אייביק לעבן?

1953

ווער געקאָנט האָט קלערן

ווער געקאָנט האָט קלערן, ווער געקאָנט זיך ריכטן,
אַז אַ פּאָשעט ווערטל פֿון רעב גדאַליע שוסטער
ווערן זאָל אַ בײַשפּיל און מײַן לעבנס־מוסטער,
די געדאַנקען ווענדן אין אַ נײַער ריכטונג.

טונקלקײַט אין שטיבל, באַם װאַרשטאַטל זיצט ער,
אויף אַ רימען־בענקל נידעריק געבויגן;
מיט אַ צוזאַג אַ צוועקל שווער אַרויסגעצויגן:
— ווילסטו טאַקע, ייִנגל, כ׳זאָל דיר מאַכן איצטער?

אויף די ווענט די שאָטנס איינס אויף איינס זיך שיכטן —
שעם איך זיך צו בעטן. זאָגט ער מיר פֿילדײַטיק:
— אָפּלייגן אויף מאָרגן? מאָרגן איז קורצפֿרײַטיק,
קאָלזמאַן ס׳ברענט דאָס ליכטל, קאָן מען נאָך פֿאַריכטן.

איצטער, ווען איך בין שוין אין רעב גדאַליעס יאָרן,
קומט מיר אויף דאָס ווערטל אָפּטער אין זיקאָרן.

1956

• • •

...פרעגט די וועלט אן אלטע קאשע:
טרא־ליא, טרא־ליא־ליא־ליא...
(פון א פאָלקסליד)

און גראָד, ווען נישט טאָג און נישט נאַכט אַף דער גאַס,
און גראָד, ווען דאָס פענצטער איז טראָפנדיק־נאַס,
דאָס טונקל פון שטוב — אין די ווינקלען שטייט אײַן,
די שטילקײַט — אין פולן רעשוס טרעט ארײַן, —
פון שטיל צי פון טונקל דערהערן זיך פלעגט
א ניגן־געמורמל, וואָס מאָנט און וואָס פרעגט:

...פרעגט די וועלט אן אלטע קאשע...

וועט איר מיך דאָך פרעגן: דער פרעגער איז ווער?
דער מאָנער דער שטרענגער, ווי קומט ער אהער?
בייגט אָן זיך, זײַט מויכל — צו זײַן דאָ א גלײַכן,
קוקט אײַן זיך אין טאַטן באַם מאָלצײַט נישט רײַכן:
אַף דלאָניעס אַף בײדע דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט,
ער זיצט, און ווי גלײַך אַף אן ענטפער ער וואַרט.
און קלוימערשט נישט ער, נאָר אין דרויסן דער רעגן,
די טונקעלע ווינקלען פון שטוב טוען פרעגן,
די שטילקײַט, וואָס הערשט אינעם שאָטן־געמיש,
די מאַמע, די קינדער באַם אָרעמען טיש:

...פרעגט די וועלט אן אלטע קאשע...

דעם ניגן אָן ווערטער איך האָב נישט געזונגען.
איך האָב נאָר געהערט און די טרערן געשלונגען.
ווען עמעצער פרעגט מיך דאַן: וואָס טוט דיר באַנק?
כ'וואָלט עפּשער געענטפערט: דאָס עלנט געזאַנג,
וואָס האָט זיך צו הויך אין די הימלען פאַרקליבן,

און איז אף דער ערד אָן אָנשפּאַר געבליבן,
און ס'קאָן באַך, כאָלילע, די פֿראַגע דער וועלטס,
אַזוי ווי אַ פֿויגל אָן שפּיץ פֿון אַ פֿעלדז
צעקלאַפּן זיך, פֿאַלנדיק טיף אין דער בידער,
אף קיינמאָל, מער קיינמאָל ניט אופֿשטיין ווידער, —
האָב איך, ווי אָן אָרעװ, אין מיט פֿון דער וועלט,
צוויי קינדערשע דלאָניעס איר אונטערגעשטעלט...

דער טאַטע דעם קאָפּ פֿון די דלאָניעס הייבט אוף,
ווי ער וואָלט אַלץ זען און וואָלט אײַנגיין דערוף.
צו מיר, צו דעם ייִנגסטן — אַ שמייכל געטאָן,
ווי ער וואָלט דערקענען מיך אין זײַן קאָן.
און ס'ציט זיך דער ניגון פֿון אָנהייב, פֿון אַלעף,
די שאָטנס זיך וויגן — מיר זינגען שוין אַלע,
און אַנדערש, גאָר אַנדערש דאָס זינגען טוט קלינגען,
ווי גלײַך מיט זײַן גורל טוט יעדער זיך דינגען:

און אַז איך וויל — ענטפֿער איך: טרײַ־לײַ, טרײַ־לײַ...
און אַז איך וויל...
און ווידער ווערט שטיל...

דער רעגן פֿלעגט, האַכט זיך, ווי אופֿהערן גיסן.
אַ שטערן פֿון הימל — פֿלעגט געבן צו וויסן:
געקומען די וואָך... און פֿאַרדרייסן פֿלעגט נעמען,
דאָס קינדעריש האַרץ — ווי זיך צאַפּלען אין קלעמען:
פֿאַרוואָס, האַלעמײַ
פֿרעגט די וועלט די אַלטע קאַשע:
טראַ־ליאַ, טראַ־ליאַ, ליאַ־ליאַ־ליאַ...

1958

* * *

אַזוי האָט זי דער טאַטע אָנגערופֿן,
מײַן מי געבענטשטע: געצענדיבערײַ.
אַ צװײטער אף זײַן אָרט װאָלט זיך פֿאַרופֿן
אף טויזנט טיפֿע כריפּעסן דערבײַ.

און זײַענדיק, כּוץ דעם, מער גאָרניט אויסן,
ער װאָלט געװען גליקלעך אף געװיס,
װען אים געלינגען װאָלט אַרויסצושטויסן
דעם גרונט פֿון אונטער מײַנע יונגע פֿיס.

ער װאָלט געליאַרעמט, װי אין אַ בעהאָלע,
און אײַנגעטײַנעט ביז צום לעצטן כריפּ,
אַז כ׳גיס מײַן װײַן פֿאַר פֿרעמדן גאָט אַפּאָלאָ
און אַז די געטין װענוס איז מיר ליב.

ער װאָלט מיר פֿאַרװאַרפֿן דעם גײַסט פֿון גריכן
און װאָלט דערבײַ געקראָכן פֿון דער הויט —
דערװײַזן, אַז איך בין צום פֿוקס געגליכן,
װאָס קריכט אין װײַנגאָרטן דורך פֿרעמדן פּלויט.

אַז כ׳בלאָנדזשע טיף, אַז כ׳בין פֿון װעג אײַנגאַנצן,
אַז ס׳האָט דער שטורעם מיך צו װײַט פֿאַרשלעפּט,
אַז כ׳בין אַ װילדע, אַ פֿאַרדאַרבטע פּלאַנצונג,
װאָס פֿון אַ פֿרעמדן באָדן כּוחעס שעפּט.

נאָר ער, דער טאַטע, טיפֿער האָט געדרונגען —
ניט מיך און ניט דעם שטורעם אָפּגעפֿרעגט,
אַן אויער צוגעלײגט, װען כ׳האָב געזונגען,
געשמײכלט, װען מײַן פֿרוכט האָט אים פֿאַרשמעקט.

אַמאָל נאָר גוטמוטיק געזאָגט: איך זע,
דעם שעפּער מערקסט ניט — אים פֿאַרשטעלט זײַן שאָפֿן.

טרעפסט אָן אַ בוים — „מה נאה אילן זה!“[1]
און פֿאַר זײַן זון־ און שאָטן־שפּיל טוסט גאַפֿן.

ווי בײַ אַ געצנדינסט, דו זינגסט דעם בוים
אַ לויב — זײַן צווײַגן־שפּאַן פֿון קרוין ביז וואָרצל,
און דעם, וואָס האָט באַשאַפֿן ערד און רוים,
געווידמעט זײַן כּאָטש איין־און־אײנציק וואָרט וואָל.

דו מיינסט, אַז נאָר פֿון נעכט און טעג די בײַט,
צום פֿעלד — די זון, דער וואָלקן וואָל ניט זאַמען, —
זײַן כּעסעד דאַרף, — ווי ביידן ווי צוזאַמען, —
אויך דײַן געזאַנג — ס׳וואָל קומען צו דער צײַט.

געווען אַ מיילעך דאָוויד אַף דער וועלט —
פֿון האַרץ אין האַרץ ביז הײַנט צום מענטש ער רעדט.
מיט אים פֿאַרגלײַכן זיך, מײַן זון, דיר פֿעלט
אַ סאַך — אָט דאָס געווען איז אַ פּאָעט!..

נאָר זי, די מאַמע, וואָס איז ערגעץ דאָרט,
פֿאַרטאָן אין אירס, אין זאָרג פֿאַרטיפֿט געשטאַנען,
זיך צוגעהערט, ניט מער דאָס צענטע וואָרט,
מיסטאָם, פֿון אָט די אַלע רייד פֿאַרשטאַנען, —

זי האָט זיך שעמעוודיק צו מיר דערנענ׳נט
און פֿרעגנדיק געקוקט מיר אין די אויגן,
ווי גלײַך זי וואָלט דעם איניען אָפּגעווויגן,
און, קוים באַשלאָסן זיך, צו מיר געווענדט:

„דערקלער, מײַן זון, דער מאַמען פּראָסט, אַף ייִדיש,
אַ צײַט איך הער — איר טײַנעט אַלץ און רעדט:
פּאָעט... פּאָעט...
דו מאַך מיר קלאָר: אַף וויפֿל קלאַסן אי דאָס?..“

[1] ווי שיין איז אָט דער בוים!

איז וואָס האָב איך איר ענטפערן געקענט,
דער מאַמען, וואָס זי ווייסט נאָר אירע ווענט פיר:
אַז בלײַבן וועט איר פראַגע אָן אַן ענטפער?
אַז גאָר די וועלט, אַהינטער אירע ווענט,

אַף אַלע אירע שפּראַכן פרעגט מיט כידעש:
פּאָעט... פּאָעט... איר מאַכט מיר קלאָר, וואָס אי דאָס?
און אַז אין ערשטן ליד כ'האָב שוין געשטעלט:
„אָ, ווען איך ווייס, וואָס ענטפערט מען אַ וועלט!..“

און ביידן זיי — מײַן טאַטן און דעם שאָכן, —
זיי ביידן כ'ענטפער שיר ניט מיט ניצאָכן:
אַז אויב גאָטס שאָטן איז אַ בוים אַ גרינער —
בין איך ביז הײַנט נאָך אַלץ אַ געצנדינער.

1958

3-1660

• • •

וואָס וועסטו, נאַרעלע, מיט מיר אין מאַרק זיך שלעפּן.
אַ טוואַן דאָרט ביז די קני — דאָרט שטעלט זיך אַ יאַריד.
קאָנסט זיך פֿאַרלירן נאָך, פֿון בלאָנקען ווערן מיד,
אין ענגשאַפט — מיט אַ צוואָק די הייזלעך זיך פֿאַרטשעפּען.

וואָס האָסטו ניט געזען צי דאָרטן ניט געהערט —
אַ קרייען פֿון אַ האָן, געבונדן באַ די פֿליגלען.
אַ ייִד קויפֿט פּעלכלעך אויף, ציגײַנער בײַטן פּערד,
כאַזיירים אַף אַ פֿור אין פֿרילינג־שײַן זיך שפּיגלען.

דער טומל און דער ראַש, ווי פֿאַריקס מאָל, דער זעלבער,
פֿון נאָ׳נטער שמידערײַ מאַכט טויב דער האַמער־קלונג.
אין וואָגנס, אונטער זון, באַרויִקט ליגן קעלבער,
דעם בוהײַ רייצט נאָך אַלץ אין גאָלעכער די רונג.

דאָס זעלבע — יאָר אין יאָר, אָן שיִיך און אָן אַ כּילעק —
ניט האָבן קיינמאָל וועסט אַף ניט גיין קיין כאַראָטע.
דעם מענטשנס געננג — געציילט... צו וואָס זאָלסט אייגנווײַליק
אָן איבעריקן גאַנג פֿאַרלירן אין דער בלאָטע...

ס׳איז דען אַ טאַכלעס דיר, זאָלסט צוזען, ווי דאָס פֿאָלק,
פֿאַרטראָגן, ווי ניט הי, דאָרט לויפֿט אַרום פֿאַרשמײַעט,
און צווישן וועגענער זײַן אינדערוואָכן פֿײַערט,
זײַן קלײנקײַט שרײַט אַרויס... ניין, בעסער מיך שוין פֿאָלג...

ער האָט איבמיטן וועג מײַן גאַנג מיר אָפּגעשטעלט
און מיט אַ שטרענגן קוק דערלאַנגט אין האַנט זײַן שטעקן;
צי אַף דערפֿרייען מיך, צי מיך אַף אָנצושרעקן —
אַ זאָג געטאָן: שטיי דאָ, אַף דיר עס שטייט די וועלט.

אַזוי האָט ער געזאָגט, ווײַזט אויס, ער האָט געשפּאַסט,
נאָר עפּשער האָט ער גראָד געהאַט זײַן מײַן דערבײַ.
און איך בין זײַן געבאָט אַ ווײַל געבליבן טרײַ —
כ׳האָב אַף מײַן רוקן גלײַך דערפֿילט אַ שווערע לאַסט.

וואָס מער אַהינטער איר מײַן אַקסל בייגט זיך אָן —
אַלץ מער דערהויבנקייט איך שפּיר אין גאָר מײַן וועזן;
מיט בלוט מײַנעם און זעל אין דרויסן כ'בין געוועזן.
איך האָב נאָר ניט געוווּסט, וואָס מיט דער וועלט צו טאָן.

אַף מיר עס שטייט די וועלט — מיט איר איך לאָז זיך לויפן —
זי ווײַזן דורך אַ שויב, פאַרלויפן אין די הויפן.
און כאָטש איך זינק אַמאָל אין זומפּ ביז איבער קני אָכן, —
כ'איַיל אָנקומען צום פאָלק אין סאַמע אינדערוואָכן...

1960

נאָכאַמאָל דאָס זעלבע?

אין א טאָג אזוינעם פאלט אויך ניט קיין שאָטן,
איבער אָט די שנייען איז א שאָד א טראָט טאָן.

. . . .

נאָכאַמאָל דאָס זעלבע? ווידער וועגן שניי?
וועגן שיינקײַט, ריינקײַט — כאָטש ניט גיי, ניט שטיי.

האָסט דאָך ערשט אין שנייען ליכטיקײַט געמאָלט —
ס'איז דיר ניט געראָטן טאָן, וואָס האָסט געוואָלט?

נו, און איצט ביסט זיכער, ס'וועט א נעס געשען —
אַלץ וועסט איבערגעבן, וואָס דו האָסט געזען?

אדעראבע, פּרוּוו קאָרשט פריער ניט קיין סאך:
ווי דער שניי ער לייגט זיך אפן גרינס פון סכאך,

אפן צווײַגן־אויסגעפלעכט פונעם קארשן־בוים —
אף די דינע ריטלעך, ווו ער האלט זיך קוים.

גוט, ווען דיר גיט אײַן זיך אויסמאָלן אמבעסטן:
אינעם כאפּ פון צווײַגן — ווײַסע פוכקע נעסטן.

ווי אף טריבע הענגלעך פון ריאבינע זיצן
רונדע, אָנגעשנייטע טורעמלעך מיט שפּיצן —

ס'האָט אין זיי דער ווינטער נאָרוואָס זיך באזעצט...
איצט קומט אָן די שטילקײַט — שטילקײַט קומט צולעצט.

זי, ווען דו גייסט מאָלן, — שטילקײַט מאָל, מער גאָרניט,
ווי די שטילקײַט ניזהערט — אויסזאָגן מע טאָר ניט,

סײַדן עפּשער טראכטן... נאָר ניט זוך קיין ווערטער
פארן שטילן כעסעד, וואָס איז אומגעקערט דיר.

זאָג נאָר אָט די ווערטער: לעבן, זײַ געגריסט —
כ'ווייס שוין: אזא שטילקײַט גיט זיך ניט אומזיסט.

1956

• • •

ווען שפּאַנסט אין גאַס — ניט ניכטער און ניט שיקער
און קוקסט זיך איַין אַרום, ווי ניט קיין היגער;
הער אויער אָנגעשטרענגט, ווי צו אַ רוף,
אַז שיר ניט אויף קיין מענטשן טרעטסט אַרויף;
די ערד ווערט צוּבערלאַנד, דער טראָט־גאַנג — לײַכט,
די אויגן — קלאָר, דער רוקן — אויסגעגלײַכט.
פון האַרץ פאַרשווינדט די שרעק פאַר שטיין און שטרויכל, —
נו, מיילע, טרעפט אַמאָל אַזעלכעס — מויכל...

אַפילו הײַנט, ווען אַלץ אַרום איז וואָך,
פון זאָרגן קלייניגלעכע דיך בייגט דער יאָך,
דײַן ברעם זיך רויגעזט און דו האָסט פאַריבל,
וואָס אַפן מאַרק פאַרפעלט האָט דיר אַ ציבל,
דערבײַ האָסט אָבער האַרצווייטיק דערפון,
וואָס אָט דאָס ציבל דיר פאַרשטעלט די זון,
און, זיי פאַרגלײַכנדיק, דו טוסט אַ שמייכל, —
נו, מיילע, שוין דערפאַר מע איז דיר מויכל...

נאָר אויב דאָס ציבעלע, וואָס האָט פאַרפעלט
דיר, אויסוואַקסן די גרייס וועט ווי די וועלט,
און וועסט אין שאָרך פון שאָלעכצן אַרײַן,
דורך זייער טונקלקײַט צו שעפן שײַן, —
ווער וועט דיר דעמלט מויכל זײַן...

1960

אין פאַרענדערונג

דער טאָג הײַנט א הויכער, די ביימער — אין גאָלד און אין לײַטערונג,
פאַרטיפטע אין שטילקײַט פון אָפגיין, אין שטאָלץ פון דערווײַטערונג,
ביז ראַנד פונעם הימל — אין אומבײַט פון גרינס און צעפלאַקערטקײַט,
אין דרויסיקן האַוועץ און בלײַבן בא שטאַמיקער נאַקעטקײַט.

און גלײַך, ווי פון מ י ר וואָלט דער ליכטיקער האַרבסט־טאָג זיך אָפשיידן, —
דאָס האַרץ רײַסט זיך אָפ מיר מיט יעטווידער בלעטערשן אָפשיטן,
נאָר שטיי איך א רעגע — די שטילקײַט מיר רוימט אין די אויערן:
אזוי ווי די ערד מיטן הימל, דער דאָזיקער האַרבסט־טאָג וועט דויערן.

איך שפאַן פאַרבײַ אָפענעם פעלד — טיף צעאַקערטן, הרודיקן,
וואָס באַלד וועט א יונגינקע גרינקײַט אײַנגאַנצן אים צודעקן,
און טראַכט: אז אָט דאָ, בא דער בונטער פאַרבלעגדעניש,
וואָלט גרינג זײַן אויך דאָרט, ווו מע ווייסט שוין ניט מער קיין
פאַרענדערניש.

1956

בלויזן

אזויפיל בלויזן, גאָט מײַנער, געלאָזן
אהינטער זיך... קיין צײַט אַף זיי פאַריכטן
איז שוין ניטאָ, און זען מיר בלײַבט נאָר אויס,
ווי גלײַך נאָך יעדן אופטו שווארצט א בלויז, —
אז אָפט א קאָפּשווינדל איך הייב אָן פילן,
ווי אין א הארבסטיק פעלד אין אקער־צײַט,
ווען גרין און שווארץ אָנופהערלעך זיך בײַט.
און ס'איז מײַן זאָרג אין ערעוו ווינטער שטילן:
ווען איך וועל שוין מײַן אקער־פעלד פאַרלאָזן —
קיין שניי־שטורעם זאָל גלײַך זיך ניט צעשפּילן
און העפקערדיק דאָס פעלד מײַנס ניט אריבער,
פאַרגלעטנדיק, פאַרמעקנדיק זײַן אויסזען.
ווײַל עפּשער זײַנען גראָד אָט יענע בלויזן —
דאָס סאמע קענטלעכסטע, וואָס איך לאָז איבער.

אפרעל 1960

א נאַכט האָט גערעגנט

א נאַכט האָט געדונערט, געבליצט און גערעגנט.
אַף גראָז־געוואַלגער דעם טאָג האָט באַגעגנט
א ליכטיקער טראָפּן, וואָס איינס נאָר ער וויל:
די זון זאָל אין אים זיך נאָך געבן א שפּיל,
די בלויקייט אין אים זאָל אַן אָרט זיך געפינען —
ער זאָל זיך נאָך זילבערן, גילדן און גרינען.
ווייל עפּשער איז ער צוליב דעם נאָר געבאָרן,
פון וואַסער און שטילקייט א טראָפּן געוואָרן...
ער לייכט דען פאַר זיך — ער באַצירט דאָך דעם וואַלד.
אין וואַלד פאַלט א בלאַט צי א נאָדעלע פאַלט,
און ער איז א זומער־פרימאָרגן ערשט אַלט, —
פאַרוואָס זאָל דער וואַלד אים פאַרלעשן מיט גוואַלד?

1959

וואָס פון א מילשטיין בלייבט

געווען כ׳בין יונג, און אינעם גרויסן לעבנס־פּלאָנטער,
אָנשטאָט אוועקגיין אין א זייט און דאָרט זיך שטיל שטיין,
גענומען כ׳האָב אף זיך א שווערן קנופּ — א מילשטיין.
איז קאַרג — בין איך נאָך צוגעגאנגען נע׳נטער, נאָ׳נטער,
געגארט, מיין נאָמען ווערן דאָרט זאָל א דערמאָנטער,
און ס׳איז דער שווערער קנופּ געווען פון הוילן פּלאָנטער.

געווען כ׳בין יונג, און ווי אף בונטע מיזרעך־מארקן,
ווו קראפט ווערט הויך געשאצט, און דרייסטקייט — לייכט פארדונגען,
אויך מיר מיין קויעך אָנבאָטן איז דאן געלונגען;
און ניט אף א קאָל, ווי אלע בראווע יונגען,
איז מיט א וווּנק, אז כ׳האָב א רוקנביין א שטארקן...

א לעבן דורך: פון מילשטיין איז א רייפעלע פארבליבן.
און יענעם טומלדיקן, בונטן מארק פון מיזרעך
אף מיילן־ווייט ארומצוגיין שוין איצט איך מי זיך, —
אמאָל מיט צאר, אמאָל — מיט שמייכל אף די ליפּן, —
פון שווערן קנופּ — קיין לייכטן שלייף שוין ניט פארקניפּן.

איין שטויס — און ס׳וועט דאָס לעצטע רייפעלע פארשווינדן,
איין צי — און גרייט דער לעצטער שלייף זיך אופצובינדן...

1953

א טאָעס?

פאַרוואָס זײַנען בײַ מיר די אויגן פײַכט?
כ'האָב דען אין שלאָף באַנאַכט פאַר צאַר געוויינט?
און מיר האָט דאָך געדאַכט, איך האָב געמיינט,
אַז נאָר אין פריידן קומען טרערן לײַכט.
ניט איין מאָל ס'האָרץ געבליבן איז פאַרשטיינט:
זיך אויסוויינען געמיינט, נאָר ניט געוויינט.
ווי שטערן, פונקען שלאָגסט אויס פון גראַניט,
נאָר פון די אויגן טרערן — איינמאָל ניט.
פון אונטער שווערסטן שטיין — זיך אויסגעלײַכט.
פאַרוואָס זשע זײַנען מײַנע אויגן פײַכט?

מײַן טאָג פון נאַכט כ'האָב אָפּגעגרענעצט שאַרף —
זיי זאָלן איינס אין צווייטן זיך ניט שפּיגלען.
אָן ווענט, אָן טויערן, אָן שווערע ריגלען
די גרענעצן ווערן אָפּגעהיט, זי דאַרף:
זאָל יעדע צײַט איר הערשאַפט שפּרייטן פרײַ,
זאָל יעדע בײַט ניט ווערן זיך דערבײַ.
פאַרוואָס זשע טרעט די נאַכט דעם וועג ניט אָפּ
און ברענגט אין טאָג אַרײַן איר שווערע גאָב?
און איך האָב נאָך געמיינט, מיר האָט געדאַכט —
פאַר פרייד האָב איך געוויינט אַ גאַנצע נאַכט.

1956

* * *

צווישן אַלע בראָכעס, וואָס כ׳פֿלעג קינדווײַז זאָגן,
ווי נאָר איך פֿלעג אויפֿשטיין, יעדן אינדערפֿרי —
זומער — בא דער זון־שײַן, ווינטער — אין פֿאַרטאָגן,
היפּערנדיק ווערטער, ניט פֿאַרפֿעלט כ׳האָב די:

„גרויסער האַר פֿון וועלטן, זאָלסט דורך מיר געבענטשט זײַן,
דו, וואָס פֿרײַ טוסט מאַכן דעם, וואָס איז געבונדן!"
און פֿאַר מײַנע אויגן שטיין כ׳פֿלעג זען א מענטשן,
וואָס דער לעצטער בינד־שטריק ווערט פֿון אים פֿאַרשוווּנדן.

מער פֿלעג איך ניט טראַכטן, מער פֿאַר אים ניט זאָרגן —
זאָל אַ מענטש אַליין זיך אָפּזוכן זײַן גליק...
און די זעלבע בראָכע — נאָכאַמאָל אױף מאָרגן,
אױף דעם זעלבן מענטשן — אַלץ די זעלבע שטריק.

ווער ווייס איז דאָ שולדיק — פֿלעג איך קלערן דעמלט,
עפּשער איך — מער קיינער — האָט זיך מיר געדאַכט:
זאָגנדיק די בראָכע, האָט מײַן האַרץ געדרעמלט,
צי דערבײַ דער מויעך ניט געווען דערוואַכט?

און די זעלבע ווערטער כ׳פֿלעג שוין אַנדערש זאָגן,
גאָרנישט, כוץ דערלייזונג, האָבנדיק אין זין,
מיט דעם מענטשנס גורל ביז צו נאַכט זיך פּלאָגן,
אים צו זען אַ פֿרײַען מאָרגן אין באַגין.

1958

* * *

זײדע, זײדע, נו און װײַטער?
װאָס איז װײַטער דאָרט, דערצײל.
האָסט פֿארגעסן? — באַ א שײַטער
זיצן מענטשן אין א הײל.

אלע זיצן זײ און שװײַגן,
יעדע װײַל זיך קוקן אום,
װי דאָס פֿײַער אין די צװײַגן
מאכט מער פֿינצטער דעם ארום.

עפּעס װילט זיך מיר ניט קערן,
קינד מײַנס, אין דער הײל צוריק —
לאָמיר בעסער זיצן, הערן
פֿון דער „צוקונפֿט די מוזיק".

הערסט, זי קומט דיר אָן אנטקעגן. —
שטיל דאָס קינד װערט מיטאמאָל,
נאָר די אױגן זײַנע פֿרעגן:
צוקונפֿט — דאָס איז אױך אמאָל?

אים דעם כילעק צו דערקלערן —
װאָלט פֿארפֿירט מיך זײער װײַט:
ער װאָלט מיך געװאָרן הערן,
צי ס'װאָלט אױסגײן מיר די צײַט.

1958

• • •

דער טאָכטער — דעם סקולפּטאָר

מײַן קינד, דעם עמעס זאָג, אַנטפּלעק מיר נאָר איין זאַך:
צי איך, פון פלייש און בלוט, בין ליבער דיר א סאַך
פון דעם, וואָס האָסט פון ליים מיט דײַנע הענט געקלעפּט
און אינעם הויפן ערד אַפּסנײַ מיך אויפגעלעבט.
צי טוסטו ניט א טראַכט, אַז דער, וואָס אָטעמט נאָך,
האָט זײַנס שוין אָפּגעטאָן, און דער וועט זײַן דערנאָך,
ווען ביידן אונדז פאַרגלײַכסט, צי ערגעץ זיכער ביסט,
אַז ניט פון מיר — פון אים דײַן ייִכעס־פאָדעם ציסט.
אַז פאַר דעם אָטעם לופט, וואָס איך האָב דיר געגעבן,
דו האָסט מיר רעכט באַצאָלט — א לעבן פאַר א לעבן.
ווײַל אַלע, אַלע אונדז איין לײַדנשאַפט טוט טרײַבן:
דיך הײַנט, ווי מיך אַמאָל, — צו זײַן און צו פאַרבלײַבן.

און כאָטש איך ווייס דאָס אַלץ, נאָר מענטשלעך מיך פאַרשעמט,
וואָס אייגן לײַב און בלוט קאָן ווערן אָפּגעפרעמדט.
מיט ערנסט קינדערשן אונדז גלײַכסט, אונדז מעסט דעם קאָפּ,
צי עמעצער פון אונדז פון מאָס איז ניט אַראָפּ.
באַם אָנשטרענגען מײַן ברעם, בײַ יעדן קער און ווענד,
באַם אויסשמייכלען מײַן ליפּ געבענטשט כ׳האָב דײַנע הענט.
דערפאַר מיך פּײַניקט, פּלאָגט אַן אויסטערליש געדאַנק:
צי האָסטו אָנשטאָט מיר מײַן כעזשבן ניט דערבראַכט
צום סאָף... און ס׳ווערט אין האַרץ א שווערער כשאַד געבאָרן:
צי מיך געפינענדיק, פאַרייִנס האָסט אויך פאַרלאָרן?
ווען ס׳איז דיר מײַן געשטאַלט געוואָרן קלאָר, געלײַטערט, —
צי האָט עס אונדז דערנע׳נט, צי עפּשער גאָר דערווײַטערט...

1958

ביזן לעצטן אויסהויך

קיינמאָל ניט באטראַכטן יענע ווײַטע ברעגן,
און איך וועל ניט זײַן דאָרט ביזן סאָף פון לעבן,
ווײַל מיט אלדי ווײַטן כ'האָב זיך אָפּגעזעגנט,
ווײַל איין־איינציק לעבן איז מיר נאָר געגעבן.

וואָלט איך, דאַכט זיך, דאַרפן זיך א מוסער נעמען
און פון הײַנט ניט וועלן גאָר די וועלט פאַרשלינגען,
ביסלעכווײַז פאַרגעסן טוונגען און נעמען, —
ס'זאָל אויך מיט דער נאָענט שיידן זיך זײַן גרינגער.

כ'ווייס דאָך, ווי עס פירט זיך אף דער ערד אָט דאָדערט:
וויפל ניט געפלויגן, וויפל ניט געמיט זיך,
כוץ א קלייד אָן טאשן, ווי דער מינהעג פאָדערט,
אין דעם וועג דעם ווײַטסטן גיט מען גאָרניט מיט זיך.

נאָר מיט אלע כושים און מיט גאָר מײַן וועזן
און מיט אלץ, וואָס פריידן ברענגען איז בארופן,
שוועב איך איבער טאָלן, ווו כ'בין ניט געוועזן,
בײַקומען איך פרוו נאָך שאַרפסטע בארג־ארופן.

ביזן לעצטן אויסהויך נײַגעריק כ'וועל בלײַבן,
דאָרשטיק־וואך מײַן אויער — אויב ניט זען, איז הערן,
ווי צו מארס דעם שטערן יוגנט טוט זיך קלײַבן,
כאָטש איך וועל ניט זײַן שוין, ווען זי וועט זיך קערן.

1956

* * *

— מיט וועמען רעדט איר, פעטער? — איך? מיט קיינעם.
— איז וואָס זשע פליסטערן בא אײַך די ליפּן?
— דאָס פּרוּוו איך, קינד, זיך מיט דער וועלט פאַרקניפּן,
אויבעט זאָל זײַן פרײַלעכער צו גיין איינעם.

— באַדאַרף מען עס מיט איר אַזוי־פיל טײַנען?
אָט שמייכלט איר, און אָט א פּויסט פאַרקלעמט איר?
איר בליכט און רויטלט זיך, ווי א פאַרשעמטער,
די אויגן אײַך, ווי דורך א וואָלקן, שײַנען...

איז וואָס — זאָל איך זיך מוידע זײַן פאַר קליינוואַרג,
וואָס אָט צעלאַכט זיך עס און גלײַך ווערט ערנסט,
אַז בײַנדן וועלטן צוויי, טרעפט, זייער שווער איז,
ווען גיין אין איין געשפּאַן זיי פלוצעם ענג ווערט.

און איך — צוזאַמען גיין איך פּרוּוו זיי צווינגען...
און ס׳זאָל זיך גראַמען נאָך, און ס׳זאָל זיך זינגען.

1960

• • •

איך קאָנט אוואַדע מײַנע רייד ניט גלויבן.
אין האַרצן צושמייכלען: דו הער נאָר, הער,
וואָס רעדט ער דאָרט, דער אַלטער מאַן אָט דער,
ער הערט דאָך גאָר ניט אויף דעם מענטש צו לויבן...
נאָר כ׳פרעג, צי דען איז גלויבן אַזוי שווער
א מענטש, כאָטש ווען־עס־איז, זאָל זײַן דערהויבן —
ניט זאָגן: גאָר די וועלט בלויז מיר געהער.

אָט נעמט אפילע הײַנט: סאָף מאַרט. ס׳איז בלויק.
די זון שײַנט הויך, אויב ס׳קילט — איז נאָר אין שאָטן.
דער מענטש זיך פילט א ביסעלע ניט דאַיק.
ס׳איז אפן האַרץ אים גוט, אז כוץ זײַן שאָדן,
געזאָגט געוואָרן אף א האַלבער וועלט...
איז קעגן וואָס האָט איר זיך אופגעשטעלט?
צו זאָגן א גוט וואָרט איז דען פאַרבאָטן?

איין טאָג אין יאָר איז אויך דען צופיל שוין —
א מענטש א מענטשן זאָל נאָר גוטס פאַרגינען,
און ניט בא עמעצן, אף כיין געווינען,
ניט אף א לופטער טאָן די שאַפונגס־קרוין
דעם מענטש — איין טאָג אין יאָר, סאָף מאַרט. נאָר פראָסט,
ווײַל ס׳שײַנט די זון און ווײַל א ווינטל בלאָזט,
ווײַל אַלדי זאָרג האָט ער אין שטוב געלאָזט.

1959

* * *

איר האָט באַמערקט, אַז, לעצטנס איבערהויפּט,
די ווערטער: „עפּשער“, „דאַכט“ דערמאָן איך אָפטער,
מיר דאַכט, אַף מיר וואָלט קיינער ניט געגלויבט,
איך זאָל אַמאָל דערמיט זײַן אַ געשטראָפטער.

נאָר צ׳ריקגערעדט, אין קלאָל, וואָס אַרט עס אײַך,
אַז ס׳שטעלט אַ מענטש צום סאָף אַ פראַגע־צייכן.
פאַר אײַך — איז פּאָנעם ניט צו שפּרינגען גלײַך,
פאַר זיך — אַמאָל אַ האַרבקײַט צו פאַרווייכן.

1959

* * *

דו זעסט, צו מיר האָט ווידער זיך געקערט
אין גרויסוואַסער מײַן טויב — מײַן קורצע ליד.
אױף איר — דער שטויב פֿון אַ באַנײַטער ערד,
אין אויג — דער דאָרשט נאָך ווײַטקײַטן פֿאַרהיט.

און איצט געקומען איז די רעכטע שאָ —
פֿון האַרץ אַרויסלאָזן די שוואַרצע קראָ, —
דאָרט זאָל זיך נאָר די גוטע בשׂורה נעסטן,
אַז כ׳קאָן זיך נאָך אױף ווײַטקײַטן פֿאַרמעסטן.

1958

• • •

דער שטראַל, וואָס אין אַפּרעל צעשמעלצט די הענגלעך אײַז,
איז ניט דער זעלבער דען, וואָס אײַז־פעלדער צעשטויסט?
נאָר, צום באַדויערן, איך האָב ניט קיין באַווײַז,
מיט וועלכן מין געוואַלט די זון זיך מער זי גרויסט,
ווײַל אַלץ אונטער דער זון געטאָן ווערט דורך געוואַלט,
בלויז איינס — צו גרויזאַם קוקט, דאָס צווייטע — צו באַשטראַלט.

אונדז דאַכט, אַז פריילעכער איז אַף דער זון צעריינען,
ווי אונטער דעק פון אײַז־שפּאַלטער זיך צו געפינען.
נאָר עפשער גאָר פאַרקערט: דאָס אײַז־הענגל צעריינט,
און ווען זײַן לעצטער טריף טוט אַף דער זון זיך מינען —
דאָס אײַז אַהינטער אײַז־שפּאַלטער אַפּסנײַ זיך בינדט.

1959

• • •

אזא איז זי, פון דײַן פארדראָס די מאָס:
אַף וויפל אַלע זײַנען מער פון אײנעם,
און וויפיקער „אַלײן" איז פון „אײנײנעם",
אַף וויפל דײַן אַלײן איז באַדנלאָז.

און דאָס איז זי, די שטראָף פאר דײַן אַלײן:
דײַן גאנג, דײַן קאָל, אין קאָהאָל ער פארלירט זיך.
און אויב אין שטוב דו האָסט אַלײן „געירט" זיך —
אין פאָלק — אויך זאָגן א י ך דערפילסט זיך קלײן.

1958

• • •

זאָגט, וואָס וואָלט איר געוואָלט פון מיר היינט הערן:
ווי ס׳ברעכן צווייגן זיך אין שטורעמווינט,
צי ווי אין אזא נאכט דעם וועג געפינט
צו אונדז פון הימל־הייך א גאָלד׳נער שטערן?..

אין טאָג, ווען אויך א פיש אין וואסער ציטערט,
און ס׳ווערט דער ברעג פארפלייצט מיט קאלטן שוים;
ווען וואָלקן ביהערט ביז צו האך און בוים
און שפרייט א שרעק אף אונדזערע געמיטער, —

איז וואָס דערציילן אייך — ווי ווינטן שמייסן,
אז ביט צו איינשלינגען די פייכטע לופט?
צי ווי אין אזא טאָג דאָס הארץ זיך פרוווט
דורך גאָר דער טונקלקייט זיך דורכצורייסן,

ווי ס׳רייסט זיך דורך אין הארבסט דורך וואָלקן־גרוי
א יונגט־פרילינגדיקע שטיקל בלוי...

1960

• • •

דו ווייסט, אף וועמען האלט זיך אונדזער שיינער ביניען? —
אף דיר, אף מיר, אף אונדז — באקאנטע, אומבאקאנטע,
אף די, וואָס זייער רום פון טאָג צו טאָג פארדינען,
אף די, וואָס בלײַבן שטום און קיינמאָל ניט דערמאנטע.

נאָר קוק זיך בעסער צו — וועסט זען, ווי אף די ליפּן
בא אָט די שווײַגער די — דײַן רום זיך זוכט פארוועבן.
און אין געדאכט בא זיי זיך לענגער צו פארקניפּן
דאָס לעצטע גיסטו אָפּ — דו גיסט אוועק דאָס לעבן.

1959

• • •

דו ווייסט ניט, צו וואָס איז אַ גרענעץ? — אַף שרעקן און רייצן.
אַ רוישיקער יאַם, צי אַ רויִקער טײַך טוט דאָרט פֿלייצן.

אַריבער די וואָלקנס — אַ באַרג, צי אַף וועגן פֿאַרוואָרפֿן
אַ הילצערנער סלופּ, וואָס באַוואַכן אים מענטשן אין וואָפֿן.

אַ גרענעץ — אַ שפּיגלדיק וואַסער — אים איבערצושפּריבגען,
ווו ס׳פּרווּט זיך אַ קינד מיט אַ שטיינדעלע אופּטרײַבן ריבגען.

אַ שייד־פּאַס — אַ זומערדיק וועלדל, ווו איבערן גרענעץ
דערטראָגט זיך אַ זיפֿץ צי אַ פֿרידלעכער מענטשלעכער גענעץ.

אָנשטאָט אים צו ווינטשן, דעם מענטשן, אַ רויִקן שלאָפֿן —
אין אַלע פֿיר עקן די וועלט שטייט אים קעגן באַוואָפֿנט.

באַר מיין ניט, אַז בלויז אַף דער ערד איז אַ גרענעץ פֿאַראַן,
וואָס מעסטן זי לאָזט זיך מיט גרויסע צי קלענערע שפּאַן.

פֿאַראַן נאָך אַ גרענעץ — אָט די, וואָס זי ציט זיך צווישן
געדאַנק און געדאַנק, און דיר דאַכט זיך, זי ניט צו פֿאַרווישן.

אויב ס׳האָט נאָך קיין מענטש מיט קיין ביקס אָט די גרענעץ באַטראָטן, —
אַף איר, אויך אַף איר, טוט זיך שפּרייטן זײַן קענטלעכער שאָטן.

און טונקל אין האַרץ ווערט אַזוי, ווי צו אָוונט אין טאָל, —
צי וועל איך דערלעבן נאָך זאָגן: געווען איז אַ גרענעץ אַמאָל...

1959

* * *

אָשער שווארצמאַנען — צו זײַן
זיבעציקסטן יאָרטאָג

און ער, דער געניטער, דערשיטערטער רײַטער,
ער האָט ניט געזוכט זיך צו אָפּטראָגן װײַטער —
פֿון אים ביז צום טויט זאָל זײַן פֿרײַ אַ שטיק ערד,
נו, כאָטש ניט קיין סאַך — ווי די לענג פֿון זײַן פֿערד.

וואָס ווײַטער — דער רײַטער געקרײַזט האָט אַלץ שנעלער.
דער סוינע יאָגט אָן אים. די קרײַזן — אַלץ שמעלער —
ביז רונדיקן גרויל אינעם אַפּל פֿון אויג,
ביז קויל, וואָס איר וואָג צו דער ערד טוט אַ בויג.

און וויפֿל אַ לעצטער געדאַנק קאָן געדויערן,
ער האָט נאָך געטראַכט: ס'איז דער פֿײַנט בײַ די טויערן!
און וויפֿל פֿאַרלאַנגזאַמט עס פֿליסטערט אַ ליפּ —
אונדז וויסן געלאָזט: כ'האָב זי ליב... כ'האָב זי ליב...

אין וואָר צי אין כאָלעם — ס'ווערט לינדער זײַן וויי,
און ס'שיידן זיך אָפּ אין אים אָשערן צוויי:
דעם טויט געהערט איינער, דעם לעבן — דער צווייטער,
און ווידער דער קרײַז ווערט אַלץ ברייטער און ברייטער.

דער אָטעם ווערט שווער, נאָר דאָס אויג איז אים קלאָר,
און אַלץ, וואָס ער זעט נאָך — ער זעט אַף דער וואָר;
דאָס אויג מאַכט זיך צו, נאָר עס בלײַבט ניט פֿאַרשטעלט,
ווי איבער דעם נאַכטיקן, פֿינצטערן פֿעלד
הייבט אָן צו באַגינען אַ ליכטיקע וועלט.

1959

• • •

דו זאָגסט, אַז מײַן װילן דורך יענעמס מוז װערן באַװיליקט —
קעדיי צו באַקומען אַ קיום, ניט װערן פֿאַרשלונגען.
פֿאַרװאָס זשע די לופֿט, װאָס מיט איר פֿיל איך אָן מײַנע לונגען,
באַזונדער כ׳פֿאַרשלינג יעדן אָטעם, און קיינמאָל אין צװיליבג?

פֿאַרװאָס אינעם שלאָקסרעגן — יעטװידער טראָפּן באַזונדער?
פֿאַרװאָס אינעם שניי־שיט — דו קוק זיך נאָר אײַן אינעם װוּנדער:
די שנייעלעך װײַטלעכע איינס איבער אַנדערן רײַטן —
און גרינגקײַט מיט גרינגקײַט און װײַסקײַט מיט װײַס ניט פֿאַרבײַטן.

און איך, װאָס געזען כ׳האָב אַזױפֿיל אי שלאָקסן, אי שנייען,
דו װילסט, ס׳זאָל מײַן אײגענער װילן געהערן צו צװייען.

1958

• • •

דער רעגן, ער גיסט הײַנט א גאנצענעם טאָג —
א נודנער, א הארבסטיקער רעגן,
נאָר טיף אין מײַן הארצן דעם זומער איך טראָג —
איך טראָג אים דעם ווינטער אנטקעגן.

ווער ווייסט, וואָס מיט אלע מיט אונדז וואָלט געווען,
ווען ביידע זיך וואָלטן באַגעגנט,
נאָר זינט איך געדענק, פלעגט אזוי שוין געשען —
ארײַנמישן פלעגט זיך דער רעגן.

דעם הימל — אין כמארעס באהאלטן אף לאנג,
צעהרודיקט, צעווייקט אלע וועגן —
צו שטערן דעם זומער צום ווינטער זײַן וועג,
דעם ווינטער — אים קומען אנטקעגן.

נאָר לאָמיר הײַנט נאָכאמאָל מאכן א פּרוּוו
א בונד צווישן ביידע זיי שליסן.
דער זומער, דער ווינטער וועט אײַנגיין דערוף,
און זאָל זיך דער רעגן דאן גיסן.

1958

• • •

גאָט־באַהיט, איר זאָלט ניט קלערן,
מײַן געזאַנג קומט לײַכט און גיך.
איך וועק אויף דעם מאָרגנשטערן,
ניט דער מאָרגנשטערן מיך.

יעדער פרי זאָגט אָן דעם צווייטן,
גרייט אים צו און אים באַזינגט.
קומען שעפּן פונעם גרייטן
כ'האָב זיך קיינמאָל ניט פאַרגינט.

מײַן געזאַנג פון די געזאַנגען
צו א טייקן ווערט געבראַכט
זומער — דורך דעם טאָג דעם לאַנגן,
ווינטער — אין דער לענגסטער נאַכט.

ביז כ'דערקלײַב זיך צו דעם פאָדעם,
וואָס מײַן פלאָנטער־קנויל צעבינדט, —
טויזנט אַנגסטן, טויזנט פּכאָדים,
ביז אין קאָפּ, אין האַרץ באַגינט.

1958

* * *

גער היימע וועגן האָסטו אויסגעציילט,
וואָס זייער שפּור פאַרבלײַבט פון אויג פאַרהוילן:
דער וועג פון שלאַנג אויף פעלדזן־שטיין אַף הוילן,
אַ צווייטן פעלדז וועגן זי האָט אויסדערוויילט;
אין יאַם — דער וועג פון לײַכטן זעגלשיף;
דער שפּור פון פויגל־פלי אין הימל־טיף;
נאָר מער פון אַלץ פאַרבלײַבט פאַר דיר אַ וווּנדער —
דער וועג פון מאַן צו פרוי, — אים ציילסטו באַזונדער.

און איך וואָלט דיך אַף נאָך אַ וועג געפרעגט,
וואָס וועלן כ׳וואָלט ניט ווערן זאָל פאַרמעקט
דורך שטויב פון טאָג און ניט דורך ווינט באַנאַכט, —
דער וועג, וואָס פאַנגט זיך אָן אין מײַן געדאַכט,
קרײַזט דורך אַ וועלט און גליקלעך לאָזט זיך אויס
אין אָט דער ליד — אַ פינגער־שפּאַן די גרויס.

1960

פּרוּוו־קאָרשט העכער

מײַן ליבער, טרײַער פֿרײַנט, — פֿון דיר איך טרעט ניט אָפּ:
מיט פֿראַגעס, ווי מיט שטיינער, כ׳האָב דיך הײַנט פֿאַרוואָרפֿן.
איך ווייס ניט, קעגן וועמען זײַנען זיי, מײַן וואָפֿן,
נאָר אונטער זייער לאַסט פֿאַרבייגט זיך אָפּט מײַן קאָפּ.

און ס׳ענטפֿערט מיר מײַן פֿרײַנט, אַז שולדיק כ׳בין אַליין,
ווײַל ביז אַ הייך אַזאַ דעם מינדסטן שטויב כ׳פֿאַרטראָג,
אַז פֿאַלנדיק צוריק, ער קריגט פֿון שטיין די וואָג;
און טרעפֿן טרעפֿט אַלצײַנס דאָס שטויבל, ווי דער שטיין.

אָט פּרוּוו אַמאָל: ביז י ע נ ע ר הויכקײַט זיך דערהויב,
וווּ אויך דער שטאַרקסטער שטיין פֿאַרוואַנדלט ווערט אין שטויב.

1956

• • •

און נאָך האָב איך זיך קינדוויַיז פאָרגעשטעלט:
געשאַמעס זײַנען לויכטנדיקע פונקען,
וואָס קומען, דאַכט זיך, שפּרייטן ליכט דער וועלט,
נאָר ווערן לײַכטזיניק אין טהאָם פאַרזונקען.

באַוואַקסן ווערנדיק מיט האָב־און־גוף,
אין נידער ווערנדיק אַלץ מער געוויכטיק, —
זיי פילן זיך שוין אופשטײַגן אַרויף,
זיך טאָן אַ פרוּוו די וועלט צו מאַכן ליכטיק.

און ס׳טרעפט, אַז זיי, געבאָרענע פון ליכט,
אַז דאַפקע זיי — זיי ווערן פינצטערלינגען,
און זייער כווישעך איז אַזוי געדיכט —
מיט טויזנט אויגן אים ניט דורכצודרינגען.

און אויב איר פרעגט, איר ציט מיך בא דער צונג:
אין וואָסער זכוס די פינצטערלינגען לעבן? —
אין זכוס פון ליכט — אין זכוס פון נאָמען פונק,
וואָס ניט געצײַלט זיי האָבן אופצוגעבן...

ווײַל ס׳וויל די וועלט ניט בלײַבן אָפּגענאַרט,
וויל ניט אַרויסגיין פון איר קינדער־עלטער:
„וואָס פינצטערער, זי זאָגט, מײַן קעגנוואַרט —
אַלץ ליכטיקער מײַן צוקונפט און באַהעלטער.

און יענע פונקען זײַנען אויך דאָך וועלט —
זיי וועלן דען ניט אויסגעלײַטערט ווערן?..״
אַזוי האָב איך די וועלט זיך פאָרגעשטעלט,
ווײַל צו דער זעלבער וועלט איך טו געהערן.

1958

צו איינעם פונעם פאָלק

מיט דיר, מײַן פרײַנט, דעם כעזשבן כ׳פיר שוין לאנג.
מיט מיר געווען ביסטו אין שווערסטן גאנג.
און ווען געפאלן בין איך שיר א מידער
מיט צוגעפראָרענע צום גומען לידער,
ווײַל ס׳איז די צײַט געווען ניט פאר געזאנג,
און ס׳איז מײַן גײַסט געלעגן אין דער נידער, —
אויך דעמלט זײַנען מיר געבליבן ברידער,
און ביידן, ווייס איך, טוט עס קיינמאָל באנק.

נאָר לעצטנס, פרײַנט, מיר ווערט אומהיימלעך־שווער
מיט דיר, און ס׳איז דײַן שכיינעס מיר א שטער,
ווײַל, ווי א ריכטער, יעדן טאָג דו מאָנסט:
צי האָסטו אופגעטאָן, וואָס טאָן דו קאָנסט,
און אויסער דיר ניט אָפטאָן וועט עס קיינער,
ווי גלײַך דערצו בארופן זײַן כ׳וואָלט איינער
אף גאָר דער ערד, ארוף מיך רופסט, ארוף,
און אף דײַן רוף זיך אָפרופן איך פרוו,
כאָטש מײַנע אקסלען זײַנען שוין באשווערט
מיט אלדאָס גוטס און בייז, וואָס אף דער ערד.
דו ווייסט, ווי שווער איז אין דער הייך נאָר זײַן,
און אף קיין מיטלוועג דו גייסט ניט אײַן.

און טרײַבן דיך פון זיך איז אויך קיין טאָלק,
ווײַל דו, — דו ביסט דאָך איינער פונעם פאָלק,
וואָס כ׳פרוו, וואָס כ׳וויל זיך אײַנריידן אמאָל,
אז כ׳טראָג אף זיך זײַן ליבע לאסט, זײַן אָל.
דיך טרײַבן — א י ם פארשעמען וואָלט באטײַט,
און דו — דו טײַנעסט מיר די גאנצע צײַט,
אז ניט צו מיר אליין מײַן טאָג געהערט —
צו אלע, אלע מענטשן אף דער ערד.

און אַז מײַן קנאַפּע, אויסגעהיטע קראַפט —
פֿאַר ווײַטע, שפּעטערדיקע דוירעס שאַפט.

מיר ווילט זיך גלייבן דיר, מײַן פֿרײַנט, און כ׳גלויב:
אויב ניט קיין ווײַטער דאָר — ניט בלײַבן טויב
צום שטילן קלאַפּן פֿון מײַן האַרץ וועט דער,
וואָס לעבט מיט מיר באַנאַנד דאָ אויף דער ערד,
וואָס גאָר מײַן לעבעדיק געזאַנג געהערט
צו אים, וואָס אויף זײַן שפּראַך האָב איך גערעדט
צו גאָר דער וועלט, און פֿון דער פֿרי ביז שפּעט
געפּײַנט, געפּײַלט, געשליפֿן האָב איך זי —
זי זאָל זײַן צירונג זײַן, זײַן לויב, זײַן קרוין...
און איך — מײַן ערשטע און מײַן לעצטע לוין:
ניט גיין פֿאַרלאָרן זאָל מײַן שווערע מי,
און אויך פֿון די, וואָס זײַנען שוין ניט הי...

ווען אָנקומען וועט יענע פֿרעמדע צײַט,
ווען ווילד וועט זײַן דאָס בילד און דער באַטײַט
פֿון אָט דעם אָס, וואָס איצטער איך פֿאַרשרײַב
מיט מאַרך פֿון מאַרך מײַנעם, מיט בלוט פֿון לײַב;
פֿון זיי — די טעכטער אונדזערע און זין,
פֿון זיי פֿאַרהילט וועט זײַן פֿון אָס דער זין
און פֿונעם וואָרט דער קלאַנג, פֿון זאַץ דער כיין...
איין זאַך צו זייער האַרץ זאָל כאָטש דערגיין:
מיר האָבן אויף דער שפּראַך געלעבט, איין מיין
בײַ אַלע אונדז געווען: ס׳זאָל ווערן ריין
די וועלט, דאָס שלעכטס אין איר זאָל אונטערגיין.

1956

• • •

און וועגן די, וואָס רינגלען דיך ארום,
איך הער ניט דײַן געזאַנג — דאָ בלײַבסטו שטום.
אָט וועגן די, וואָס דורכן שניי־זאַווײ
דו זעסט אפילע ניט, וואָס בויען זיי,
און קאָנסט נאָך מיינען, אז פון אײַז צי גלאָז
זיי בויען דאָרט פאר דיר א צויבער־שלאָס;
אז אויך דער שניי, וואָס פאלט אזוי געדיכט,
איז נאָר אף איבערכאַזערן דאָס ליכט,
וואָס שטראָמען וועט אין נאַכט... זאָלסט זיכער זײַן,
אז דו אין שלאָס בעשאָלעם וועסט ארײַן
און אז באַצײַטנס קאָנען וועסט ארויס —
א שטעגעלע אין שניי זיי טרעטן אויס
פאר דיר — אף אָט דעם שטעגל זיכער טרעט...
און טאָמער הערסטו, ווי עס פאלט א ברעט —
דאָס פאלט זי צוליב דיר — ניט צו דערשרעקן,
נאָר וואַרזעונג אין דיר אף אופצוּוועקן.
איז ווו איז וועגן זיי דײַן ליבגעזאַנג?
אויב ניט קיין ליבגעזאַנג, איז כאָטש א דאַנק...
פאַרשטייט זיך, אז אין דעם ביסט מער געניט:
פאַרטיפן זיך אין איגענעם געמיט.
אָן אָפּשייד־וואָרט און אָן א זײַ־געזונט
זיך גלײַך אַראָפּלאָזן צום סאַמע גרונט,
נאָר זיי, די פּאָשעטע די בויער־לײַט,
זיי האָבן קיין געדולד ניט און קיין צײַט,
קיין כיישעק האָבן זיי נאָך דיר צו קריכן
צום גרונט — צום איך פון אלע דײַנע איכן.
אזויפיל אופצוטאָן הײַנט האָבן זיי,
און ס׳ווערט שוין אָוונטיק, און ס׳שטערט דער שניי.
דאָס שטעגעלע, וואָס דאָ איז אויסגעטראָטן
פאר דיר, איז נאָך אינגאַנצן ניט פאַרשאָטן, —

5–1660

אנו־קאָרושט פּרוּוו גיי צו צו זיי און זאָג,
אין וואָס האָסטו פאַרבראַכט א ווינטער־טאָג.
בא גאָר דײַן שטאָלץ, צי וועט דיר דרייסטקײַט קלעקן
זיך מוידע זײַן (נאָך שרײַבן און נאָך מעקן):
ביסט יאָמטעוודיק געווען און אויפגעראַמט,
וואָס גליקלעך האָסט אין זיך צונויפגעגראַמט
א פרייידיקע מיט יוגנט א באַגעגעניש,
מיט עלטערע — אין שווײַגן א געזעגעניש...
גיי צו, און ווי א פאָרהאַנג שאַר אוועק
דעם שניי, וואָס צווישן אײַך, און אפן וועג
צו ענטפערן אף אלץ דו מאַך זיך גרייט
אָן גראַם אָן שטראַם — מיט אָפנטלעכע רייד.
דערבײַ, באַם עלטסטן דאָרט טו סטאַם א פרעג:
פאַרוואָס דער שניי, צו אָוונט אזא גרינגער,
ער לייגט זיך אפן האַרצן אזוי שווער?
און כאָטש פאַרנאַכט דער בויער, מיד איז ער,
ווײַל אף קיין טאָג פון דיר איז ער ניט יינגער,
און שווער איז אים שוין אף די פיס צו שטיין, —
ער וועט אויך מידערהייט דײַן מיין פאַרשטיין,
און מיט די קוים זיך בייגנדיקע פינגער
אַראָפּנעמען פון האַרץ דײַנעם דעם שטיין.

1959

* * *

סעפּטיאַבר. ס׳איז פּראַסטיקלעך. די זון, זי שייַנט.
א רויכל ציט פון אויסגעדעמפּטן טוי.
דער הימל, ווי אין יולי — לויטער־בלוי.
צי דען ווערט ער פארוואָלקנט ווערן הייַנט!

ס׳איז פּראַסטיקלעך. א יונג אייַלט לייַכט געקליידט,
און ס׳וויגט זיך אום זייַן בלאָנדע קודלע האָר.
כ׳וואָלט מיט דער העכסטער, מיט דער טיפסטער פרייד
אים נאָכאַמאָל דערזען איבעראַיאָר
סעפּטיאַבר, אין אזא פרי, באַם הימל־קלאָר, —
ביט פעלן זאָל פון יונג קיין מינדסטע האָר.

1958

שטייט א שטיין

נעכטן ערשט האָסט קארג גערעדט.
און פון פרי ביז אָוונט־שפעט —
אלץ געשוויגן, נאָר געקלערט,
מיט דער וועלט זיך אָנגעקערט
אָט אזוי, ניט מער, מיסטאם,
ווי דער שטיין מיט ברויז פון יאם.

ברויזט דער יאם — ניט צו פארשטיין.
שטייט א שטיין? — נו, זאָל ער שטיין.

הייַנט דו טייַנעסט נאָכאנאנד.
ניט צו זען קיין ברעג, קיין ראנד
צו די כוואליעדיקע רייד —
סייַ פאר ווייטעק, סייַ פאר פרייד.
נאָר אין אלץ, וואָס זאָלסט ניט טאָן,
קערט די וועלט מיט דיר זיך אָן,
ווי מיט יענעם שטיין, ווייַזט אויס,
קערט זיך אָן דער יאמען־ברויז.

ווער ושע וועט די פרעמדע קרעפטן
אייַניקן, צוזאמענהעפטן?
סייַדן ווינטן, סייַדן שטורעמס,
סייַדן כוואליעס, ווי די טורעמס,
וועלן צו דעם שטיין ארויס —
ברענגען אים אין יאמען־שויס...

נו, און ווייַטער וואָס וועט זייַן?
ס׳וועט דער שטיין אין יאם אריַין.
ס׳הוילט דער יאם — ניט צו פארשטיין.
שטייט א שטיין? — נו, זאָל ער שטיין.

זאָל דאָס אַלץ אַזוי פֿאַרבלײַבן?
ביז צום טאָג זיך ניט דערקלײַבן?
ווײַל דאָס אַלץ איז גוט אין ליד:
האָסט א יאַם, האָסט א גראַניט.
איז דער סאָף ניט בלענדנדיק,
האָסט קיין סאָף ניט — ענדיק ניט.

מיט א האַרץ פֿון פֿלייש און בלוט
איז ניט גוט — וואָס הייסט ניט גוט!
ס'איז דאָס האַרץ — פֿון גאָט א שטראָף, —
ס'פֿרעגט אַלץ: וואָס וועט זײַן דער סאָף?

1956

פינף לאמטערנס
אף מײַן גאַס

פינף לאמטערנס אף מײַן גאַס —
פיר פון זיי מיר לײַכטן.
אײנער בלינצלט, ווי פאַר קאַס,
לײַכט ניט, ווי זײַן גלײַכן.

ס׳איז מײַן גאַס מיט שניי פארפוכט
הויך פון בײדע זײַטן,
קוים א שטעגל אָפּגעזוכט,
נאָר די פיס צו בײַטן.

אונטער שײַן דער שניי איז קלאָר,
פריש, ווי ערעוו נײַ־יאָר;
ס׳איז דער קאָפּ — אין נײַעם יאָר,
און דאָס הארץ — אין האיאָר.

ערעוו נײַ־יאָר איז קעדײַ
זיך א כעזשבן געבן:
ווי דאָס אלטע איז פארבײַ,
ווי אין נײַ־יאָר לעבן.

ווו אין ליכט דער שניי באַם ראָג
ס׳אלטע יאָר באַנײַט דיר,
שאָ באַך שאָ און טאָג באַך טאָג —
דורכגײין זאָל פארבײַ דיר.

קוק זיך אײַן און צײכן אָפּ
אלץ, וואָס דיר איז טײַער;
ס׳איז אין אלטן יאָר דער קאָפּ,
און דאָס הארץ — אין נײַ־יאָר.

צווישן טונקלס לאָז ניט דורך
אויך אָט דעם לאמטערן,

וואָס אומיסטן שטייט, מיר דוכט,
יאָמטעוו צו פאַרשטערן.

אים באַלײַכטן אַלע פיר,
אים אַליין איז ליכטיק.
דאָס, וואָס פינצטערליעך איז מיר,
איז פאַר אים ניט וויכטיק.

פיר לאַמטערנס, ווי די פרײַנט,
מיך מיט ליכט הײַנט גריסן;
דער, וואָס מאַכט מיר פינצטער הײַנט, —
זאָל פון ליכט ניט וויסן.

1956

ניט יאָג די נאַכט
מיט פּלעקענער

ס'איז נאַכט אין שטוב, אין דרויסן,
ס'איז נאַכט אַף גאָר דער וועלט, —
האָט ער אַ פּויסט אַ גרויסן
דער נאַכט אַרויסגעשטעלט.

געשראָקן זי, געוואָרנט,
מיט פּלעקענער געיאָגט, —
ס'איז ליכטיק ניט געוואָרן,
ס'האָט אַלץ נאָך ניט געטאָגט.

מיט האַנטעכער געטריבן
דורך פענצטער און דורך טיר, —
דער כוישעך איז פאַרבליבן
אַרום אַזוי ווי פריער.

ער האָט געבראָכן שויבן,
דעם קוימען אויפגעמאַכט;
ס'איז אונטן נאַכט און אויבן,
און טיף אין אים איז נאַכט.

ער איז אַראָפּ פון זינען
פאַר קאַעס און פאַרדראָס:
פאַרוואָס וויל ניט באַגינען
און פינצטער איז פאַרוואָס?

אַ רועך צי אַ קונדעס
אין נאַכט האָט זיך צעלאַכט:

א מענטש, ווי דו, ווי קומט עס,
דו האָסט זיך ניט דערטראַכט:

דער כווישעך זאָל אַנטרינען —
אַ ליכטל טראָג אַרײַן.
און אויב ס'וועט ניט באַגינען,
וועט כאָטש ניט פינצטער זײַן.

1955

צווײ קרײַזן

אָט דאָס, וואָס פירסט אָן מיט דײַן פינגער באַם צייכ׳נען א קרײַז
אין פײַכטלעכן זאַמד צי אין טרוקענעם שטויב אַף די וועגן,
באַצווינגט זיי, די קעגנערשע בריגן, צו קומען אַנטקעגן,
און פרידן צונויפמען זיך שליסן, און פרווו זיי — צעריס.

און פרעג ניט, ווער איז זי אין דיר, די פארהוילענע מאכט,
וואָס ווײַזט דיר אין ביניען דײַן ציגל וואָס שענער באַזעצן,
זאָגט אונטער דײַן לעבן צו בויען לויט שײנקײַט־געזעצן,
און רײצט אָן אַף איר, אַף דער שײנקײַט, דײַן בלוט און דײַן מאַרך.

איך ווייס ניט איר נאָמען, איך שפיר נאָר, — זי פירט מיך, זי שטויסט
פון קרײַז אינעם זאַמד ביז צום קרײַז, וואָס א וועלט איז די גרויס.

1959

אין פרײדן צו דערציילן

• • •

נייך, ביז מיר לײַכט דער טאָג, באנאכט — די שײַן פון צאָפּן,
און איבער מיר דער הימל פרײַ — און אויג די גרויס, —
איך ווער ניט מיד דורך דעם ארויסקוקן און האָפן,
זיך פילן, ווי א קינד בא גאָר דער ערד אין שויס.
און זען אף טויזנט יאָר צוריק און טויזנט יאָר פאָרויס.

1952

ווי וואָלט איך לעבן דאָרט?

ווי וואָלט איך דאָרט אָן גרויסער ליבשאַפט קאָנען לעבן?
פון שענסטער ברודערשאַפט ווער וואָלט פאַרפולט דאָס אָרט?
ווו ס'האָט געריוישט א וואַלד, איז איצט א מידבאָר דאָרט,
און איך — אַף מענטשן־שפּראַך כ'וואָלט דאָרטן ניט געטאָרט
דעם דאָר פאַרשניטענעם מײַן טיקן געבן,
און אָפּשטעלן מיט גוואַלד מײַן לעבן — כ'וואָלט א מאָרד
באַגיין, וואָס קיינער וואָלט מיר עפּשער קיינמאָל ניט פאַרגעבן.

ווער וואָלט געגלייבט: אין ליבן רינג פון פרוי און קינדער —
אָן אָוול בין איך, און אַז עס זויגט מײַן מאַרך א שלאַנג:
אַז עפּשער, גאָט ווייסט ווו, פאַרדאָרבן איז מײַן גאַנג,
אַז עפּשער ערגעץ־ווו געבליבן כ'בין אַהינטער,
און ס'איז מײַן אָטעם לופט ניט ערלעך א פאַרדינטער,
אויב איך בין ניט מיט די, וואָס זײַנען אָפּ אַף לאַנג
אין לאַנד פון שניי און ווײ און גרוילנדיקן ווינטער.

די לעצטע זײַנען אָפּ — ס'האָט זייער טראָט פאַרשלונגען
דאָס אייביקע געטופּ פון פיס, וואָס לעבן הייסט;
און ווי יעסוימים ווי פאַרשעמטע, ניט געטרייסט —
די לידער זייערע, וואָס האָבן אַזוי דרייסט געקלונגען,
אַוועק אין קלעם אַף קיינמאָל ווערן אויסגעלייזט,
און אַלע זייערע די שענסטע בעסטע טוּנגען —
פאַרשוואַרצט, פאַרמעקט, פאַרעכנט זיי פאַר אַלדאָסבייז...

איז ווי וואָלט איך דאָרט עפענען דאָס מויל צו זאָגן:
גוטמאָרגן, קינדער, אײַך, גוט־אָוונט, ליבסטע פרוי.
כ'וואָלט, ווי א באַרג געשטומט, און ווי א פעלד אָן טוי
געוועלקט, און אויב א קוואַל וואָלט זיך אַדורכגעשלאָגן,
א שטראַלנדיקער קוואַל — ער וואָלט געוואָרן גרוי,
פון קוק מײַנעם אַף אים — ער וואָלט פאַרקילט אַזוי,

אַז ער וואָלט שפּילעוודיק זיך ווייַטער ניט געטראָגן:
מייַן וועלט איז כאַרעוו, און כ'זע זי ניט איין אופגעבוי!
כ'וואָלט האָרט געזאָרגט: ווער וועט דעם גרונטשטיין לייגן ווידער?
די זייַלן שניצן, פּענצטער שנייַדן צו דער זון?
און איצט, א לויב צו גאָט, איך בין באַפרייַט דערפון:
איך שפּאַן אין יאָך מיט אַלע מייַנע פרייַנט און ברידער,
און גרינגער ווערט מייַן צאַר און לינדער איז מייַן ווײ;
און ס'טרעפט, איך זאָג צו זיך אַליין און אויך צו זיי:
אַז אונדזער גרויסער בראָך אַמאָל מיר טוט ניט באַנק.

ווייַל די, וואָס זייען איצט מיט טרערן דעם פּאַרזיי, —
זיי זייען זיך דאָס רעכט צו שנייַדן מיט געזאַנג.

1951

דאָס אָרט פון לינקס

וואָס מאַכסטו זיך נאַריש, מענטש, טו נאָך פון לינקס דעם שאָכן,
ווען ער איז האַלבע נאַכט צום שטעכל־דראָט געקראָכן,
אַף בלײַבן ליגן דאָרט — האָט ער זיך דען פאַרטראַכט,
אַז דו וועסט שלאָפן רויִק הײַנט אַ גאַנצע נאַכט
און ערשט גאַנצפֿרי דערזען, אַז לינקס דאָס אָרט איז ליידיק?
געטראַכט האָט ער נאָר איינס: אַז ער איז שטאַרק באַליידיקט
אומזיסט־אומנישט... און עפּשער קיין זאַך ניט געטראַכט?
(פאַר קיינעם זיך קיין קאָרבן ניט געבראַכט)
אַרויס זיך פרײַ מאַכן און האָט דעם כעזשבן גיך געמאַכט:
אַז ס'איז דאָס לעבן סײַ־ווי־סײַ ניט ווערט קיין גראָשן, —
אַרוף אַף דעם פאַרווערטן פּאַס און איז ניטאָ שוין.

און דו? דו טראַכסט דאָך איצטער, ווי זײַן אָרט פאַרנעמען,
קעדיי עס זאָל ניט אָנקומען אַ צווייטן וועמען.
(וואָס דען, וועסט טראַכטן, ווי זײַן אָנדענק ניט פאַרשעמען!)
ווײַל ווי ס'וועט ווערן טאָג — פאַרכאַפּן קאָן אַ צווייטער,
און פאַרט דאָס אָרט אַף לינקס איז אַף אַ פינגער ברייטער,
דער צוזאָק דאָרט פעסטער האַלט, די ברעט — געהובלט מער, —
פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אָרט אַף לינקס צו דיר געהער.
ווײַל דיר האָט שטאַרק דערעסן שוין דאָס שלאָפן מויל צו מויל,
וואָס ווי אַן אָפּגרונט אָפן איז און פול מיט גרויל
און קלאָלעס פינצטערע... איז, מענטש, זע זײַ ניט פויל.
אַף וועלכן שטאַפּל זאָלסט ניט שטיין פון אויסגעדאַכטן לייטער,
איז וויכטיק פאָרט, אויב ס'איז דאָס אָרט כאָטש אַף אַ פינגער ברייטער.

נאָר וואָס וועט זײַן, ווען פּלוצעם קומט דיר אַ געדאַנק:
ווי ער, פאַרלאָזן האַלבע נאַכט די ברעטער־באַנק,
צוליב אַ ניט־באַדערפטיקײַט, ווי ער, אײַן גאַס אַרויס,
און דאַן, צי זײַן געדאַנק וועט געבן דיך אַ שטויס,
אַ צי אַהין, צו דעם פאַרווערטן פּאַס און — אויס...

גלייב מיר, וועסט קיינעם דאָך דערמיט ניט טאָן קיין שלעכטס —
א האלבע ווינטער־נאַכט וועט מענטשן אָטעמען זײַן גרינגער,
און אָט דאָס אָרט אף לינקס, וואָס ברייטער מיט א פינגער,
גאנצפרי פארנעמען וועט דער שאָכן, וואָס פון רעכטס.

1951

• • •

און אַז די ערד איז דאָ געפֿראָרן —
דאַרף אויך דאָס האַרץ פֿאַרפֿראָרן זײַן?
כ׳בין ניט אַט דאָ אַף איר געבאָרן —
אַף אַט דער ערד פֿון צאַר און צאָרן,
און ניט אין איר איך וויל אַרײַן.

און אַז די שאַרף פֿון אַלע שפּיזן,
וואָס שמידט מיך צו צו אַט דער ערד,
איז אין מײַן האַרצן אָנגעוויזן,
אין לײַב, אין לעבן, אין געוויסן,
אין שטערן־האָויך פֿון מענטשן־ווערט, —

וועט דען דער שטערן טאָן אַ ציטער?
דאַרף דען פֿאַרטונקלט זײַן דער בליק?
און קעגן ביקס אין האַנט געניטער
פֿון יונגן אויפֿגעהעצטן היטער
דאָס האַרץ וועט אָפּטרעטן צוריק?

און אויב עס פּלאָגט דיך דאָס געיאָמער
פֿון מענטשן־לײַב, וואָס ווערט געפּלאָגט,
ווײַל ס׳איז קיין אויסלייזונג ניטאָ מער
פֿון אַט דעם שיידים־קסאַוו — דעם „נאָמער“,
וואָס יעדער אַף דער פּלייצע טראָגט, —

דאַרף דען דאָס האַרץ פֿאַרפֿראָרן ווערן —
ניט אויסהאַלטן דעם שווערסטן פּרוּוו?
אַזוי־פֿיל ליבסטע ווילן הערן,
אַז מיר צום לעבן נאָך געהערן, —
מײַן האַרץ, זײַ וואַך, צו דינסט שטיי אויף!

פֿאַר זייער פֿרייד געוועזן ביסט אַרעוו —
איצט זײַ אַ שותּף זיי אין צאַר,

אײן ליכט, אײן זון איז אײַער דאָר אױף,
אײן װעלט געװאָרן איז אײַך כאַרעװ
דורך אײנעם און דעם זעלבן גזאר.

איז זאָלסט, מײַן הארץ, זיך ניט דערװעגן
צו אױסבאהאלטן זיך אין װײ!
דורך דײַנע אױסדערװײלטע װעגן
דו טראָג א טרײסט־װאָרט זײ אנטקעגן, —
אז זײַן געטרײסט זאָלסטו מיט זײ.

1950

ס'האָט די קלעם מיך
ניט צעבראָכן

איך וועל נאָך אַמאָל דערלעבן
יענע גוטע שעה,
ווען כ'וועל דיר אַן ענטפער געבן:
לאַנד מיינס, איך בין דאָ!

כ'בין נאָך אויף דער ערד פאַרבליבן,
ס'אָטעמט נאָך מיין דיך —
אויף צו לעבן, אויף צו ליבן,
אויף צו לויבן דיך.

ס'האָט די קלעם מיך ניט צעבראָכן,
ניט געמאַכט מיך קליין,
כ'בין אַרויס מיט אַ ניצאָכן
איבער זיך אַליין.

כ'האָב דאָ דיינע פיינט געטראָפן,
סאָנים — ניט פון היינט;
קאָפּ צו קאָפּ בין איך געשלאָפן
מיט די ערגסטע פיינט.

און גאַנצפרי — אָפּסניי באַגעגנט
זיי אויף יעדן קער:
ווען דו האָסט קיין אַנדער וועג ניט —
מוז דיין וועג זיין דער.

ביין, צו זיי כ'האָב ניט געטיינעט —
צופיל זיך געשוועצט;
זייער שאָטן אויף מיין שיין האָט
זיך ניט אָפּגעזעצט...

כ'האָב דאָ דיינע פריינט געאַרעמט,
ס'האַרץ זיי אויסגעהערעכט:

אײנע — האָבן מיך דערוואַרעמט,
אַנדערע — געפּלעט.

עלטסטע פרײַנט — די קעפּ געבויגן
און ביז בלוט — געקלעמט:
איין די צווייטע אין די אויגן
קוקן זיך געשעמט...

זייער ווי פּלעגט מיך באַצווינגען,
מיט פאַרפרעסטע ציין,
אַנשטאָט וויינען פּלעג איך זינגען,
זינגען ביז געוויין.

זי — מײַן לעבן האָט געלײַטערט,
זי — מײַן ריינסטע ליד,
אַלדאָס שלעכטס פון מיר דערווײַטערט
און מיך אויסגעהיט

פון פאַרצווייפלונג, פון שיגאָען,
מיר געשטאַרקט די הענט,
אין די פינצטערסטע פון שאָען —
צו דײַן ליכט געווענדט.

איך זאָל נאָך אַמאָל דערלעבן
יענע גוטע שאָ,
ווען כ׳וועל דיר אַן ענטפער געבן:
לאַנד מײַנס, איך בין דאָ.

1952

איך לעב דאָך נאָך...

איך לעב דאָך נאָך, און איר הייבט אָן שוין צו פאַרגעסן.
א קעלט עס ווייט אמאָל פון אײַערן אן אָס,
נאָר ניט אף אײַך איך טראָג אין האַרצן א פאַרדראָס, —
אף זיי, אף זיי — אף אָט די טויזנטער מעסלעסן,
וואָס כ׳בין מיט אײַך באַם טיש צוזאַמען ניט געזעסן,
באַם ברויט און זאַלץ, און ווײַן באַם פולן קאָס, —
אף זיי, אף זיי עס וואַקסט אין האַרצן א פאַרדראָס.

דורך רעגן, שניי און שטורעם לויפן כ׳בין קאַפּאַבל —
אף צו דערפילן אף דער האַנט די לאַסט פון אײַער בריוו,
וואָס איז די איינציקע, פאַרשפּעטנדיקע שיף
אין יאַם פון מײַנע לייד — איןווירבלענדיקן מאַבל,
די שיף, וואָס קערט זיך אום אלץ לײדיקער פון וועג,
פון מאָל צו מאָל — שטייט צו אלץ ווײַטער פון מײַן ברעג.

מיט בענקעניש איך ביין און ברענענדיקע אויגן,
מיט נאָך ניט אָנגערופענעם דורך קיינעם מעשוגאַס, —
איך בויער דורך די בריוו, די ווײַט, די שטאָט, די גאַס,
די ווענט פון שטוב, ווו כ׳האָב א ליבן דאָר דערצויגן,
און אויך די צײַט, וואָס האָט א הויכן צוים פאַרצויגן —
אן אָפּגרונט אָנגעמערקט צעווישן מיר און אײַך:
ניט ווילנדיק, ניט וויסנדיק — מיר זײַנען פּאָרט ניט גלײַך.

מײַן גאַנג איז אָפּגעצוימט, מײַן וועג איז אויסגעמאָסטן:
איין שפּאַן פון וועג, ווען כ׳מאָך, איקן טראָט — אף ליבקס צי רעכטס, —
ניט האָבנדיק דערבײַ אין זין קיין שאָטן שלעכטס, —
א קויל דעריאָגן וועט מיך פונעם הויכן פּאָסטן...
און אײַער וועג — אף אָט דעם טראָט איז לענגער פּאָרט,
און די פאַרגעסנהײַט — אף אים פאַר זיך געפינט אן אָרט.

איז וואָס וועט ווײַטער זײַן, איז וואָס קאָן זײַן שוין שפּעטער,
אויב איך וועל לעבן נאָך, נאָר איר וועט זײַן שוין מיד

פון בענקשאפט שטענדיקער, פון זײַן נאָר צוגעשמידט
צו איין געדאנק, וואָס אויסבלייכן זיך וועט ער
דורך יאָמטעוודיקע טעג און וואָכנדיקסטער וואָך,
דורך צײַט, וואָס היילט אויס יעדן אויסגאנגסלאָזן בראָך.

און אָפרופן צוריק מיך, ווי באם טויט זיך בעטן,
ניט אף קיין האָר דערנענטערן, ניט גריסן פון דער ווײַט;
אָט ווי א קייט פון בערג זיך אויסגעצויגן האָט די צײַט,
וואָס ניט פאר מענטשן־קויכעס זי אריבערטרעטן,
און נאָר א נעס, א נעס א ליכטיקער דארף טרעפן,
די טויערן פון טויט צוריק זיך טאָן זאָלן אן עפן.

נאָר איך — איך גלייב אין ניסים ניט? כ'דערווארט קיין ווונדער?
אָט דאָ דערשפאנען זאָל איך אים — מײַן אָפגערויבטן וועג?
א שלאכט פארביטערטע איך פיר דורך אלע נעכט און טעג —
מײַן לעצטן אָטעם ניט צו אָפגעבן דער טונדרע,
מיט אײַך צו זײַן די לעצטע מײַנע ערדיקע מעסלעסן, —
איר זעט, איך לעב דאָך נאָך, און איר הייבט אָן שוין צו פארגעסן.

1952

אין שוואַרצן קרײַז

ביז איך וועל דורכמאַכן דעם שוואַרצן קרײַז,
וועסטו, מײַן ליבסטע, ווי אַ טויב זײַן ווײַס.
און אַף דײַן פּנים ווערן וועט פֿאַרטיפֿט
אָט יענער קלוגער שווידערהאַפֿטער שריפֿט,
מיט וועלכן ס'שרײַבט די צײַט אַף אונדזער זײַן
די האַרבע ווערטער: אַנדערש קאָן ניט זײַן...
נאָך דײַנע פֿרעמדלעך־טרויעריקע בליקן,
און נאָך דײַן האַנט, וואָס איך וועל פּרוּוון דריקן,
און נאָך דײַן שטומען פֿאַלן צו מײַן ברוסט,
וועל איך דערקענען די, וואָס כ'האָב געוווּסט
אַמאָל, ווען לעבן האָט געהייסן: וויסן;
אַמאָל, ווען איך האָב זיך אַרײַנגעריסן,
ווי אַ פֿאַרבלענדעניש, ווי אַ געוויטער,
אין אַלע דײַנע אָדערלעך און גלידער,
אין אַלע דײַנע קילקײַטן און שווייסן;
אַמאָל, ווען לעבן ליבן האָט געהייסן...

נאָר נאָך דײַן זיך דערנענטערן פֿאַמעלעך —
אין דיר פֿון מוטערשאַפֿט דערקענען וועל איך
די פֿולסטע מאָס, וואָס וועט דיך בייגן בלינד
צו אים, צום ווידערוווּקס פֿון קינדערס קינד —
געבויגן, ווי אַ ריטל אונטער ווינט...

און נאָענט זײַן כ'וועל דיר, ווען זען וועט קיינער,
און טרייסטן וועסטו מיך, ווען זײַן כ'וועל איינער.
און נאָר דער צאַר פֿון אָנווער וועט זײַן עכט
אין דײַנע רייד — דאָס אָפּגעבן גערעכט
דער צײַט, וואָס האָט דײַן קאָפּ געמאַכט מיר ווײַס,
ווי אַ געשאַנק, אַ טרייסט און אַ באַווײַז,
אַז דו האָסט מיטגעמאַכט מיט מיר דעם זעלבן קרײַז.

1951

איך בין זײַן פֿרוי

איך דאַרף קיין טרייסטער ניט, איך מאָן קיין מיטלייד,
מיט גאָר מײַן ביטערקייט כ'וועל אײַך פֿאַראַכטן,
אויב נאָר ס'וועט עמעצער פֿון אײַך אַ טראַכט טאָן
מײַן צאַר צו לינדערן געפֿינען מיטלען.

איך בין זײַן פֿרוי... איז דאָס אַליין דען ווייניק,
קיין פֿרעמדע טרייסט־ווערטער איך זאָל ניט דאַרפֿן?
ווײַל דער אומגליק זאָל אים ניט פֿאַרוואַרפֿן,
וועל איך דאָך זײַן מיט אים באַהעפֿט און אייביק.

איך בין זײַן פֿרוי — באַטראַכט נאָר אָט די ווערטער!
איר ווייסט דען, וואָס די ווערטער, זיי באַטײַטן:
מײַן טרויער־פּרײַנט — מײַן יאָמער דער פֿאַרשטערטער,
כ'וועל דיך אַף קיינע סימכעס ניט פֿאַרבײַטן.

זײַן פֿרוי בין איך — זאָל מיר אַלס אָנשפּאַר דינען
מײַן פֿרייד אָט די, וואָס אויך מײַן שווערער בראָך איז,
און אים זאָל אָנקומען די אַלע בראָכעס,
וואָס מענטשן גינען אים, אויך איך דערינען.

איך בין זײַן פֿרוי, זײַן פֿרײַנט זײַן לײַבלעך נאָ'נטער;
כ'צעבײַס אַמאָל דאָס לײַב, איך זאָל ניט וויינען,
נאָר קיינער זאָל פֿון אײַך ניט וואַגן מיינען,
אַז אײנער ער דורך מיר ווערט אַ דערמאָנטער.

איך קאָן דען אָפּשיידן פֿון פֿרײַנט מײַן ליבן,
אים אויסטיילן ווי קאָן איך זיך דערוועגן
פֿון גאָר דער וועלט, פֿון יענע וויסטע וועגן,
וווּ זײַנע בריהער זײַנען איצט פֿאַרטריבן.

און אויב איר ווילט העם ריינעם, שיינעם עמעס, —
זײַ מוחל, ליבער, מיר דאָס האַרבע וואָרט, —
אויב ס'איז דאָס בעסטע, שענסטע אין דער קלעם איצט, —
דאַרפֿסטו זײַן דאָרט, איז איצטער דאָרט דײַן אָרט.

1956—1952

• • •

קליפ־קלאפ אין גאָלדן־טיר...
(פון א פאָלקסליד)

קליפ־קלאפ אין גאָלדן־טיר —
קלאפט מײַן אײניקל צו מיר.
קײנמאָל האָבן קײנע טירן
ניט געפילט אזא בארירונג
קלײנע פינגערלעך פון פיר:
קליפ־קלאפ אין גאָלדן־טיר.

עפן, זײדע, עפן אויף —
כ׳וועל דיר אף די קני ארוף,
טאָן דײַן קאָפּ צו זיך א בויג,
דיר ארײַנקוקן אין אויג;
וויפל זאָרג דאָרט — ווי איז מיר:
קליפ־קלאפ אין זילבער־טיר.

זע, געדענק זשע, ווו איך האלט:
כ׳זע, מע פירט דיך מיט געוואלט.
בא די זײַטן — וועכטער צוויי,
וועכטער צוויי — אז ווײ צו זײ,
און דער דריטער — פאָרויס דיר:
קליפ־קלאפ אין אײַזן־טיר.

פרעגט, פאר ווען און פרעגט פארוואָס
היט א טיר דיך מיט א שלאָס,
ריגל־אײַזן אין דער מיט,
שטילע, שטילע וועכטער־טריט,
און נאָך שטילער רינט א טרער:
קליפ־קלאפ מע קלאפט ניט מער?

ווּיפל ביסים דאַרפן קומען —
אָט דאָס אײַזן בײַצוקומען,
ווערן זאָל פון אײַזן גאָלד...
נאָר דער גורל האָט געוואָלט,
צי דאָס מזל האָט געשפּילט —
שפּילט דאָס אײַניקל מיט מיר:

קליפּ־קלאַפּ אין גאָלדן־טיר...

1958

א גרוס דורך פייַער

פון ווילדן שטייך און גליִענדיקן זאמד — מייַן איבדזול.
אַף גאָר זייַן לענג און ברייט כאָטש זייַן איין שפּאָן פון גרינס זאָל,
דאָס מידע אויג אַף דעם זאָל אָפּרוען א ביסל...
און פון מייַן לעצטן אויצער־רייַך דאָס גאָלד׳נע שליסל
פארשלונגען האָט דער יאם, און ס׳ליגט שוין אַף זייַן דעק;
דאָס לעצטע רעטונג־שיפל אָפּגעשיקט צום ברעג:
פון קוק צו קוק טרעט אָפּ פון מיר אַלץ ווייַטער, ווייַטער...
פון א צעקלאַפּטער שיף דאָס רעשט כ׳ציִנד אָן א שייַטער,
און אַף א צוויטן, דריטן טרוקן האַלץ איך קלייַב...
נאָר מער, ווי אַף דערוואַרעמען באנאכט דאָס לייַב,
איך וויל דורך דעם — דורך א פאַרוואָרפן פייַער, —
נאָך לאָזן וויסן אייַך, ווי נאָ׳נט איר זייַט, ווי טייַער.

1953

דאָס קישעלע פֿון שאָלעם

װאָס רײַסטו אױף דאָס קישעלע פֿון פּוך,
געהילט אין שװאַרצן מענטעלע פֿון סאַמעט?
דו, בלינדער יונג, אין האַרצן בעסער זוך —
דאָרט װעסטו עפּעס אױפֿזוכן מיסטאַמע.

קײן מעסערס זוך דאָרט ניט — דײַן מי אומזיסט,
און קײן קלײזײַען דאָרט װעסט ניט געפֿינען;
אײן טראָט פֿון װעג װען כ'מאַך — אין מיר דו שיסט,
נאָר איך — אין דיר מיר קומט גאָר ניט אין זינען.

איעדעס פֿעדערל די טאַפּסט דאָרט אױס,
פֿאַרזעענדיק דערבײַ צװײ גרױסע פֿליגלען,
װאָס טראָגן מיך פֿון אָט דער קלעם אַרױס —
פֿון הינטער אַלע שטעך־דראָטן און ריגלען,

װאָס נאָר פֿאַר נױט זײ ברענגען מיך צוריק
און לאָזן מיך אַראָפּ אין טאָל פֿון לײדן,
װאָס ניט אַרומצוכאַפּן מיטן בליק
און ניט מיט װערטער זײ אַרױסצורײדן.

װוּ אױסגאַנגלאָזיקײַט מיר רופֿן: רו,
פֿון זײַן און ניט־זײַן איז ניטאָ קײן צװישן;
װוּ טױטער גלײַכגילט דריקט דעם קאָפּ אונדז צו
צום שטרױענעם, צום אױסגעדאַרטן קישן.

בײג אָן דעם קאָפּ, כ'װיל זאָגן דיר געהײם:
דאָס קישעלע האָט זײער לאַנג געװאַנדערט,
פֿון דאָרט, װוּ ס'איז אַמאָל געװען מײַן הײם,
און װוּ כ'װעל עפּשער קײנמאָל מער ניט זײַן דאָרט.

דאָס קישעלע איז קלײן, נאָר שטעל זיך פֿאָר
אַף דעם צװײ קעפּ — א שװאַרצער און א בלאָנדער,

און באַק צו באַק... ביז הײַנט כ׳זוך אָפּ אַ האָר
פֿון יענעם ליכט־און־שאָטנדיקן פּלאָנטער.

דאָס קישעלע איז העל־באַוווּנטע וואָר,
וואָס קומט ביז הײַנט באַנאַכט צו מיר אין כאַלעם.
ניט זוך קיין קריג, קיין מעסערס זוך ניט דאָרט —
דאָס קישעלע איז דאָך דורכווײס פֿון שאַלעם.

1951

אף וויסטע וועלדער...

וואָס בילן זיי, די הינט? — אף זייער קאָפּ!
דאָס לעצטע ביסל שלאָף זיי רויבן אָפּ.

וואָס טראָגן זיי, וואָס ברענגען זיי דער וועלט?
א נײַער אומגליק האָט דער וועלט פאַרפעלט?

ווײַזט אויס, א נײַער — זיי דערקענען ניט
זײַן רייעך, ניט זײַן וווּקס, ניט זײַנע טריט.

דעם אַלטן וואָלטן זיי דאָך גלײַך דערקענט.
פון אים זיי וואָלטן זיך גאָר אָפּגעווענדט.

אף זייער קאָפּ — וואָס וואָיען זיי, די הינט?
דאָס לעצטע ביסל רו פון אויג פאַרשווינדט.

ווען ליכטיק איז אין שויב, מיר וואָלט געדאַכט:
אף דער לעוואָנע בילן זיי... די נאַכט

אין שויב איז אָבער שוואַרץ, — אַן אויג שטעך אויס, —
דער אומגליק קאָן אַרײַן און ניט אַרויס...

און פּלוצעם ווערט פאַרשטילט דאָס בילערײַ.
ווײַזט אויס, דער אומגליק איז אַדורך פאַרבײַ.

איז טראָג זיך ווײַטער אָפּ און ניט פאַרלויף
ניט אף קיין אויגנבליק אין שאָכנס הויף —

ניט לינקס, ניט רעכטס, און אף דער צענטער גאַס,
אף שמאָלסטער גאַס ניט זײַן זאָלסטו קיין גאַסט.

פון הויך און נידער אָפּגעשיידט זאָלסט זײַן,
אויך צווישן זיי דו כאַפּ זיך ניט אַרײַן.

אף גאָר דער לענג פון לאַנד — ביז ווײַטסטן ראַנד —
פון אונדזער נאַכט און טאָג ווענד אָפּ דײַן האַנט.

פון נאָענט אָפּטרעטן כ׳וועל דיך פּארפליכטן,
און צו דער פרעמד — ניט ווענדן דיך, ניט ריכטן.

אין וויסטע וועלדער סײַדן... ערן־וואָרט,
אף גאָר דער ערד איך זע פאר דיר קיין אָרט.

איז וואָס זשע טו איך אף די הינט זיך צאָרענען?
זיי ברענגען דען דאָס בייז? — דאָך נאָר זיי וואָרענען.

1951

• • •

אַוואַדע וואָלט פֿאַרשטענדלעכער דיר זײַן,
ווען כ'זאָג: דאָס שטעגל פֿירט אין וואַלד אַרײַן
און ברענגט דיך צו אַ שטילער מענטשן־וווינונג,
נאָר שטעל זיך פֿאָר, ווען כ'זאָג, צו דײַן דערשטוינונג,
אַז ס'איז די גאַנצע מײַסע אויסגעטראַכט,
צי אַ פֿאַרבלענדעניש, ניט דאָ געדאַכט.
אַז דאָס איז ניט קיין שטעג און ניט קיין וועג —
דאָס זײַנען לאַנגע וואָכן, שווערע טעג,
וואָס וויקלען זיך צעווישן שטאַם און שטאַם, —
וועסטו פֿון מיר דאָך לאַנג מסתּמא:
ער הייבט שוין ווידער אָן מיט זײַנע גענג —
אַזוינס צו ברײַען — מיר אַ רײַע ברענג...
איז וואָס זאָל איך דיר פֿאַרא רײַעס ברענגען,
אַז דו — דו קומסט אין וואַלד נאָר צו פֿאַרברענגען,
מיט פֿולן מויל צו טרינקען פֿון זײַן לופֿט,
פֿון פּעך, אין זון צעשמאָלצענעם, דעם דופֿט,
פֿון הייך און נידער זײַנעם צו געניסן,
זיך אין געפּענק אין אָפֿענעם פֿאַרשליסן,
און ס'קומט דיר קיינמאָל, קיינמאָל אין געדאַנק,
אַז גיין אין וואַלד באַטײַט אַן אַנדער גאַנג:
אַ קוק אַרויף — דעם וואַלד ניט אויסצוציילן,
אַ קוק אַראָפּ — דאָס האַרץ ניט אויסדערציילן.
און בלײַבסטו שטיין — פֿון אָרט זיך ניט צו רירן.
פּרוּוו גיין — וועט דיך דאָס שטעגעלע פֿאַרפֿירן,
אַרופֿירן דיך אַף אַזוינע וועגן,
וואָס האָסט קיין נאָמען ניט פֿון זייערטוועגן,
וווּ מיטן שטילן וואַלד קומסט אָן אַנטקעגן
אַ רוישנדיקן טהאָם, וואָס קערט פֿון דעק,
נאָר דאָ און דאָרטן אַ לעוואָנע־פֿלעק,
צי דורך אַ וואָלקן־רויך אַ שטראַל פֿון זון,

װאָס פּלוצעם אױפגעציטערט װערסט דערפון,
װי פון אַ פרײַנטס אַ גלײַכגילטיקן קוק...
נו, װאָס? — מיר דאַכט, אַף הײַנט װעט זײַן גענוג?
איך נאָקן כ׳שפּיר דאָס װינטעלע פון צאָפן —
דאָס װאַלד־געפּעגק פארבלײַבט שױן װײניק אָפן...

איז אױב אזױנס מיט דיר האָט ניט געטראָפן,
און ס׳זאָל ניט דאַכטן דיר, ס׳איז אױסגעדאַכט, —
איך פריער טױבן־שאָ צי שפּעט פארנאַכט
מאַך דורך דעם װעג, װאָס איך האָב דורכגעמאַכט.

1959

דער ווידוי פון סאָקראַט

באַרויִק זיך, מײַן פֿרײַנד, קיין ציטער כ׳וועל ניט טאָן,
ווען איך וועל אויספֿילן דעם פּסק פֿונעם געריכט.
כ׳האָב זיך צו אים געגרייט, כ׳האָב זיך אויף דעם געריכט —
ניט יעדערער אַ טויט זיך אויסקלײַבן ער קאָן.

און מיר זיי האָבן פֿאַרט אין דעם געטאָן צוליב, —
זאָל זײַן פֿון זייער שוואַכקײַט, ניט פֿון גרויסמוט־וועגן, —
אַלציינס, דו ווייסט, ווי רויִק כ׳גיי דעם טויט אַנטקעגן,
ווייש אָפּ, מײַן פֿרײַנד, די מענטשן־קלאָלע פֿון דײַן ליפּ.

אַזויפֿיל יאָר געלערנט דיך טאָג־אײַן, טאָג־אויס:
דער העכסטער שאַץ דער מענטשלעכער — נאָר זי, די לאָגיק,
דאָס איבעריקע איז אַ נעבעכדיק, אַ קלאָגיק —
פֿאַרדראָס און שרעק און כּעס פֿון האַרצן רײַס אַרויס.

דו האָסט געהערט די לעצטע רייד מײַנע, אָט דאָרט?
האָסט גוט געהערט? האָסט ניט באַמערקט קיין ווידערשפּרוכן?
איך מיין, אַ קעגנער מײַנער, גוט ווען ער וואָלט זוכן,
אַ דורכרײַס אין געדאַנק געפֿינען וואָלט ער פֿאַרט.

געדאַנקען כ׳האָב באַהעפֿט, דערנאָך זיי קעגנשטעלט,
אויף כוואַליעס אומגעיאָגט, דערנאָך געשטילט אין האַפֿן,
ווי ס׳וואָלט מײַן וואָרט אויף גאָר דער וועלט געהאַט צו שאַפֿן,
צעשטערט ביז טהאָם און ווידער אופֿגעבויט אַ וועלט,

ווו איך וועל זײַן אין איר, ווי דו און ווי פּלאַטאָן...
דערמאָנען ט׳איר אַ פֿרײַנד כאָטש איינמאָל אין אַ רו־טאָג? —
איז וואָס באַטרעפֿט פֿאַר מיר דאָס גיפֿטן־גראָז ציקוטאַ,
וואָס קאָן עס שאַטן מיר צי עפּעס שלעכטס מיר טאָן?

כ׳בין שוין ניט יונג, אַ ווײַטער וועג מיך מאַכט שוין מיד.
וואָס בין איך הײַנט? אַ זאַק באַר אַן אײַנגעשפּאַרטער?

7-1660

כ׳ווייס, אַלטע לײַט אין וואַסער וואַרפֿן פֿליגן ספּאַרטער —
צו לאַסט די יונגע, שטאַרקע זײַן זיי זאָלן ניט.

אין מײַנע שפּעטע יאָר דו טוסט שוין אָפּט אַ קלער:
האָסט דאָך געקענט אײַנגאַנצן ניט געבאָרן ווערן;
אָט ביידן אײַך ניט זען צו אײַער וואָרט ניט הערן,
אָט דאָס זיך פֿאָרשטעלן איז אַלעמאָל מיר שווער.

געטראַכט כ׳האָב אײַנדערשטיל, און, ווי אַ ווידערקלאַנג,
אין די וויקוכים אײַערע איך הער מײַן לערע —
אָן אויסגעברייטערטע, אַ פֿולקומע, ניט שווערע,
און אירע אויספֿירן — אין אײַער לעבנסגאַנג.

און דאָס פֿאַר מיר איז וויכטיקער פֿון אַלץ — פֿון וואָרט
און טאַט די שענסטע, רייַנסטע, פֿרוכטבאַרסטע באַהעפֿטונג, —
אין איר — די סיבה, דער יעסאָד פֿון אַלע לעבנס־קרעפֿטן,
און פֿאַרן טויט איז דאָרט שוין מער ניטאָ קיין אָרט.

איר זײַט אין וועג — אײַך פֿירט דער ערנסט פֿון געשפּרעך,
און דאָ בײַ מיר זיך פֿאַלבט דער ברייטער הויכער שאַרבן;
ביז איר דערגאַנצט ניט דעם געדאַנק, איך קאָן ניט שטאַרבן —
דעם שמועס איבערברעכן אײַך כ׳האָב ניט קיין רעכט.

אָן אײַער שטאַם דעם מעכטיקן ווען כ׳שפּאַר זיך אָן,
וואָס קאָן מיך אָפּשרעקן אָט דער געפּלאַצטער שטעקן —
דער טויט? מיט אים געמיינט און אַלטן לייב דערשרעקן,
ווען ס׳בײַלט נאָך שטאַרק זײַן עק, געפֿערלעך נאָך זײַן צאָן.

אַז כ׳האָב געפֿעלשט אין דעם אָלימפּ — דאָס זאָגן זיי,
מיט שוואַרצע פֿליגלען טרײַבן זיי פֿון מיר די יוגנט;
ניטאָ קיין גוטס מער אויף דער ערד, אויב דאָס הייסט טוגנד,
ניטאָ קיין גלויבן מער, אויב אומגלויבן איך זיי.

אויב יונגע גרינע פֿלאַנצונגען כ׳האָב אויסגעהאַקט, —
נעמט האַקט מיר אָפּ די אַלטע, קנאָכנדיקע פֿינגער!

דאָך ניט נאָר איצט, כ'בין שטאַרק געווען אַמאָל און ייִנגער, —
באַצווינגען זייער וווּקס כ'האָב קיינמאָל ניט געוואַגט.

זאָג דו, דו ביסט דאָך אויך אַמאָל געוועזן גרין
און יונג, דײַן האַרץ, ווי וואַקס, געלאָזן האָט זיך קנעטן:
האָב איך דײַן וועזן ניט געווענדט צו יענער געטן,
וואָס נאָכמע הייסט — פֿון געטלעכקײַט דער ריינסטער זין?

אין האַרץ, איך מויעך דיר כ'האָב סאַם אַרײַנגעטריפֿט?
צי דיר דערקלערט, מיט טויזנט בײַשפּילן דערוויזן,
אַז ריינער פֿון דײַן אויג דאַרף ריין זײַן דײַן געוויסן, —
קאָן זײַן, פֿאַר זיי איז דאָס געפֿערלעכער פֿון גיפֿט.

אַזאַ מין זאַך אַ פּאָשעטע זאָל ניט דערגיין:
ניט ביד'ריק איז דאָס גראָז דערמיט, וואָס דאָס איז קליין,
ניט הויך איז דער אָלימפּ — ניט העכער פֿונעם האַרץ איז ער
און אַז פֿאַר זיי איז ער אַ פֿוסבענקל, ניט מער.

פֿאַרוואָס זשע האָבן זיי, ווי ריכטער, מיך באַשטראָפֿט
און ניט געקאָנט דערווײַזן מיר, מיך איבערצײַגן?
זיי פֿלעגן דאָך מײַן שוועל באַטרעטן, ניט פֿאַרבײַגיין,
צו טרינקען פֿון מײַן קוואַל זיי פֿלעגן קומען אָפֿט.

ניין, ניט דעם דאָרשט צו שטילן האָבן זיי געזוכט,
נאָר מיט די פֿיס אַרײַן — אַף אים צו מאַכן בלודיק;
פֿון גאָלד־געשפּינטע ריקד געוועבט איז זייער צודעק, —
כ'האָב ניט דערזען דעם טאָך, און אָט זײַנען די פֿרוכט.

כ'האָב אַף דער קרוין געקוקט — פֿאַרזען די נידער־צווײַגן,
וואָס נאָר פֿאַר נאַסן מאָך און וואָרעם — זייער שאָטן;
פֿון מײַנע וואָרצלען זייגן כ'האָב זיי ניט פֿאַרבאָטן,
ניט אָפּגעשיידט פֿון זיך — דערפֿאַר איך מוז איצט שווײַגן.

נאָר צ'ריקגערעדט: איז שולדיק דען דער בוים דערין,
וואָס אַף זײַן צווײַג זיך נעסטן זינגפֿייגלען און ראָבן?

וואָס זאָל ער זיי אין זײַן באַבלעטערטקייט באַגראָבן?
צי פֿריילינג־צײַט זײַן צווײַג פֿאַר זיי ניט ווערן גרין?..

צום שוועל פֿון טויט דערנעענטט האָבן זיי מײַן פֿוס,
נאָר ס'איז דאָס לעבן דען אַן אָפּגעניצטער סילאָגיזם,
וואָס וואַרפֿסט אים אָפּ?.. איך האָב דאָך פֿאָרט אָט דאָ באַוויזן
אַ סאַך דערגיין: וואָס ניט צו טאָן, וואָס טאָן איך מוז.

ווײַל כּוץ די טוונגען, וואָס בלײַבט אונדז איבער נאָך?
אומנחז, שטערבלעכע, וואָס שטענדיק שטייען אויף דער מיט —
צווישן דעם, וואָס שוין דו ווייסט, און דעם, וואָס ווייסט נאָך ניט,
פֿון ערשטן — ניט באַפֿרײַט, באַם צווייטן ביסט אין יאָך.

און נאָך און נאָך: אַז צווישן „כ'האָב" און צווישן „כ'וועל",
איז, כּוץ דער מוירע פֿאַר אַן אויסגעדאַכטער שוועל,
מער קיין זאַך ניט פֿאַראַן... נאָר איך האָב איבערטראָטן
די שרעק, וואָס האָט מיר נאָכגעשלעפּט זיך ווי אַ שאָטן.

אין דעם כ'וועל זיך אַרײַנטראַכטן, וועל איך ניט פֿילן
דאָס ביטערניש, זיך אײַנריידן, אַז כ'שטיל מײַן דאָרשט;
אַ לעבנלאַנג כ'האָב גראָזן אַלערליי געפֿאָרשט, —
זאָל דאָס מײַן לעצטע פֿאָרשונג זײַן, מײַן לעצטער ווילן...

און איר באַדויערט מיך, און אַלע אײַך פֿאַרדריסט:
פֿאַרוואָס סאָקראַט פֿאַרמישפּעט איז אומזיסט,
צו זײַנע ריכטער איר באַציט זיך אומגעדולדיק...
נאָר זאָג, דייר וואָלט דען בעסער, גרינגער זײַן,
ווען ער איז שולדיק?

1955

ווײַטזיכטיקײַט

• • •

פֿאַרוואָס פֿאַרשרײַב איך אַלץ, אַף ווײַס פֿאַרשרײַבן כ'אײַל —
טערוצים טויזנט כ'האָב. דער לעצטער טערעץ: ווײַל
אַבוץ קורצזועגיקײַט, וואָס אונדז די עלטער ברענגט,
די זעלבע עלטער אונדז אויך ווײַטזיכטיקײַט שענקט.
און אויב נאָך מיט מײַן האנט ער פֿירט ניט אָן דערווײַל, —
אָט דער, ווי הייסט ער דאָרט — איך זע אים פֿאַר אַ מײַל.
און שרײַבן אַף דער ווײַס אין אָט דער קורצער ווײַל —
אָן אייביקײַט איז ווערט... און דאָס פֿאַרשרײַבן כ'אײַל.

1959

• • •

אַ יאָריק קינד דעם ערשטן טראָט צו מאַכן
איז עפּשער שווערער, ווי בײַ אַלטקײַט שפּאַנען.
דערפֿאַר אַריבער אים אַ וועלט טוט וואַכן,
און איבער דיר קיין אויג איז ניט פֿאַראַנען.

ווײַל אונטער ערשטן טראָט אַן אָפּגרונט הויערט,
און אונטער דײַנע — טוסטע בריקן שפּרייטן:
אַמאָל אַזאַ — זײַן לענג אַ לעבן דויערט,
אַמאָל — ניט אויסשטעלן קיין טראָט קיין צווייטן.

1960

וואָס איז דאָס מאָרגן?

וואָס איז דאָס מאָרגן — אַזאַ צײַט און אָרט,
וווּ דו ביסט קיינמאָל ניט געווען נאָך דאָרט?
וואָס דײַן געדאַנק נאָר קאָרג באַלויכט זײַן כּאַלאָל,
ווי מיט אַ שפּיגל־שטראַל, וווּ בלויז צו כּאָלעם
געווען ביסטו צוגאַסט?.. וואָס איז דאָס מאָרגן,
וואָס וועגן אים מע זאָגט: זאָל גאָט זיך זאָרגן?
ווי ווײַט איז ער פון הײַנט? צי ווי דער נעכטן,
וואָס אים דערמאָנען ווילט זיך ניט צום שלעכטן?
פון וואָס איז זי געוועבט, די מאָרגן־הויך?
פון האָפ׳נונגען, ווי וואָלקנדליעך, צי רויך,
צעשטראַלטער דורך באַגײַסטערטער זון?
ווי זעט ער אויס, דער מאָרגן, — ווי מײַן זון
דער דרײַסיקיאָריקער און ווי זײַן דאָר
(מיט שוואַרץ־געדיכטע צי מיט בלאָנדע האָר),
וואָס שפּרײַזן איבער ערד נאָך ניט באַטראָטענער —
פאַר מיר און דיר שוין שטרענג־פאַרבאָטענער?..

1958

אָן מיר...

אָן מיר, ווען איר וועט זײַן דאָ אף דער וועלט, —
אף שוואַרץ און ווײַס איר זאָלט מיך נאָר ניט טײלן,
ווײַל מיך מיט צווײ דער צאָל ניט אויסצוצײלן —
ס׳האָט שטענדיק צווישן זײ מיר רוים געפעלט...
פאַר אָרעמקײַט — א שוועבעלע אף צווײ,
כ׳געדענק, אמאָל, די מאַמע פלעג צעשפּאַלטן.
דאָס פלעמל האָט זיך קוים באַם האָלץ געהאַלטן,
און ס׳טוט זײַן פלאַטערן ביז הײַנט מיר ווײ.

אָן מיר, ווען איר וועט זײַן דאָ אף דער וועלט, —
פון אָרעמקײַט די מאָס זאָל ניט מײַן מאָס זײַן, —
איך האָב די אנגסטן מײַנע און פאַרדראָסן
די פרײדן מײַנע קײנמאָל קעגנשטעלט...
אין בענקעניש נאָך טאַט — א האָר אף צווײ
אמאָל דער טאַטע אין געדאַנק פלעג שפּאַלטן,
ווי גלײַך אין דעם זײַן קראַפט וואָלט זײַן באַהאַלטן, —
זײַן מי אומזיסטע טוט ביז הײַנט מיר ווײ.

אָן מיר, ווען איר וועט זײַן דאָ אף דער וועלט,
פאַר די, וואָס ס׳וועט מײַן אָנדענק בלײַבן טײַער,
מיך מעסטן זאָלט איר נאָר מיט יענעם פײַער,
וואָס האָט דורך שאָטן־טעג מײַן וועג באַהעלט.
און פלאַם און שאָטן טײלט נאָר ניט אף צווײ,
ווײַל אויב איר וועט זײ טײלן, קעגנשטעלן, —
דער שאָטן קאָן אמאָל די שײַן פאַרשטעלן
און ס׳קאָן א ווײַטן דאָר פאַרשאַפן ווײ.

1957

• • •

און דו האָסט גאָר די פּיס זיך ניט צעשניטן
אין טונקעל־רויך, ווען באָרוועס האָסט געשפּאַנט,
ווען ס׳האָט פון בייז די שאַרף א שטראַל דערמאַנט —
אַף אָפּצונאַרן דיך, א ניט־געניטן?

נו, און דאָס האַרץ דו האָסט זיך ניט פאַרוווּנדעט,
ווען איבער שטראַל געשפּאַנט האָסט אָנגעשוכט,
און אַף זײַן שאַרף — א וועג זיך אָפּגעזוכט,
בעשאָלעם דורך און האָסט זיך ניט פאַרוווּנדערט?

און ווען געבלוטיקט האָט פון שאַרף דאָס ליכט,
דו האָסט הען מיט די הענט זיך דאָס געזיכט
ניט צוגעדעקט, און אַז ס׳זאָל זײַן דיר גרינגער —
באַהעפּט נאָך שטײַפער צווישן זיך די פינגער...

ווער ווייסט, קאָן זײַן, דיר דורכגייט איז געראָטן,
ווײַל אַף קיין האָר פון שאַרף ניט אָפּגעקערט
האָסטו, און עפּשער ווײַל דו האָסט געקלערט,
געגלייבט, אַז אַף א שטראַל האָסטו געטראָטן?

און עפּשער איז אַט יענער שטראַל גאָר יוגנט?
און עפּשער איז אַט יענע שאַרף גאָר טוגנט?
און עפּשער בין איך, זינדיקער, א באַלן,
דער שטראַל זאָל ווידער אַף דער שאַרפקײַט פאַלן?..

1958

• • •

מעגלעך, עפּשער, אַנדערע, זיי אַרט ניט.
גריבלען זיך צו וואָס? ווי ס'לאָזט זיך — לעב.
אַף קיין שיינעם איבערמאָרגן וואַרט ניט,
אַלדאָסנעכטיקע — נאָך זיך ניט שלעפּ.

טאַקע עמעס: לעבט דען ווער אין נעכטן?
אָדער בלויז אַף מאָרגן קוקט אַרויס?
סײַדן נאָר זיי ביידע איבערפלעכטן —
זײַן דײַן הײַנט זאָל ביידע זיי די גרויס.

דעמלט וועט דיר צײַט און כאָכמע קלעקן —
פאַר אַ לעבן דורכמאַכן דעם וועג,
וואָס די בין מאַכט דורך אַף צו פאַרדעקן
מיט איר האָניק פון אַ גלאָז די דעק.

זיסטע זאַפטן איר אַף אויפצוזאַמלען
עטוואָס מער, ווי זי אַליין איז ווערט, —
פליט זי דורך אַ וועג, וואָס נעם צוזאַמען —
קאָנסט מיט דעם אַרומקרײַזן די ערד.

איז דען קאַרג זיך אָט דאָס אַלץ דערווייסן:
זען דײַן קלײנקײַט, ניט פאַרזען דײַן גרויס,
ביידע זיי — די מאָס פון דײַן געוויסן,
און פון ביידן זיי — דער ערשטער שטויס

אַף דעם וועג דײַנעם — דעם אײנציק עכטן,
וואָס דײַן הײַנט אים אָטעמווײַז געבירט,
דער, וואָס צײַט זײַן אָנהייב נאָך פון נעכטן,
און זײַן סאָף — אין מאָרגן זיך פאַרלירט.

אַלץ און אַלע — פון דער מילב ביז העלפאַנד,
ביז דער גאָלדענער, געטאָקטער בין, —
אַלע, אַלע זיי אין וועג מיר העלפן
שטענדיק וויסן, ווו און ווער איך בין.

1956

אזוי דערקלערט מײַן זון...

אזוי דערקלערט מײַן זון אינמיטנדרינען:
כ׳וועל אופשטײן מאָרגן, ווײסטו ווען? — גאַנצפרי
און גײן צום יאם נאָך אײדער ס׳וועט באַגינען, —
דער גרויסער יאם זאָל קילן מיר די קני.
איך וועל אין אים אלץ ווײַטער, טיפער גרײכן:
דער בײג פון ברוסט וועט זײַן מײַן ערשטער צײכן,
דער צווײטער — ס׳וואַרעם גריבעלע באַם האַלדז,
דער דריטער — אפן ליפּ דער טאַם פון זאַלץ.
צום לעצטן — אַף די שפּיץ פינגער זיך שטעלן,
ביז אונטער זײ וועט באָדן מיר פאַרפעלן.
ווי א געבאָרענער איך יאם כ׳וועל שווימען,
און נאָר דער הימל־ראַנד וועט זײַן מײַן סימען.

אזוי זאָגט מיר מײַן זון אינמיטנדרינען,
און ס׳קומט אים ניט אפילע אפן זינען,
און ס׳קלאַפּט אים גאָר ניט אָן אײנעם געדאַכט,
אז צווישן הײַנט און מאָרגן ליגט א נאַכט —
א יאם די גרײס, וואָס קוים דעם טאָג דערהאַרטסט.
ווײַל יעדע ווײַל קאָן בלײַבן שטום דאָס האַרץ
און בלײַבן וועט א סאָד: בא וועלכן סימען
כ׳האָב איך אומענדלעכקײַט געלאָזט זיך שווימען...

און פּרוּוו דײַן קינד מאַך אופמערקזאַם דערויף —
ער וועט די אַקסלען טאָן א הײב ארויף,
אויס מיטגעפיל א זאָג טאָן: הער שוין אוף...

1956

• • •

אוּן ווײַל ס'איז שטערבלעך אַלץ, וואָס לעבט באַר אַף דער וועלט,
מיר טרייסטן זיך אַליין אוּן זײַנען גרייט דעם בוים פאַרגעבן
זײַן גרוילנדיקע הויל, זײַן גיינגאָלדענעם וועלק,
אוּן זאָגן: אייביק יונג איז ער, דער בוים פוּן לעבן.

1946

• • •

מיט וואָס איך וועל אַמאָל באַוואַקסן ווערן,
כ'שטעל גוט זיך פֿאָר — הערוף איין לעבן איז גענוג.
צי וועט אָבער די צײַט מײַן נאָמען ניט פֿאַרווערן
מיט קומענדיקן דאָר זיך ברידערלעך פֿאַרקערן,
צי שפּעטער דאָרט — פֿון מאָל צו מאָל זיך לאָזן הערן, —
איין לעבן ווייניק איז פֿאַר אַזאַ ווײַטן קוק.

און מיר — מײַן נאָמען ווער וועט לעבנס־דויער שענקען?
מיט ליבשאַפֿט צי מיט גלײַכגילט — אַף די ליפּן ברענגען?
ווען צווישן ביידן אונדז דער בונד וועט זײַן צעשטערט —
צי וועט ער זיך ניט פֿילן פֿרעמדלעך אַף דער ערד?
אַף אַט דעם אַלעמען קעדיי און ענטפֿער געבן,
צוויי לעבנס דורכלעבן וועסט מוזן פֿאַרן לעבן.

1958

דער מענטש אין מיר

דעם מענטש אין מיר — אים וועט דען קויעד קלעקן,
אַף אויפצודעקן זיך ביז סאַמע גרונט:
ווו אַ באַהעלטעניש — אַף צו אַנטפּלעקן,
אַ טונקלקייט — ס'זאָל ווערן העל באַזונט.

דאָס בייז — אַף אויסקערן פון אַלע שפּאַלטן,
פון אַלע האַרץ־ווינקלען — אַרויס די מיסטן,
נאָר וויפל אומגערנס וועט ער באַהאַלטן
פאַר אייך צו אויפלויכטן כאָטש איין אומיסטן!

אַף אָט דעם וועג דעם זעליקן — אַ שטרויכל
וועט זיין אַי שעמעוודיקייט און אויך גיווע:
פאַר דעם — אַ דאָר אַ צווייטער איז ניט מויכל
און יענץ — מע וועט דאָך ניט פאַרשטייען אים סייווי...

אַלס איידעס רופט ער אָן רוסאָ זשאַן־זשאַקן,
וואָס האָט זיך אויך געפּאַלמעסט גליד נאָך גליד, —
און ס'האָט אַ פריינט באַוויזן אים דעם נאַקן,
אַ פיינט — מיט זאַלץ באַשאָטן יעדן שניט.

הײַנט וואָס וואָלט זײַן, ווען איך באַלויכט וואָלט ווערן,
פון גאָר מײַן טונקלקייט — קיין שפּור קיין מינדסטער! —
דערפאַר אין מיר דער מענטש, ער פּרוּווט זיך ווערן,
ער זוכט אַן אויסוועג — אַף זיך אויסצוקערן —
אויך בּאַ דער שײַן צו בלײַבן אין דער פינצטער.

1959

* * *

דאָס אַלץ, וואָס כ׳הער און זע, און דאָס, וואָס כ׳שטעל זיך פֿאָר, —
אַף וואָגשאָלן באַזונדערע זיך טוען וויגן.
און פּונקט ווי ס׳איז דאָס ערשטע ניט קיין ליגן,
אַזוי איז אויך דאָס צווייטע וואָרע־וואָר.

אַמאָל נאָר כ׳טו א טראַכט, און ס׳כאַפּט מיך אָן א קעלט:
און וואָס, אויב גראָד אין דעם, וואָס איך רוף אָן דעם ערשטן,
איז דאָ א פלעק, א פּגאם — ניט גרעסער פון א גערשטן,
נאָר אינעם צווייטן ער צעשפּראָצט זיך ווי א פעלד...

און ס׳טראַכט זיך שוין, אַז אויס — אין פעלשונג זינקסט ביז האַלדז,
און ס׳דאַכט זיך שוין פאָרויס, אַז ס׳איז פאַרפאַלן אַלץ, —
דאַן כ׳בעטל צײַט, אַליין ניט וויסנדיק בא וועמען,
און זאָג, ווי כ׳וואָלט אַף זיך א שטילן נײַדער נעמען:

אויב יאָ — איך דאַרף דעם טאָג, דעם פּגאם אַף צו פאַריכטן,
די נאַכט — דעם אײַנרײַס צווישן וואָגשאָלן פאַרניכטן.

1958

8*

• • •

דו ביסט שוין אַלט בײַ צוועלף — קיין איין־און־איינציק וואָרט,
וואָס הערסט אין שטוב בײַ מיר, געפֿינט אין דיר קיין אָרט,
קיין אָפּקלאַנג ניט, ווי ס׳וואָלט דײַן לעבן גיין פֿאַרבײַ
אַזוי־נאָס, וואָס לייגן אַכט דערויף איז ניט קיין נײַ.
און ס׳דאַכט, אַז גאָרניט ווערט פֿאַרפֿלאַנצט אין דײַן זיקאָרן,
ווי גלײַך צו אַלעם דעם ביסט טויב פֿונעם געבאָרן,
צי אָפּגעטעמפּט פֿון דעם דײַן קינדעריש געהער,
און אַלץ, וואָס אייגן מיר, — צו דיר שוין ניט געהער.
ווי ניט געווען וואָלסטו מײַן אייגן פֿלייש און ביין,
ווי עמעץ אָפּגעפֿרעגט מיט דיר וואָלט מיך אַליין, —
ווי צו אַ שפּאָגל־נײַעם זײַן וואָלסטו דערוואַכט...

נאָר ווען ס׳הערט צופֿיל שווער — זיך טרייסטן כ׳פּרוּוו און טראַכט,
אַז עפּשער בין איך גאָר, ווי אַלע בלינדע, בלינד,
אַז ביסט פֿאַר מיר אַ סאָד, אַ רעטעניש, מײַן קינד:
אַז כאָטש מײַן וואָרט קלינגט אָפּ אין אויער דײַנעם פֿרעמד,
נאָר מיט אַ צענטן כוש דײַן האַרץ מײַן וואָרט פֿאַרנעמט,
און ס׳רופֿט זיך ערגעץ אָפּ, און ס׳קומט אָן אַזאַ שעה —
דאָס וואָרט אין דיר לעבט אויף און מעלד׳ט זיך: איך בין דאָ!
דו האָסט מיך ניט דערקענט? — איך בין דײַן זיידנס וואָרט!
אין אַ פֿאַרלעגנהייט טרייסטסט אָפּ פֿאַר דעם אַן אָרט
און שמייכלסט צו צו מיר, ווי גאָר ניט אַף דער וואָר...
צוויי דורות אָפּהאָסנײַ, ווי פֿרײַנט, זיך קוקן אָן,
און ווידער זיך — אין דיר, און דיך — אין זיך כ׳דערקאָן.
אַזאַ איז זי, מײַן פֿרייד — מײַן אויסגעדאַכטע טרייסט.
איז עפּשער ווייסטו, קינד, אַ טרייסט אַזאַ, ווי ס׳הייסט?..
ווײַל כוץ דײַן וואָכיק אײַלן זיך גאַנצפֿרי אין שול,
דו ביסט, ווי אַלע און ווי אַלץ, געהיימניספֿול.
און מער, ווי דו אַנטפּלעקסט, דו האַלטסט אין זיך פֿאַרבאָרגן
ווי פֿרילינג־בלי, וואָס דאַרף אַרויסשפּראָצן ערשט מאָרגן...

איז וואָס באַהאַלטן זיי, די גרויסע איבערגעטריבענע אויגן,
וואָס אונטער דײַנע שוואַרץ־געדיכטע ריזן־ברעמען,
אַהינטער וויִעס, וואָס מיט שטאָלץ דו לאָזט אַראָפּ,
ווײַל ס׳פּילט דײַן הויט די שאָטנס, וואָס זיי וואַרפן אָפּ?
אַרויסשפּיגלען פון זיך, זאָג, וואָס פאַרזאַמען זיי —
א נאָמען פאַר מײַן טרייסט צו נאָמענלאָזן וויי?..

1958

* * *

ווען ערגעץ אין מיר — אין פאַרהוילענער טיף,
ניט זײַן וואָלט קיין יאָ, און אין יאָ — ניט קיין שיף, —
כ'וואָלט בינדן א ברעג מיט א ברעג ניט געקאָנט,
כ'וואָלט עפּשער אפילו ס'וואָרט „יאָ״ ניט דערמאָנט.

ווען ערגעץ אין מיר וואָלט ניט לײַכטן די זון, —
ווער ווייסט, סאַראַ ביז וואָלט געקומען דערפון:
קאָן זײַן, אַז דאָס ברויט וואָלט ניט רײַפן אין פעלד,
געפאַנצערט אין אײַז, וואָלט זיך דרייען די וועלט.

ווען ערגעץ אין מיר, אין דער ליכטיקײַט דאָרט,
וואָלט טויזנט־וואָרט־ניט האָבן זײַן אָרט, —
דער הימל וואָלט קיינמאָל קיין שטערן געבאָרן,
די וועלט וואָלט נאָר איין מאָל באַשאַפן געוואָרן
און ניט יעדע ווײַלע געוואָרן באַנײַט.

ווען ערגעץ אין מיר... נאָר צי דאָס ניט באַטײַט,
אַז עמעץ אין מיר הײַנט די יאָצרעס פאַרבײַט
און ס'רעדט זיך אַרויס מיר ניט דאָס, וואָס איך וויל...
ווײַזט אויס, אַז א לעץ איז אַרײַן אין דער שפּיל, —
ווײַל ס'ליד ווערט געבאָרן דעם ערשטן אַפּריל.

1959

• • •

איך וועל ניט פֿילן זיך דורך דיר באַליידיקט —
ווײַז אָן דעם טהאָם אין מיר, וואָס לויערט לײַדיק,
וואָס צוליב מײַנער אָדער עמעצנס שולד
איז נאָך ביז הײַנט געבליבן ניט פֿאַרפֿולט.

איך וועל אַף דיר ניט טראָגן קיין פֿאַרדראָס,
איך וועל אַליין דיר אויפֿזוכן מײַן מאָס —
דאָס לינקס און רעכטס אין מיר, מײַן הויך און ניִדער,
אויך וועגן צווישן זיי וועט קידער־ווידער.

ווען ס׳וואָלט דאָס אָרט געווען מיט גאָלד פֿאַרשפּונען —
וואָלט עפּשער עס מײַן גירעריקײַט געפֿונען;
ווען ס׳וואָלט אַ שטיק דערבײַ געשטאַרצט פֿון דרויסן —
כ׳וואָלט בלינדערהייט אַף דעם זיך אָנגעשטויסן.

אויב אָנפֿילן דעם טהאָם וועט ניט געלינגען —
וועסטו דען לאָזן מיך אין אים פֿאַרזינקען,
כ׳זאָל אַלע מײַנע קוויטשעס שטרענגען דאַרפֿן
אין אָט דעם טהאָם זיך ניט אַרײַנצוװאַרפֿן.

1959

ווער זשע איז געוואָרן אַלט?

ווער איז געוואָרן אַלט — דער טאָג, די נאַכט?
די זון באַם אונטערגאַנג, דער טוי באַגינען?
כ'האָב שאַרף זיך אײַנגעקוקט, זיי גוט באַטראַכט
און ניט געקאָנט קיין ענדערונג געפינען.

איך וועל זאָגן: איך, איז סײַדן האַלבן טאָג,
ווען ס'ברענט די זון, צי ווען מײַן צווייטע העלפט
אַמאָל מיר אָנצוטאָן דעם מאַנטל העלפט
און טיילט מיט מיר דאָס פּעקל, וואָס איך טראָג.

צעווערשט האָט מיר געדאַכט — נאָר זי ווערט אַלט,
מײַן צווייטע העלפט, — ס'האָט שטאַרק געטאָן מיר באַנק;
דערנאָך כ'האָב צו איר טראָט געגלײַכט מײַן גאַנג,
כאָטש אײַנגעגאַנגען כ'בין אַף דעם ניט באַלד.

ווײַל ווען איך קוק אין דרויסן אַפן שניי,
צי פון דער ערד, וואָס אונטער מײַנע פיס
אַ גרעזל שנײַדט זיך, ווי אַ גרינע שפּיז, —
כ'בין אַף קיין קוק ניט עלטער דאָן פון זיי.

איז ווער זשע ווערט דאָ אַלט — דאָס גראָז אום זומער,
דער שניי אום ווינטער, צי דאָס גאָלד אין האַרבסט? —
כ'וואָלט זאָגן: איך, ווען ס'ברוינט מיך ניט די זון מער,
צי ווען דאָס אַלץ פאַרשווייגן וואָלט מײַן האַרץ.

1958

• • •

כ'בין אומרויִק, און דאָס איז אַלץ, וואָס כ'ווייס.
איך זוך, איך פּרוּוו אַ גרונט דערגייך און קאָן ניט,
ווי דרויסן וואָלט געדראָט מיר אַ סאַקאַנע,
און אויך איך שטוב דערוואַרט וואָלט אַלדאָסבייז.

און פרעגט מיך ניט, פונוואַנען קומט די שרעק,
און ניט — וווהין, ווי ווײַט זי קאָן פאַרפירן;
כאָטש פרײַ צעפראַלט זײַנען מיר אַלע טירן,
דורך אַלע זיי פון זיך כ'קאָן ניט אַוועק.

ווײַל כ'בין, ווײַזט אויס, נאָך אַלץ אין גאַנג, העט־ווו,
ווי גלײַך אין אויסגעוואָרצלטער פונדאַנען;
דו מיינסט, איך גלייב, אַז נאָרוואָס ביסט געשטאַנען
צוקאָפּנס מיר, אַף מיר צו ווינטשן רו?

כ'בין אומרויִק... פון וואָס? ניט שווין פון דעם,
וואָס שיידן זיך איז שווער אויך מיט אַ קלעם?

1959

* * *

דעם צוקער איך צעשמעלץ אין אָקרעפּ־טיי,
צוליב א טאם — איך ביין צעגאנגען זאלין,
נאָר איך — איך וויל ניט זיין קיין גלייכן זיי,
כאָטש גאנצערהייט נאָך טרעפט אין גאָרגל כ׳שטיי,
און מיין שארפקאנטיקייט נאָך רייסט דעם האלדז.

„איר ווילט מיין זיסקייט — אויך מיין קלאָרקייט זעט.
איר ווילט מיין טאם — קוקט אָן אויך דעם, וואָס גיט אים״, —
אזוי, ווייזט אויס, דאָס שטיקל צוקער רעדט,
דאָס גרייפל זאלין, וואָס באלד צערינען וועט,
נאָר פרווט נאָך אלין זיין אויסזען צו פארהיטן.

1959

• • •

ווען ס׳ענגט אין הארץ און ווײַטער כ׳קאָן ניט גיין —
איך שטעל זיך אָפּ און זאָג צו זיך אַליין:
נאָך אַלע האיעמס, זעסט, גערעדט האָסט צופּיל,
פאר שפּעטסטע טעג קיין ווערטער ניט געשפּאָרט.
פאַרבלײַבן ניט דערזאָגט אויב ס׳וועט דאָס וואָרט
דאָס וויכטיקסטע, — באַשולדיק ניט דעם צופאַל.

ניטאָ קיין מער געהאָרכזאַמיקע לײַט,
ווי אָט די צופאַלן, — מיט די פאַרשוויגענע
קאָנסט אקערן דאָס פעלד, א שלאָס צום וווינען
זיך אויסבויען מיט פענצטער אין דער ווײַט.
מע טאָר אָבער אַף זיי די הויט ניט שוינען,
אין צוים זיי קערעווען פון צײַט צו צײַט.

ווײַל פרווו זיי פיטער ניט־געצוימטערהייט —
זיי וועלן דיר נאָר אויסטרעטן די קערנער,
צי זײַן פאַרוואַקסן וועט דײַן פעלד מיט דערנער...
און דו — אין דער פאַרוויסטקײַט דו ביסט גרייט
געווען דײַן זאַק מיט טרויער און מיט פרייד
אַרופוואַרפן דעם צופאַל אַף די הערנער...

1959

• • •

מיר דאכט, כ׳האָב קיינמאָל פארן גאנצן לעבן
באגריסונגען אזויפיל ניט געשיקט
צו מענטשן, וועלכע זיי האָט אָפגעגליקט
ביז זעכציק זייער פאָדעם צו דערוועבן,
ביז זיבעציק דערשפאנען ניט געבויגן,
ביז אכציק — קוקן מיט פארליבטע אויגן.

און יעדערן א ווינטשעניש טראָג צו —
קיין וואָרט ניט איבערכאַזערן, כאָלילע.
וואָס ווייטער — אָפטער כ׳שעם זיך ניט אפילע
דער עלטער, ווי א גלייכן, זאָגן „דו".
נאָר שוין נאָך יעדן צווינטשן כ׳בלייב מיד...
און גלייך עס וואָלט געדריקט אף מיין געמיט,
וואָס לעצטנס כ׳בין געוואָרן אזוי פילבאר.
אָפט מער א סאך, ווי איך וואָלט עס געוואָלט:
געבוירן־טעג און כאסענעס פון „זילבער",
פארלוירן־טעג און כאסענעס פון „גאָלד",
ווי שוואָמען נאָך א רעגן, וואקסן אויס,
און פרעג, וואָס איז די סימכע אזוי גרויס?..

ניט אנדערש, אז אין דעם איז דאָ א מיין,
א סאָד: מע קנייפט די באק, די פארב זאָל שטיין.

1960

אַף מײַנע באַרג־שפּיצן איז גרין

איך זוך אַלץ יוגנט־גרינס אין עלטער־געלבס,
און איבער זיי זיך שפּרייט אין בלויער הימל;
אַמאָל מיך ברענגט נאָך אויף אַ יונג געווימל,
אַמאָל דערפרייט עס מיך בײַ זיך בײַ זעלבסט.

כאָטש ס׳איז אַף מיר שוין קענטלעך אָנצוזען
דעם גאַנצן אומרו־מאַבל פון געשיכטע, —
און האָך די טויב, נאָך גרינעם בלאַט געשיקטע,
איז הײַנט אַף מײַנע באַרג־שפּיצן געווען.

און אײדער אײַנקלעמען אין מויל דאָס גרינס,
מיט גוטער בשׂורה אָנשטרענגען דעם פליגל, —
זי האָט אין אויג מײַנס זיך געטאָן אַ שפּיגל,
און איך האָב זי פון טיפן האַרץ באַגריסט.

נאָר כ׳ווייס ניט, וואָס האָט הײַנט דערפרייט מיך מער:
די טויב, וואָס בײַ איעדן מאַבל דאָ איז,
צי דאָס, וואָס זי האָט, זאָל זײַן אַלפּי־טאָעס,
נאָך גרינס דערקליבן זיך צו מיר אַהער.

1957

* * *

די פּראָגנאָסט, ווען הייבט זיך אָן דער באַרג־אַראָפּ
בײַם שטיינדעלע, בײַם וואַסערל, בײַם מענטשן,
וואָס אויף דער אָדלער־הייך איז ער געווען שוין
און אונטערשפּאַרט די וואָלקנס מיט זײַן קאָפּ?

דאָס שטיינדעלע — בײַם ערשטן, לײַכטן שטויס,
דאָס וואַסערל — פֿון אײַז־טורעם אַרויס,
דער מענטש — בײַם זיך דערפֿילן באַרג־שפּיץ־גרויס,
און אַלע דרײַ — ווען ס׳גייט די צײַט זיי אויס:

דעם שטיינדל — אויף דער העכסטער הייך צו ליגן,
דעם וואַסערל — זיך מיטן אײַז צו קריגן,
דעם מענטש, ווען ס׳נעמט אַן אַנדערער זיך קליגן,
ווי איבער אים דעם וועלבן טהאָם זיך וויגן...

1960

• • •

ווען ס׳קומט אַ שווערער טאָג און מיט זײַן גאַנצער וואָג
דאָס אומרעכט מיך באַפֿאַלט — צו זיך אַליין איך זאָג:
ווּ נעמט מען זי, די קראַפֿט, אַזוי פֿיל זײַן גערעכט,
אַף וויפֿל ס׳איז פֿאַרגלייבט דאָס אומרעכט אין זײַן רעכט?..

1959

דער שמעטערלינג

זײַן קלאָר־װײַסער פֿליגל אין פֿולן צעפֿאָך
קאָן דרײַ מאָל פֿאַרװיקלען זײַן גוף דעם געפֿלעקטן,
דעם גוף מיט אַן אַשיקן פֿון אַ באַדעקטן —
פֿאַר יאָמטעװ פֿון פֿליגלען — די לאַסט און די װאָך, —
איז װאָס קאָן אַ שמעטערלינג גלוסטן זיך נאָך?

פֿון צװײַגל ביז צװײַגל — צו פֿלאַטערן מער,
אין לופֿטיקער בלױיקײַט צו קלאָרן זיך לענגער,
דאָס לענגלעכע קערפּערל — אײַנציִען ענגער,
דעם מיזרעך — אױף אױפֿגײן אין ערשטן באַגער,
דעם מײַרעװ — אױף טאָן צו דעם אומקום אַ קער.

נאָר צװישן זײ בײדע, װוּ קערט מען זיך אױס?..
ער האָט זיך פֿאַרפּלאָנטעט — אין פֿױסט מיר געטראָפֿן,
װוּ איך האָב געלאָזט אים אײן פֿענצטערל אָפֿן —
אַן אײגל אַ רונדיקס, אַן אַרבעס די גרױס:
אי גראם זאָל אים זײַן, אי ניט קאָנען ארויס.

און כ'שמײכל צו זיך, און רײד אײַן זיך אַלײן,
אַז כ'האַלט אים אין קלעם, אים צו ברענגען אַ רעטונג
פֿון קינדערשע הענט, װאָס פֿון צערטלען, פֿון גלעטונג
זײ קאָנען אַריבער — אָן ביזלעכן מײן —
צו אױספּרוּװן אים אונטער לאַסט פֿון אַ שטײן,
צו לאָזן אָן פֿליגלען — פֿון יאָ און ביז נײן.

ער האָט, װי אַ האַרץ, זיך געקלאַפּט אין מײַן פֿױסט,
געגלעט מיטן גוף, מיטן שנורקל — געשטױסט.
דערנאָך אױף דער פֿרײַ — קױם די פֿליגלען צעפֿירט,
אַ װײַל אױף מײַן אָפֿענער דלאָניע שפּאַצירט,
באַם ראַנד פֿון אַ פֿינגער געהאַנגען אַ צײַט
אַריבער דער טיף און אַריבער דער װײַט,
געװיגט אין דער לופֿט צי זיך פֿליִען געפּרוּװט...
צי װײסטו, אַ פֿליִען אַזאַ װי זיך רופֿט?..

1960

ווילסט א באוויַיז?

ווילסט א באוויַיז? ווען ס'וואָלט דאָס לעבן זיַין א קריַיז, —
ווי קומט צו דעם אזויפיל טעמפּע, שאַרפע ווינקלען?
און דאָס, וואָס קריַיזן נעמען איין די אויגן פינקלען,
ווען שטויסט זיך אָן אין דעם — איז וויַיט ניט קיין באוויַיז,
אַז ס'איז דאָס לעבן קיַילעכדיק.

א ביַישפּיל ווילסט? — פאר אייגעם טויזנט איך פאַרמאָג,
נאָר כ'ריקד צו די, וואָס זייער לעבן זיי געדענקען,
צו די, וואָס פּרוּוון ס'לעבן צו א טייקן ברענגען,
וואָס יעדער „יאָ" און „ניין" זיי לייגן אַף דער וואָג,
נאָר ס'איז די צאָל נאָך אַלץ ניט קיַילעכדיק.

און אויך צו יענע, וועלכע פּרוּוון מאכן גרינג
דאָס לעבן זיך: צו וואָס זיי אַלערליי מאכזאַקעס?
פון היַינט ביז היַינט נאָר — זייער קריַיז און זייער טאָג איז;
זאָל זיַין א ליגן איז אויך ער, דער שמאָלער רינג, —
דערפאר איז ער באַקוועם און קיַילעכדיק.

און גרייט זיי זיַינען מיר דערוויַיזן שוואַרץ אַף וויַיס:
דו וועסט אַף „יאָ" און „ניין" דאָס לעבן ניט צעטיילן;
פון „יאָ" זיַין „ניין", פון „ניין" זיַין „יאָ" —
ניט אויסצושיילן,
אַז גליַיכער שליסן שאָלעם צווישן זיי און מיטן קריַיז, —
ס'טרעפט דאָך, ס'גייט דורך אי גלאַט, אי קיַילעכדיק.

נאָר כאָטש מיט זיי מיר רייַדן אַף דער זעלבער שפּראַך
און מיט דער זעלבער לופט מיר פּילן אָן די לונגען,
נאָר קיינעם נאָך פון זיי איז קיינמאָל ניט געלונגען
פאַרנאַרן מיך צו זיך — איך שאָטן פונעם דאָך,
כאָטש גערעדט האָט מען א סאַך און קיַילעכדיק.

ווײַל בעסער טויזנט מאָל צעבײַלן זיך ביז בלוט
אָן אַלע שטאַרצנדיקע און געהיימע ווינקלען,
ווי אין א פוסטן קרײַזן זיך, ווי א וואָרעם, וויקלען,
א גאַנצן לעבן אַרום זיך אַליין צו רינגלען
און מיינען: גאָט מײַנער, ווי גוט מיר איז, ווי גוט,
וואָס, ווי מײַן רינג, דײַן וועלטל דרייט זיך קײַלעכדיק.

1956

א נאַכעסדיקער רעגן

די זון האָט זיך אַף אירס געשטעלט.
דאָס פעלד — אַף העלפט שוין אויסגעגעלט.
דאָס העכסטע בלוי — פאַרבלייכט געוואָרן
און האָט דעם הימל־כיין פאַרלאָרן.
דער ווינט, אָנשטאָט דאָס פעלד צו קילן,
דאָס גראָז אַ כיעס זאָל דערפילן —
דער ווינט. דאָס גראָז ביז וואָרצל ברענט.
און ראַטעווען וואָלט נאָר געקענט,
ווען איבער פעלד און ווײַט צעהיצטער
אַ שלאַקסרעגן אַראָפּ זאָל איצטער,
אַ מאַבול־ווילדעניש זאָל ברויזן,
נו, כאָטש ביז אויסציילן כ׳וועל טויזנט;
דאָס שמײַסן זאָל זיך טאָמיד בײַטן —
פון רעכטס, פון לינקס — פון אַלע זײַטן.

און גיין דאָס ציילן זאָל פאַמעלעך —
דעם אָטעם איבערכאַפּן וועל איך...

נאָר עפּשער גלײַכער, ס׳זאָל אַ רעגן,
אַ שטילער רעגן נעכט און טעג גיין,
פון הימל — נידערן אַף בלינד,
אַ ניט־געטריבענער פון ווינט,
פון קיינעם קיינמאָל ניט געציילט,
אַזוי, וואָס ביז צום וואָרצל היילט, —
ער זאָל דאָס פעלד ניט שטאַרק צעשווענקען,
נאָר ס׳זאָל דאָס פעלד אים לאַנג געדענקען...

1960

• • •

נו, מיילע, כ׳פארשטיי, און אויך מיטפילן כ׳קאָן אזא איינעם,
וואָס זאָגט עס מיט ווייטיק ארויס, מיט א מייק מיט א ריינעם.

באָר דער מיר דערקלערט מיט א שמייכל א נעבעכדיק־פרעכן:
ער וויל ניט אָז קורציניקע שורעס די ציין זיך צעברעכן.

און זאָגן ער זאָגט עס, מיך טיפער צו טרעפן אומיסטן...
וואָס האָב איך געטאָן אים, ער זאָל אָט די שאָ מיר פארוויסטן?

און פרעגט אים, דעם מענטשן, וואָס בין איך אים שולדיק געבליבן,
כוץ דעם, וואָס א לעבן כ׳האָב קורציניקע שורעס געשריבן.

וואָס מיינט ער, אז אויסשטעלן ווייניקער אויסיעס איז גרינגער?
באַם קירצן א שורע איך קירץ זיך אליין דאָך די פינגער.

א יאם כוואליעט דורך בא מיַין קליינעם, מיַין האָרפישן טישל,
ביז ס׳גיט זיך מיר איַין צו פארופן דאָס גאָלדענע פישל.

און ווײַל אָט דעם פישל צוליב — איז דעם יאם ניט צו ברענגען,
די ראכוועסן זיַינע, די יאמישע ברייטן און לענגען, —

דאָס הארץ מאכט מיר גרינגער א טרער, וואָס איר טיף און איר טאם —
זיי דארפן דעם גאָלדענעם פישל פארבײַטן דעם יאם.

און נעכט בין איך אוף, צי די טעג איך פארצי ביז באגינען —
דאָס פאסיקע שפּײַז פארן גאָלדענעם פישל געפינען.

איז קאָן ער מיר עפשער דעם נאכעס אויך דעם ניט פארגינען?..

1959

• • •

אַפֿילו דו, אַזאַ מין איבערקלײַבערן,
אַ צײַט געזעסן ביסט פֿאַרכוישט, פֿאַרגאַפֿט —
געהערט, ווי ס׳וועבט פֿאַר אונדז אַ הימל־האַפֿט,
אָט דער, וואָס אַף דער ערד זיך רופֿט וואָן קלײַבערן.

ווען אונטער זײַנע הענט די קלאַנגען וויכערן —
ער בייגט זיך אָן — דעם שטורעם בײַצושטיק,
נאָר ווען ער פּרוּווט די וועלט אין רו פֿאַרזיכערן, —
ער שאָקלט פֿײַנלעך מיטן קאָפּ אַף „ניין“.

מע זאָגט, אַז טפֿילע טוט ער, בראַמסן שפּילנדיק, —
פֿאַר אים, פֿאַר זיך, פֿאַר אַלע אונדז,
אַז אַף די פֿליגלען מעכטיקע פֿון קונסט
ער צווינגט פֿאַרלאָזן אונדז די ערד ניט ווילנדיק.

און מיר, פֿון אָט דעם נעס אַלייך ניט וויסנדיק,
שוין בלאָנקענדיק פֿאַרזאָרגטע אַף דער ערד, —
מיר קלערן ניט, פֿון ערדישן געניסנדיק,
אַז דאָס האָט ער צוריק אונדז אומגעקערט.

1960

9–1660

• • •

אָן אַנדערשמאָל דו טראַכסט: געוויס זיך שוין געשפּיגלט.
ווער ביסטו בא דער וועלט — איר בכאָר צי דער מעזיניק?
געפּאַסט וואָלט איצט דיר באַר, זאָלסט אויסקריצן אַן איגל,
פֿאַרשליסן זיך אין אים און טײַנען: ס'איז אומזיניק!
ווי קאָן אַזעלכעס זײַן, אַז דו זאָלסט מער ניט זײַן?!

ווערט גרוי אַ האָר פֿון קאָפּ — דו מאַכסט פֿון דעם אַ וועזן,
בא יעדן ראָג רוסט אָפּ — טוסט טיפֿזיניק אַ שמייכל,
ווי גלײַך ביז דיר איז אַלץ אין אָרדענונג געוועזן,
און נאָר אין דיר די וועלט געקומען איז צום סייכל:
ווי קאָן אַזעלכעס זײַן, אַז דו זאָלסט מער ניט זײַן?!

אַ סאַך דאַרפֿסט אויפֿטאָן נאָך? — דאָס, זעסטו, איז אַ כאָכמע,
מוזט אויספֿילן דײַן פֿליכט? — יאָ, אַ גערעכטע טײַנע;
דאַרפֿסט פֿיל דערמאָנען זיך? צי זיך פֿאַרגעסן נאָך מער?
און נאָר דערפֿאַר זיך קלעמסט בא אָט די ווערטער דײַנע:
ווי קאָן אַזעלכעס זײַן, אַז דו זאָלסט מער ניט זײַן?!

דאָס איז זי דאָך, די מאָס די שאָפּלסטע, דער שטאַפּל,
נאָך וועלכן דו באַטראַכטסט גאָר באַדנלאָזע שרעקן,
ווען זיך אַליין דו זוכסט בא זיך אינעם שוואַרצאַפּל,
און דאָרט, ווען זיך פֿאַרזעסט — ביסט גרייט אויך טויטע וועקן:
ווי קאָן אַזעלכעס זײַן, אַז דו זאָלסט מער ניט זײַן?!

זאָל זײַן, אַז איך באַטראַכט דעם שאָפּלדיקן באָדן,
אַז כ'נעם ניט אָן פֿאַר גוט מײַן אָפּגייק, מײַן ניט ווערן,
אַז צופֿיל שוין דערמיט מײַן טאָג איז אָנגעלאָדן,
אַז נאָר די שוואַרצע נאַכט אַ גרענעץ לייגט צום קלערן:
ווי קאָן אַזעלכעס זײַן, אַז דו זאָלסט מער ניט זײַן?!

נאָר זיך אַליין ער לײַגט, אָט דער, וואָס וועט מיר ברײַען,
אַז ווי צום טאַנץ ער שפּאַנט דער אייביקײַט אַנטקעגן,

אַז מיט דער גרעסטער פרייד זײַן אָרט ער גייט באפרײַען
פאר קומענדיקן דאָר, אַז קיינמאָל טוט ער פרעגן:
ווי קאָן אַזעלכעס זײַן, אַז ער זאָל מער ניט זײַן?!

און איך בין מוידע זיך אין שרעקלעכן פאַרברעכן:
ניט נאָר די גרויסע וועלט, וואָס טוט זיך מיר אַנטפלעקן
בא יעדן קער און ווענד, איך אָנווער מײַנעם כ׳רעכן
אויך אַט די מורעשקע, וואָס ס׳טוט מײַן טראָט זי שרעקן,
נאָר זיך וועט זי דערטאָך, ווען איך וועל מער ניט זײַן.

1958

• • •

ניין, דאָס איז נאָך ניט גאָר, ניט דאָס — דער טאָך.
ניט דאָס מיך קוועטשט, ניט דאָס איך וויל דערציילן.
נאָך דעם סאַכאַקל הייבסטו ערשט אָן ציילן
און ווידער אונטער־עכענען דערנאָך,
און ניט אין קלאָל, נאָר שוין אין פּראָטיי־פּראָטים —
אזוי, ווי ס'זעט דער מענטש באַם לעצטן אָטעם
זיין וועג — פון אָנהייב ביז צום סאָף — דערהויפּט
פון דעם פארוואָלגערטן מיט לעבנס־שטויב,
וואָס עמעצס האַנט אַלץ ריינ־קט אָפּ, דערהויבט...
אָט יענע רעגע דורכלעבן כ'וואָלט גערן —
ס'זאָל גאָרנישט פון מיין זיין פארגעסן ווערן,
ס'זאָל אַלץ ארויסטרעטן, ווי שוואַרץ אַף ווייס.
א שאָד, וואָס מיט אזא מין פּעקל ביים
מע לאָזט ניט נאָכאַמאָל צוריק זיך קערן.

1958

• • •

מערער, ווי פאר אויסגעלעבטקייט,
מוירע כ׳האָב פאר אויסגעשעפּטקייט.

מיילע — איז דאָס פּאָנעם בלאס,
מיילע — גיי איך אף דער גאס
שטילער, לאַנגזאַם און געהיט,
מיט א שטעקן בא די טריט,

איז דער רוקן מער געבויגן,
טונקלער זעען שוין די אויגן,
גייט דורך יוגנט מיך פאַרביי,
קוקט, ווי אף אַן אַלט געביי
צווישן פרישע הויכע ווענט —
אָפּגעפּרעמדט און אָפּגעוועגדט...

נאָר ווי אַט דאָס אַלץ מיך קרענקט ניט —
צו פאַרצווייפלונגען מיך ברענגט ניט.
אָבער ווען כ׳געבויר א ליד
און אינמיטן בלייב איך מיד,
א געדאַנק בלייבט ניט דערטראַכט,
קראַפּט פאַרפעלט מײַן דיכטער־טראַכט
אף צו ברענגען אף דער וועלט
ס׳קינד אַזא, ווי מיר געפעלט, —
דעמלט מיך א שרעק באַפאַלט,
דעמלט זאָג איך: ביסט שוין אַלט.
אָפּגעטאָן פון דיר זיך האָט
פון דערוויילטקייט דאָס גענאָד,
אויסגעלאָשן זיך דײַן רייץ...
נאָכדעם ווען איך לייען גרייטס
פאר א נאָ׳נטן, פאר א ווײַטן —
נעם איך זיך אין פּאָנעם בײַטן,
ווער איך פײַנלעך־אומגעדולדיק,

קוק אים אין די אויגן שולדיק,
גלײַך ווי אף אן אורטײל כ'וואַרט,
גרייט אף אלץ, אין זיך פארשפארט.
כ'קוק און פאנג זײַן יעדער קוק,
יעדן זײַן געזיכטן־צוג:
טאָמער טראַכט ער, טאָמער האלט ער —
בארג־אראָפּ שוין שפאנט דער אלטער.
איין באלויבונג פאר מײַן צאר,
איין באשיצונג פונעם גזאר:
טאָמער יאָ, דאָס ערגסטע טאָמער —
אין מײַן ליד די ליד ניטאָ מער,
דאָס געזאנג — זיך אויסגעוועפּט —
הייסט עס, דײַנס האָסט אָפגעלעבט.

און אָט יענע גוטע פרײַנט,
וועלכע שטארקן מיך ביז הײַנט,
טײַנען אײַן, אז כ'טו אלץ שטײַגן
און מײַן בידער־גאנג פארשווײַגן,
צי ס'איז עמעס, צי זיי לײַגן, —
כ'בין א מענטש — די רייד איך הער,
גלייב אמאָל, נאָר אָפט איך קלער:
גוטע מענטשן, ס'טוט אײַך באנק,
ס'איז א שאָד אײַך מײַן געזאנג,
וואָס האָט, ווי א קוואל, געלעבט,
וואָס איר האָט פון אים געשעפט...

מערער, ווי פאר אויסגעלעבטקײַט,
מוירע כ'האָב פאר אויסגעשעפּטקײַט.

1957

געוווינהײַטן

געוווינהײַטן, איר זײַט דאָך אויך מײַן לעבן,
ווער וועט אײַך אַלע יאַרשענען נאָך מיר?
איך האָב אײַך אָנגעזאַמלט אָן אַ שיעור,
ניט פֿיל געווען ביז הײַנט אין זיך אײַך שלעפּן,
און איצטער, בײַ דער לעצטער שוועל־און־טיר,
וואָלט כאָטש געווען אײַך וועמען איבערגעבן.

כ׳בין ניט נאָר שלעכטס טאָן דאָך געווען געוווינט,
טאָן גוטס ניט שטענדיק כ׳פֿלעג זיך דאַרפֿן צווינגען;
צוליב זײַן יענעם, ווײַל ס׳האָט מיר געלוינט —
פֿאַר דעם מיט זיך כ׳פֿלעג אויך זיך היפּשלעך דינגען.
איז עפּשער וואָלט פֿון אײַך געלוינט זיך וועמען
די בעסערע פֿון זיי — יערושע נעמען.

פֿאַר אייניקע — צו טײַער כ׳האָב באַצאָלט.
און ווײַל זיי זײַנען מיר ביז הײַנט צו טײַער —
כ׳צעגיב זיי האַלב אומזיסט... כ׳וואָלט נאָר געוואָלט,
אַז דער באַזיצער זייערער דער נײַער
ניט טאָן זאָל ג ו ט ס בלויז פֿון געוווינהײַט ליבער
און ש ל ע כ ט ס, ווײַל אין געוווינהײַט אַלץ גייט איבער.

1958

* * *

כ׳האָב וויפֿל מאָל געגעבן זיך דאָס וואָרט
צו שענקען רו מײַן האַרץ מײַן פֿיל־געליטענעם.
קיין אַנדערס האָב איך דאָך ניט אויף זײַן אָרט,
דערצו, ווי לעבט מען מיט אַ האַרץ פֿאַרביטענעם?

זאָל זײַן דורך גוואַלט, נאָר זײַן כ׳מוז אָפּגעשיידט
פֿון מײַן געזאַנג, ווי גלײַך פֿון אַלע טײַנעגן,
וואָס פֿליִען טראָגן קוועלנדיקע פֿרייד,
מיט בלינדן רוף דעם גוף צו פּײַניקן.

כ׳גיב זיך דאָס וואָרט, ווי נאָר אויף טאָן קאַפּויר.
וואָס ווײַטער — מער, מיט אימפּעט, מיט האַרץ־קלאַפּעניש,
ווי עמעצער וואָלט שטויסן מיך: געבויר,
געבויר, שוין איצט — אין אײַלעניש, אין כאַפּעניש.

אויך די געווינער — אין קאַלטן שווייס,
אין אַנגסט — אַ נײַדער גיט זי, די געווינער:
זײַן אָפּגעשיידט פֿון מאַן, נאָר יעדער ווייס —
באַ אים אין שווייס זי וועט דערפֿון דערינער.

1959

• • •

איר ווייסט, וואָס הייסט אַלטקײַט — דער שפּאָן אַף דער העלפט.
אַף טרוים און דערוואַכונג — די האַרבע צעטיילונג,
אַף וועלטן, וואָס ווערן שוין זעלטן באַהעפט,
וואָס אויך די באַהעפטונג ברענגט זעלטן אַ היילונג.

אַזוי ווי דער וואָלף אין באַפּענדלטן רינג —
ער יאָגט און ער קרײַזט, נאָר פאַרלאָזן אים קאָן ניט, —
אַזוי איז דער אַלטקײַט פאַרלאָזן ניט גרינג
דעם שאַרפן, פאַרקישעפטן קרײַז פון דערמאָנונג.

איר ווייסט, וואָס הייסט אַלטקײַט — אַ רויגעז אומזיסט,
אַ שמייכל, מיט טויזנטער טײַטשן באַגליקטער, —
דער קלאָרסטער פון זיי — וואָס די יוגנט באַגריסט,
ווי ס׳גריסט דעם באַזיגער אין קרײַז דער באַזיגטער.

1959

• • •

וואָס אַטאָם־קראַפט באַטײַט — אין דעם בין איך נאָך רוי.
הײַנט ווען וועט זײַן מיר קלאָר, ווי זי באַהערשט דעם רוים?
נאָר אײַך, וואָס שאַפן וואָר פון שענסטן מענטשן־טרוים, —
מײַן יאָשער־קוויטל אײַך, ביט וויסנדיק, כ׳פאַרטרוי.

ס׳איז אײַער וווּנדער־וועג — פון הי ביז דער לעוואָנע —
פון הײַנט אָן מײַנער אויך, ווי אײַערער, געוואָרן,
און ווײַל איך האָב דערלעבט דעם נעס אין מײַנע יאָרן,
איך זאָג אײַך אויס א סאָד: געמאַכט כ׳האָב שעכיאָנו.

און ווײַל כ׳בין גליקלעך הײַנט, דערצייל איך נאָך און מער.
בא יעדער קער און ווענד הײַנט זאָגן איך באַגער:
גוט־יאָמטעוו דיר, מײַן לאַנד, גוט־יאָמטעוו גאָר דער וועלט,
מײַן דאָר, צום הימל האָסט דאָס לײטערל געשטעלט, —
ס׳וועט די לעוואָנע מער ניט זײַן שוין אַזוי עלנט,
ניט אויסזען אַזוי פרעמד, ניט זײַן אַזוי פאַרוויסט.
כ׳האָב אירע טאָלן, בערג, ווי היימישע, באַגריסט,
דערבײַ אַ וווּנק געטאָן אַ שטערנדל דערנעבן:
אינגיכן וועט אויך אים דער קאָוועד זײַן געגעבן,
די פליכט צו זײַן אַ טייל פון אונדזער ערדיש לעבן.

1959

• • •

באַקומען אײַער בוך — אַ שיינעם דאַנק.
דאָס ערשטע, וואָס מיר דורך איז פֿאַר די אויגן,
צו זיך מײַן אויפֿמערקזאַמקייט צוגעצויגן —
איז פֿאַרן שאַרבלאַט אײַער בילד. שוין לאַנג,
שוין זיקער לאַנג מיט אײַך זיך ניט באַגעגנט.
איר זײַט אַוועק — מיט אײַך זיך ניט געזעגנט.
אויב ס'איז מײַן קרום־וועג דאָ — איִם הײַנט כ'פֿאַריכט.
צו זען אײַך ווידער, אײַער קאָל צו הערן,
איר זאָלט מיך מיט אַזאַ געשאַנק באַערן,
דעם עמעס זאָגנדיק — זיך ניט גערעכט.
פֿאַרשיידנס טרעפֿט, האָל'ווײַ זאָל נאָר ניט טרעפֿן...
דערפֿאַר דאָס בוך, ווען כ'האָב געטאָן אַן עפֿן,
דערזען כ'האָב זיך... מיר זײַנען אַלט געוואָרן.
און זײַן מײַן וואָרט זאָל וואָרהאַפֿטיק — איך וואָרן:
אַז כאָטש דאָס לעבן שפּאַנט אין גוטן טעמפּ,
דאָס אויג, דאָס האַרץ איז נאָך ניט אָפּגעטעמפּט,
אַז אַלצדינג פֿירט זיך ווי ס'געהער צו זײַן,
מיט קיינע טײַנעס קום איך ניט אַרײַן.
אַזאַ דער סיידער איז — פֿאָרויס מיר שפּאַנען.
ווער ווייסט — ווהין? נאָר איינס איז קלאָר: פֿונדאַנען.
ניט עמעס, פֿרײַנט? האָט איר וואָס אָפּצופֿרעגן?
צי איצטער, וויאַזוי זיך שטעלן קעגן?
נאָר ווען מע טוט אַ פֿרעג מיך, צי איך וויל
פֿון בריישיס אָנהייבן די זעלבע שפּיל,
וואָלט איך געענטפֿערט: ניין, אַ שיינעם דאַנק —
שוין צופֿיל טירכע בײַ דעם ערשטן גאַנג
מיט גריבער אָפֿענע און אומגעריכטע,
מיט קרום־וועגן ביז הײַנט נאָך ניט פֿאַריכטע...
נאָר זײַט מיר מוחל — ס'איז בעמעס ווילד
דאָס אַלץ פֿאַרבינדן מיט אַ פּאָשעט בילד,

וואָס פֿאַרן שאַרבלאַט אַף אַ בוך מיט לידער.
ווײַזט אויס, אַז מײַן געמיט איז הײַנט אין בידער
צוליב אַ קלייניקייט — איך שטוב מע ריכט,
מע ראַמט, און אַלץ דיר איך די אויגן קריכט;
ס'איז אַלץ אַוועק פֿון אָרט, און אַלץ טוט שטאַרצן —
אַן אומאָרד'נונג אַזאַ, ווי אַפֿן האַרצן...

1958

• • •

צי דארף איך פײַערן דעם טאָג פון מײַן געבאָרן —
דאָס זאָלן זאָגן אנדערע — זיי ווייסן בעסער,
נאָר יענע שאָ פון טאָג, ווען כ'בין באפרײַט געוואָרן
פון הינטער שטעכנדיקן דראָט און טפיסע־שלעסער,
די שאָ, וואָס אָנגעקומען איז זי אומדערווארט
מיט גליווערדיקן פראָסט אין אָנהייב כוידעש מארט,
באם הימל אויסגעשטערנטן אינמיטן טאָג,
און מיט דער בראָכע, וואָס איך האָב פון קינדווײַז ניט געזאָגט, —
אָט יענער טאָג ווען ס'קומט — איך רייד אליין זיך אײַן:
בא יעדן מענטשן־פרײַנט די שאָ וועט יאָמטעוו זײַן,
ניט קלאפנדיק אין טיר צו אים אין שטוב ארײַן.

1959

• • •

ס. יו.

דיר איז בעמעס שווער דײַן ווײ צו טראָגן.
און דאָס, וואָס יעדן איז פֿון אונדז באַשערט
דער זעלבער סאָף — פֿון דעם ניט גרינגער ווערט,
נאָר וואָס קאָן מער אַ לעבעדיקער זאָגן?

דיר טויזנט פּרויען ברענגען אַלס אַ גלײַכן —
ווען דען אַ טויזנט־טייל דיר גרינגער זײַן?
דײַן צאַר, ער קוקט מיר גלײַך אין האַרץ אַרײַן,
ווי ס׳קוקט אַ וואָלקן האַרבסט־צײַט אין די טײַכן.

און ס׳וווּנדערט דיך: די גאַנצע וועלט ניט טרויערט
מיט דיר באַגלײַך — דײַן לאַסט אַף זיך נאָר שלעפּסט;
אַפֿילע דאָס, וואָס דו אַליין נאָך לעבסט,
פֿאַר דיר איז קיין באַווײַז, אַז ס׳לעבן דויערט.

נאָר גאָר דײַן וואָלקנדיקײַט ניט פֿאַרשטעלט
פֿון לעבנסווילדיקײַט די שײַן געהיימע,
וואָס אויב אַנטפּלעקן זי — כאַפּט אָן אַן אײמע,
און אויב פֿאַרלעשן — איז די וועלט קיין וועלט.

ווי אין אַ מידבאָר קלינגט פֿאַר דיר מײַן טרייסט,
אַף דעם, וואָס דו אַליין נאָר ווייסט, געקייפּלט,
נאָר דאָך שוין זעלטענער דו קוקסט פֿאַרצווייפֿלט
אַף יענעם טראָט פֿאָרויס, וואָס לעבן הייסט.

1959

דער סאָד פון שוואַרצקייַט שרעקט מיך ניט

מיך שרעקט ניט אָפּ דער סאָד פון שוואַרצקייַט,
דער טהאָם פון האַלבטאָג שרעקט מיך מער;
דאָס ליכט — דאָס וואָרט, וואָס פונעם האַרץ גייט,
איז קעגן אים אַ שוואַך געווער.
דערפאַר די שוואַרצקייַט — זי איז קענטיק,
מיט איר די שלאַכט פּירסט אייגנהענטיק,
דו נעמסט זי אייַן, און שווין — פאַרענדיקט.
און אויב דאָס וואָרט איז ניט געקומען
און דו האָסט זי ניט אייַנגענומען,
צי האָט עס אָנקומען פאַרשפּעטיקט,
צי ניט גענוג מיט ליכט געזעטיקט, —
אַלצייינס, דייַן מי בלייַבט ניט אומזיסט:
דו ווייסט כאָטש, ווו און ווער דו ביסט,
דייַן קוויעד ווייסט, דייַן קעגנער קענסט,
צו אים באַוואָפנט זיך דערנעענטסט.
נאָר פרווו דעם סאַר פון טאָג נעם אייַן,
אַז ער פאַרבלענדט דיך מיט דייַן שייַן,
צו זיך אין אָפּגרונט שטויסט אַרייַן:
דייַן וועזן מיט זייַן שווערקייַט זינקט,
און די אַליכטיקייַט פאַרשלינגט,
און ניט קיין וואַנט, און ניט קיין ראַנד,
און ניט קיין מעסער־שאַרפער קאַנט,
זיך אָנצוכאַפּן מיט דער האַנט.
און, פליענדיק, דו ווערסט צעגליט,
און, גליענדיק, דו זעסט שוין ניט:
ניט ווער דו ביסט, ניט ווו דו ביסט,
אין אָפּגרונט פאַלסט און מיינסט, דו פליסט, —
מיט אָט דעם טהאָם זיך ראַנגלען פרווו
און, ניט פאַרבלענדט, זיך קלייַב אַרויף,
באַם סאַר פון ליכט די שלאַכט שפּיל אויס, —
אָט דאָן איז דייַן ניצאָכן גרויס.

• • •

ווײַזט זיך ארויס, אז אויך דער קיזלשטיין,
ווי קוועליק וואַסער, דורכזיכטיק ער איז.
אַז ס׳פּאָדערט זיך קיין קויעך פון א ריז
צו שפּאַלטן אים — זײַן טאָך אַף צו פאַרשטיין.
מע דאַרף נאָר, ס׳זאָל דעם האַרבן שטיין באַפאַלן
פון פאַרב געהעריקער א גאַרב פון שטראַלן.

איז פאַלט אײַך, שטראַלן, אין א גוטער שאָ —
ס׳איז מער שוין קיין פאַרבאָרגעניש ביטאָ!
אין האַרץ פון קיזלשטיין זי דרינגט אַרײַן, די שײַן...
און מיטן שטיין, וואָס אַפן האַרצן, וואָס ווערט זײַן?..

1959

• • •

מיר זינגען נאָך דעם פויגל אין די צווײַגן,
און מיט דעם וואלד — פארמעסטן זיך אין שווײַגן,
פארגייען טיף אין אים — זײַן שטילקײַט הערן,
מיט איבערוף די קלוימערשט אף צעשטערן,
און, דורכגעזאפט מיט איר, צוריק זיך קערן —
אף נאָכצומאכן איר, איר נאָכצוקלערן.

מיר צינדן שײַן — די שטערן אף צו רייצן.
באם צאָר׳נען — ווי דער יאם דעם ברעג פארפלייצן.
מיר בײַטן אום די בעט, דעם פלוס פון טײַכן —
מיט עפעס־וואָס צום שטורעם זײַן א גלײַכן,
און קערן זיך פון זײַט אף זײַט א נאכט —
צי הייסט עס ניט דעם וואָרעם נאָכגעמאכט?

פארוואָס, ווען אונדז פרווט עמעץ נאָכצומאכן,
אָנשטאָט צו וויינען, מיר ביז טרערן לאכן.

1959

• • •

פון קינדער די רייד — צו די רייד פונעם אורמענטש געגליכן.
מע הערט ניט קיין „איד״ — מיטן נאָמען מע טוט זיך באַניצן.
כ׳הער: ניאָמע וויל שפּילן; כ׳הער: טאָמע וויל נעענטער זיצן;
מיט אייגענעם „איד״ אין דער וועלט נאָך מע איַילט זיך ניט קריכן...

שוין וויַיט פון גאַניידן — די וועלט טוט אין אָוונט זיך הילן.
דער פלאַמיקער זון־ראָד אַהינטער די וועלדער פאַרזונקען.
כ׳הער: אָדאָם איז מיד פון צוויי שטיינער צו אויסהאַקן פונקען,
כ׳הער: כאַווע אים זאָגט — כאַווע וויל נאָך מיט פיַיערלעך שפּילן.

און איך אַזאַ איינער — פון אָדאָמען עטוואָס נאָר יינגער,
א לעבן — באַם אייגענעם „איך״ זיך געטומלט, געהאַוועט,
אַז ס׳דאַכט זיך, ווען אָדאָמען פאַלט איַין א פרעג טאָן: טשיקאַווע, —
ווי רופט מען איַיך, מענטש? — כ׳וואָלט געענטפערט: פרעגט עפּעס
מיך גרינגערס.

1958

• • •

אזא איז ער ביז היינט אין מיין געדאַכט פֿאַרבליבן:
באַם סלופּ פֿון אַלטן פּלויט — אַ גראָער, שטאַלטנער זאַקן,
מיט אויג פֿאַרוואָלקנטן און פֿליסטערדיקע ליפּן,
און דאָס, וואָס ער האָט לאַנג מיר זאָגן זיך געקליבן —
ער אײַלט זיך פֿון דער ווײַט און אין דער שטיל דערזאָגן.

כ׳האָב זייער גוט געוווּסט — מיט זיך ער מוז דאָרט קעמפֿן:
צו וואָס אין אַפּשייד־שאָ אַ קינד אין זאָרג באַגלייטן?
און ווי דאָס האַרץ זאָל אים ניט קלעמען און ניט ווי טאָן, —
ער וועט דעם זון דעם יינגסטן אויסריכטן אין פֿרייד,
און אַף זײַן ליפּ טוט ליב אַ שמייכעלע זיך דעמפֿן.

ס׳האָט לעבן מיר געקאָסט — אַף זיך ניט אומצוקוקן:
צו וואָס אין אַפּשייד־שאָ דעם אַלטן אַנגסט פֿאַרשאַפֿן?
די שיף טרעט אָפּ אין יאַם, פֿאַריאָסעמט בלײַבט דער האַפֿן...
און כאָטש איך האָב געפֿילט — זײַן בליק מיר בריט דעם רוקן,
איך האָב זיך אַלץ געשטאַרקט, אַף זיך ניט אומצוקוקן.

צו ווײַט האָט זיך די שיף אין לעבנס־יאַם פֿאַרקליבן,
און פֿונעם האַפֿן איז געבליבן נאָר אַ זייכער...
איז ווער שטייט ווידער דאָ מיט פֿליסטערדיקע ליפּן:
אַ הויכער, גראָווער מאַן — אַ שטאַלטנער און אַ בלייכער?
און ווי ס׳זאָל אים דאָס האַרץ אין אָפּשייד־שאָ ניט קלעמען, —
ער פּרוּווט צעשמייכלען זיך — די שאָ ניט צו פֿאַרשעמען.

נאָר זי, די יונגע פֿאָר, אין טונקל פֿון סאָף ווינטער,
זײַן שמייכל זי דערשפּירט און קוקט זיך אום אַהינטער.

1959

• • •

מירן גײן אין זאָאָגאָרטן —
זאָג איך צו מײַן אייניקל,
ווילדע כײַעס זען וועסט דאָרטן —
זאָג איך צו מײַן אייניקל.

דו ניט שרעק זיך נאָר, מײַן כײַעס,
פאַר די גרויסע ביזע כײַעס —
זאָג איך צו מײַן אייניקל;
אַלע זײַנען זיי פאַרנאַרטע,
אין די שטײַגן פעסט פאַרשפאַרטע —
זאָג איך צו מײַן אייניקל.

לייבן, לעמפערטן און בערן,
זייער ברומען ווײַט וועסט הערן —
זאָג איך צו מײַן אייניקל.
אָבער ווען דו וועסט פאַרבײַגײן,
שטיל וועט ווערן אין די שטײַגן —
זאָג איך צו מײַן אייניקל.

כ'וועל דיך דאָרט צו פייגל פירן,
מיט די אַלערליי קאָלירן —
זאָג איך צו מײַן אייניקל;
„זאָלסט אין וועג זיך ניט פאַרלירן,
וועל איך פאַר א האַנט דיך פירן" —
זאָגט צו מיר מײַן אייניקל...

1957

• • •

וואָס ווײַטער — כ'גיי ניט רויִקער, נאָר לאַנגזאַמער —
דערוף און אײדעס הײַנט זאָל מײַן געזאַנג זײַן מיר.

ניט קוקט, וואָס אַף דער ערד איך טרעט פּאַמעלעכער —
מיט יעדער טראָט אַ האַרבע פֿראַגע שטעל איך איר.

און איך מײַן האַרבסט, איין טאָג פֿון גאָלד פֿון שפּעטלעכן —
כ'בין ווײַט פֿון שאָלעם אויך מיט הימל געטלעכן.

אויב ס'נייגט דאָס האַרץ זיך פֿאַר געהיימען שוועל־און־טיר —
דער קאָפּ, וואָס ווײַטער, ווערט אַלץ שטאָלצער, עלנטער.

וווּהין דערגיין וועל איך אַזוי מיט אַזעס טרעטנדיק —
נאָר שײַלעס פֿרעגנדיק, קיין ענטפֿער בעטנדיק.

1959.

* * *

און ווײַל איך לעב צום ערשטן מאָל,
און, ווי מיר דאכט, אז אויך צום לעצטן,
איך פּרוּוו מײַן לעבן הויכגעשעצטן
א זידל טאָן, און אף א קאָל.
א טרייסל טאָן עס ווי געהעריק,
אמאָל — צו געבן אויך א נעריק —
אזוי, בישקאָשע, ניט געפערלעך,
אף ניט פאַרגיסן צופיל בלוט...
און אויב עס ווערט א ביסל שווערלעך,
און טאָמער טרעפט, אז ווי אים טוט —
כ׳קאָן אויך אזעלכעס זיך פאַרגינען,
אויב ס׳קומט ניט הײַנט, ווען עס פאַרדינען
א רעגע שפּעטער, עפּשער מאָרגן —
דערפון באַדאַרף איך זיך ניט זאָרגן,
ווײַל ביז צום ברעג כ׳וועל זיך דערקלײַבן,
כ׳וועל קיין באַלכויוו זיך ניט פאַרבלײַבן.

12 מארט 1960

* * *

איז דאָס מײַן גרייס — דאָס וועלן אײביק לעבן,
צי גראָד מײַן קליינקייט קלאַמערט זיך אין דעם?
כ׳בין דאָך בא יעדער שאָפלקייט אין קלעם,
און נאָר דורך גוואַלד כ׳גיי אײַן זי אָפּצוגעבן.

איז דען ניט גלײַכער, הערלעכער, פאַרקערט,
צו זאָגן דרייסט: מיט אײַך כ׳האָב זיך געפײַניקט,
מיט לײַטן־גלײַך געבלוטיקט און געטײַנעגט, —
מיט אײַך באַגלײַך פאַרשווינד איך פון דער ערד.

צי דען אזא געוועזן איז מײַן טרוים —
אזוי פאַרטײַטשן זאָל איך אָף דער וואָר אים:
באַוועגן זיך — זאָל זײַן כאַטש, ווי א וואָרעם,
צי ווי אין ווינט — דער שאָטן פון א בוים?

1959

* * *

אָט בין איך ניט מעקאַנע דאָך דעם טאָג,
וואָס קומט מיט פּאַס מיט גאָלדענעם געגורט.
פֿאַרגין איך דאָך דעם וואָלקן זײַן געבורט,
דעם הירש — זײַן פֿײַל־און־בויגנדיקן יאָג.

פֿאַרוואָס זשע טרעפֿט, ס׳פֿאַרשפּעטיקט צו מײַן מויל
די בראָכע פֿאַר די יונגען, וועלכע טרײַבן
אין וואַלד דעם באָל און ביז צו נאַכט דאָרט בלײַבן,
ווי וואַלד־געטער — האַלב אָנגעטאָן, האַלב הויל.

פֿאַרגין איך דאָך דעם שטערן, וואָס זיי לײַכט,
דעם ווינט, וואָס איבער זייער נאַקעט שלײַכט.
פֿאַרוואָס זשע קער איך אָפּ אַמאָל פֿון וועג,
ווי גלײַך בא זיי אין נוץ איז מײַן פֿאַרמעג...

1959

א שפּאַס

די פּיס — אין וואַרעמקייט, דער קאָפּ — אין קעלט, —
אַזוי מע זאָגט פון זינט עס שטייט די וועלט,
און ס'איז, מיסטאָם, אַ סייכל דאָ דערין.
נאָר מיינע פּיס, זיי ווייפל כ'דעק ניט איין,
זיי פילן אַלץ די דרויסנדיקע קאַלטקייט,
און ס'טייַנען יונגעלייט, אַז ס'איז פון אַלטקייט...
נו, און דער קאָפּ איז דען אַ רעגע יינגער,
און דער געדאַנק — אַלץ רייציקער, אַלץ פלינקער,
נו, און דאָס הארץ, וואָס איז פון זעלבן עלטער,
געוואָרן איז דען אַף אַ גראַדוס קעלטער?

1960

* * *

די ערשטע ליב, זי קומט צו אונדז אף אונדז פארווונדערן,
די לעצטע — אף צו לינדערן דעם אָפּשייד־וויי,
און הײַנט זיי זײַנען ביידע דאָ, ווי טויבן צוויי,
וואָס ניט צעשיידן זיי און זיי ניט אָפּצוזונדערן.

איז לאָמיר זיי א פולע מאָס מיט קאָוועד אויסשיטן
און זאָגן: פיקט, מיט אײַער איגן שפּײַז זיך נערט.
די ברוסטלעך פּעדערט אויס און פּילט זיך אומגעשטערט,
א ווײַל איר קאָנט אפילע אָנבלאָזן די ווישעטן.

דערנאָך, קעדיי מיט אָט דעם אלעם אָפּצופּאטערן,
פון ליבגעזאנג דער קאָפּ, דאָס הארץ זאָל ווערן פרײַ, —
דערשרעקן לאָמיר זיי, די פליגלען זיי צעפלאטערן
מיט אונדזער שווער־פארדינטן בראוואָ־פליעסקערײַ.

1957

• • •

דו ווייסט, ווי שטעלט מען פעסט פון פאָלק און לאנד
דאָס פרוכפערן, זיך מערן נאָכאנאנד?
דאָס גאנצע פאָלק מע רופט מער ניט ארויס
אין גאס, אף אויסציילן פון קליין ביז גרויס:
ניט־איינס, ניט־צוויי — ס׳זאָל קיין ביז אויג ניט שאטן,
ווי קינדער אונדז אמאָל אין שטוב באם טאטן,
ניין, ניט אזוי די זאך ווערט איצט געמאכט.
א שענער מיטל האָט מען צוגעטראכט,
און כאָטש א וואָכעדיקס, דערפאר א קלוגס —
זיך צו דערוויסן — אָנוועך אָדער וווּקס:

צוויי ציילן ציפערן אף צעטלען צוויי —
די איידעס די באגליקטסטע זיינען זיי.
אריבער איינעם לויכט דאָס וואָרט: „געבאָרן“
און איבער צווייטן — פינצטערט זיך: „פארלאָרן“.
זיי ביידע פיר צונויף, און ס׳ווערט דיר קלאָר
דער אונטערשטער סאכאקל פונעם יאָר.

דערפאר איז בא מיר יאָמטעוו, און מיין פרייד
אף אלע, אלע מענטשן זיך פארשפרייט,
ווען ס׳טוט דער גוטער איידעס זיך א קער
און ברענגט מיר אף דער ערד געבאָרנס מער
ווי פאָריקס יאָר... און אויב, שוין פאר איין גאנג,
ער שוינט די עלטער אויך — א שיינעם דאנק...

און בא דעם צווייטן, שווארצן איידעס, כ׳בעט:
דו איינעם כאָטש פארפעל... איז דען א כעט,
אויב כ׳וויל, אז אָט דער איינער איך זאָל זיין,
כ׳זאָל נאָך א יאָר אין ליבער צאָל אריין.
אויב ניט מיין זכות צוליב, אויב ניט פונמיינעטוועגן —
איז כאָטש קעדיי די לעבנס־וואָג זאָל איבערוועגן...

1958

• • •

אָפּט, ליגנדיק אין בעט — דאָס פּאָנעם צו דער וואַנט,
פאַרשלעפּערן דעם קאָפּ ווען איך בין ניט אימשטאַנד, —
איך רייד צו זיך אַזוי, איך איינער װאָל נאָר הערן:
צו שטײַף דאָס מויל דו קלעמסט, צופיל דו קנייטשסט דעם שטערן.
מע קאָן נאָך דיך אַהין אײַנמיטן נאַכט אַ בעט טאָן,
און ניט באַװײַזן וועסט די קנייטשן אויסצוגלעטן,
ניט צוגעבן דעם מויל זײַן שמייכלענדיקן שניט,
און ס'קאָנען מיינען לײַט, אַז צ אָ ר ן, גאָט באַהיט,
אַז גאָר ניט ל י ב ש א פ ט איז געווען דײַן דעוויז
(מיט וועלכער ס'קאָן דאָס לעבן דורכגיין ווי־עס־איז),
און טאַקע גלײַך — איר קאָנט זיך לאַכן צי ניט לאַכן —
אַף יעדן פאַל איך פּרוּוו אַ גוטע מינע מאַכן.

1958

פונעם פאָלקס־אויצער

I

דעם הויכן אָגער טרײַבט ניט אָפּ פונדאַנען —
מײַן יונגקייט וועט אויך אים אריבערשפּאַנען, —
אַזוינס האָב איך אַמאָל אַליין געהערט
און צוגעהאַלטן בײַ דער צוים דאָס פערד.

אַדורכגעפלויגן איז גאַלאָפּ דער אָגער,
און גרוי געוואָרן איז דער קאָפּ בײַם זאָגער...

דעם גאַלאָגאָנער האָן, זע, טרײַב אַוועק —
ער קאָן מײַן אַלטקייט זײַן א שטער אין וועג, —
אַזוינס כ׳האָב הײַנט געהערט און איך — זאָג נאָך.
ווער ס׳גלייבט ניט איצט — מיר גלייבן וועט דערנאָך.

8 פעוורואַל 1960

II

וועסט וויסן אַלץ — צו גייך וועסט ווערן אַלט —
אַזוי מע פֿלעגט אויך דיך, מיסטאָמע, שרעקן.
נאָר איך געגלויבט האָב וויסן אַלץ, און באַלד,
און אַלטקייט פֿלעגט אין מיר קיין גרויל ניט וועקן.

אויך איצט מיך עמעצער אין שרעקן האַלט —
מיט אַלטקייט — ניט, מע פּרוּווט מיט יוגנט שרעקן,
נאָר זי אין מיר, בלויז אַכטונג טוט זי וועקן —
אויך זי וועט וועןֿ־עס־איז דאָך ווערן אַלט.

1958

III

קאָלזמאַן פארבליבן נאָך א לעבעדיקער איידעס,
זײַט וויסן: אָט אזוי אוועקגיין פלעגן זיידעס.

געקומען אף דער וועלט אין מוטער־בלוט.
א לעבן אָפּגעלעבט, ווי אונטער רוט,
נאָר אָנגענומען אלדאָסבייז פאַר גוט,
זיך מיט דער וועלט געשיידט אין גוטן מוט.

צו צוויי און נײַנציק — באַם קלאָרן זינען,
אין זיך ער האָט געקאָנט נאָך קראַפט געפינען
א שמייכל טאָן די קינדער: וויינט ניט, שאַט —
איר וועט דאָך, א גוט־אויג האָט מיר פאַרשאַט.

פאַרניצט אָן מיר געזונטערהייט די וועלט,
די וועלט אף מיר האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט.

1959

11*

IV. דרײַ סאַכאַקלען

באַם שוועל פֿון טויט וואָס ווינסטו, גוטער מענטש? — פֿאַר פֿרייד,
וואָס איך האָב פֿאַר אַזאַ מין באָרג מיט שלעכטס ניט אָפּגעטראָטן,
כאָטש שווער, נאָר בײַקומען דעם באָרג איז מיר געראָטן.

וואָס ווינסטו, שלעכטער מענטש? — פֿאַר צאַר כ׳בין שטאַרבן גרייט:
דאָס שלעכטס אַזאַ מין דינס — ווי פֿון אַ האָר דער שאָטן,
און מיר אַריבערטרעטן אים איז ניט געראָטן.

וואָס ווינסטו, שטאָלצער מענטש? — איך וויין, מײַן פֿרײַנט, דערפֿאַר,
וואָס כ׳קאָן ניט ווינען ניט פֿאַר פֿרייד און ניט פֿאַר צאַר.

1957

V. פונווייַטן דאַכט זיך

זע איך איינעם קלאָגן זיך, הער איך, זיבן זאָגן זיך:
פול מיט שטיינער אָנגעשטאָפּט איז אַן אייגן פּעקל;
אָט דערפאר פונווייַטן דאָרט, אָט דערפאר בַא לייַטן דאָרט
אַז דאָס פּעקל קלענער איז, גרינג ווי פּוך דאָס זעקל.

זיי אָנשטאָט צו ענטפערן — פּרוּוו די זעק דערנענטערן,
אַלע פּעק ארויסהענגען: קלייַב זיך אויס און נעם דיר;
זעסט, פאר פרעמדע היט ער זיך, זעסט, צו זייַנעם ציט ער זיך,
ווייַל אויב זייַנער שווערלעך איז, צען מאָל שווער דער פרעמדער.

נאָר צו וואָס זיך מאַטערן, טינט און פּעדער פאַטערן,
שורעס שרייַבן, גראַמען זיי — שענער דאָך, מיר דאַכט זיך,
אָנשטאָט גראַמען כאָשעדע, זאָג, ווי ס׳פאָלק זאָגט, פּאָשעטער:
„פונדערווייַטן דאַכט זיך, אַז בַא יענעם לאַכט זיך“.

1957

אים אײן אני לי...[1]

אויב ניט איך פֿאַר זיך וועל טאָן —
ווער פֿאַר מיר וועט אַלץ דאָ אופֿטאָן?
ס'שטייט דאָס ליעבן דאָך אין קאָן,
שטענדיק קאָן מען דיך א רוף טאָן,
טאַקע דיך, דיך זעלבסט בימכילע,
ווו מע פֿרעגט ניט קיין פֿאַמיליע, —
אם אין אני לי — מי לי?

קאַלזמאַן ס'קאָן דאָס אויג נאָך זען —
דאַרף מען זען וואָס מערער אופֿטאָן,
מערער, ווי דו קאָנסט — א פּרוּוו טאָן, —
אויב ניט איצטער, פֿרעגט זיך, ווען?
ווען דײַן רוים וועט זײַן געשלאָסן,
און אין צײַט — דײַן מאָס קיין מאָס זײַן, —
אים לוי אכשעוו — איז אימאָסײַ?[2]

נאָר פֿון צאָל דו ווער ניט שיקער,
אויך די מאָס איז ניט דער איקער;
אויב דאָס אַלץ כ'טו נאָר פֿאַר זיך —
פֿרעגט זיך: ווער אזוינס בין איך?
מא אני — וואָס בין איך ווערט
אזא איינער אף דער ערד?
כ'וואָלט אויך „מא אני" געגראַמט —
בין איך הײַנט ניט אופֿגעראַמט.

עפּעס פּלאָגט מיך א פּאַרדראָס
און עס קומט מיר אפֿן זין,
ווער איך בין און וואָס איך בין, —
שיקדים ווייסן וואָס...

1957

[1] אם אין אני לי.

[2] אם לא עכשו — איז אימתי? — אויב ניט איצט — איז ווען זשע?

• • •

פֿאַרשטייט זיך, ס'איז ניט זייער רעכט
צו פֿאַרוואַרפֿן אַ מענטש אַן עלטערן,
אַז ער איז גראָדע אומגערעכט
און אַז ער רעדט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן.

הײַנט שטעלט אײַך פֿאָר, ווען אָט דער מאַן,
ער איז אַ פֿאָטער דיר אַ לײַבלעכער.
דערצו איז ער שוין ניט פֿאַראַן —
אַוועק, ווי יעדער אומפֿאַרבלײַבלעכער.

ער האָט געטײַנעט אײַנגעשפּאַרט:
ס'איז דאָ אַ ראַנד אַן אומבאַוועגלעכער,
פֿאַר וועלכן אַלץ איז קעגנוואַרט —
די צוקונפֿט צו דער אָוואַר קלעגלעכער.

כ'בין ניט פֿון יענע פֿרעכע לײַט,
וואָס זאָגן: טײַט אונדז מיט אַ פֿינגער אָן,
וואָס אומבאַוועגלעכקײַט באַטײַט.
איך וואָלט דעם ענטפֿער אים פֿאַרגרינגערן.

אויב אַף איין אָרט זי שטייט, די צײַט,
איז בעט איך, טאַטע, זאָלסט מיר ענטפֿערן:
געווען מיר זײַנען אַזוי ווײַט,
און איצט מיר גייען זיך דערנע'נטערן.

זאָל מיר דײַן עלטער מוחל זײַן —
איך שטיי שוין אויך בײַ אירע טויערן,
נאָר קיינמאָל פֿאַלט מיר גאָר ניט אײַן,
די קעגנוואַרט זאָל אייביק דויערן.

מײַן קינד פֿאַר לאַנגווײַל, ווי אַ פֿײַל,
פֿון מיר וואָלט לויפֿן אין דער וועלט אַרײַן...
ווי גוט, וואָס דאָ איז אַ „דערווײַל",
וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט פֿאַרעלטערן!

1959

• • •

דערקלער מיר, גייער, וויפל איז דער שיר
שטיין בא א טיר און ניט אַרײַן אין איר?
ניט אָנקלאפּן, ניט געבן זיך די מי
אפילע פארן גלעקל טאָן א צי.
דו מאך דעם אָנשטעל כאָטש — לעפּאָנעם־וועגן, —
קלאפּ אָפּ אָן איר דעם שטויב פון דײַנע וועגן,
וואָס ביז אהער האָסט שווער אדורכגעשפּאנט, —
א טיר איז פאָרט דאָך ניט קיין טויבע וואנט.
קלאפּ אָן אין איר — וועט זי זיך לאָזן דינען.
קלאפּ אָן — דער טערעץ וועט זיך שוין געפינען.
אף לעצטן פאל דו ענטפער אָפּ: איך זוך
נאָך אלעם־אל — א בענדל פון א שוך
צי פונעם פריסטן וואלד־וועג א גערוך,
א קלאנג, וואָס איז פארגעסן שוין פון לאנג
און לאָזט ביז הײַנט צורו ניט דײַן געדאנק...

די טיר, זי רופט מיט ביידע אירע העלפטן
איר צוגעשלאָסנקײַט צעשטערן העלפן,
ווײַל ס'איז שוין שווער דער טיר צו זײַן פארשפּארט.
א רעגע כאָטש א לופט כאפּן זי גארט,
א ווינטל זאָל אדורך, א פּאסיק שײַן
זאָל באם צעפענען דורך איר אַרײַן,
און דו — פון איר פארמאכטקײַט טוסט גאָר דרינגען,
אז איר צעפענונג וועט דיך פארשלינגען...
אויב אָנקלאפּן דו קאָנסט זיך ניט דערוועגן,
טרעט אָפּ כאָטש אף א טראָט — לעפּאָנעם־וועגן,
מע זאָל ניט מיינען, אז דו ביסט פארקישעפט,
אז לאנג דו שטייסט, מיט זיך אליין זיך יישעווסט:
צי דאָס איז זי, די טיר, וואָס וואַרט אף דיר?..

נאָר עפּשער... עפּשער איז דאָס יענע טיר,
וואָס גאָרניט איז ניטאָ מער הינטער איר?
און אַף דער טאַבליצע שטייט אָנגעשריבן:
ס'איז דיר ניט מער, ווי אָנקלאַפּן, פאַרבליבן...

און דו — מיט וואכן הארץ דו שטייסט און ווארטסט,
דעם ערשטן קלאַפּ אין טיר זאָל טאָן דאָס הארץ...

1958

• • •

געווען איז א פראָסט, און דער פראָסט — מיט א ווינט:
באַ קינד און באַ אַלטע — פאַרטרערטע די אויגן;
די הייך — מיט צעריסענע וואָלקנס פאַרצויגן,
דער טײַך אונטער בריק, — ווי באַזילבערטער טינט.
וואָס ווײַטער פון בריק, אין די ברעגן געצוימט,
דער טײַך — זיך געטונקלט, געגלאַנצט, ניט געשוימט,
דער טײַך מיט זײַן ברייט און זײַן טיף האָט געפלייצט,
ווי גלײַך מיטן ווינטער ער וואָלט זיך גערייצט,
נאָר איך האָב געזען שוין — זײַן וועג איז די גרויס:
פון פרילינג־גערויש ביז צום ווינטער אין שויס...

1958

ווי ליב איז דער בוים...

• • •

איך בין מיט גלוסטונגען, גלײַך ווי א מילגרוים, פול,
ווי יעדעס קערנדל פארנעמט זײַן נעסט און גוזל.

נאָר צווישן אלע זיי הײַנט קענטלעכער איז מיר
דאָס גלוסטונג־קערנדל, וואָס שטארק דערמאָנט אָן איר —

אָן דער, וואָס צוליב איר אויך אָדאָמען דערמאָנסט,
און רופן כאווע זי צי אנדערש־ווי דו קאָנסט.

געווען פאר איר ביסט גרייט זיך אויסשנײַדן א ריפ,
און אלדי פײַניקונג — צו אָננעמען פאר ליב.

פאר איר פון קינדווײַז אָן א הייכל האָסט געבויט,
וואָס ענדיקן ווערסט אים א רעגע פארן טויט.

אפילע איצט איך וואך, ווען ס'זינקט אין שלאָף די וועלט —
א שטיינדעלע איך זוך, וואָס צום געבײַ נאָך פעלט.

1959

* * *

כ׳האָב מיך דערמאָנט, וואָס קענט, ער ענטפערט לירן:
„כ׳בין ניט צו יונג, איך זאָל דעם קאָפּ פאַרלירן
פאַר יעדער יונגער פרוי...״

אַמאָל בין איך געווען שוואַרץ, און דו
געווען ביסט בלאָנד. און איצט איך קוק זיך צו:
אויך אָט דער כיליעק צווישן אונדז פאַרשווינדט,
דער כיליעק, וואָס צעשיידט און אויך פאַרבינדט.
פאַרלירסט אַ האָר פון קאָפּ, צי איך פאַרליר —
דער זעלבער זילבער און פון איין קאָליר.

אַמאָל, ווען פלעגסט דערזען אַ פרעמדע האָר
באַרירט מיך — האָסט געצאָרנט זיך ביז גאָר.
די ערד פלעגט אין אַ פייער נעמען קרייזן,
אַ פראַגע־צייכן איבער גאָר מיין טריי זייַן
פלעגט אויסשפּרייטן זיך, ווי אַ שוואַרצער שאָטן.
אים אויסבלייכן פלעגט זעלטן מיר געראָטן.

פון יענער האָר פלעגט אויסוואַקסן אַ וואַנט
צווישן אונדז, און דו מיט שוואַכער האַנט
פלעגסט שטירצן אַלץ, וואָס מיר האָבן געבויט
אין פרייד און לייד, אין אויפלויכט און אין נויט,
און אָפט פלעגט אַלץ פאַרבלייבן הענגען נאָר
אויף אָט דער שוואַרץ צי בלאָנדער האָר.

און הייַנט — מיט יעדן טאָג אַלץ שאַרפער כ׳שפּיר:
גערעכט, גערעכט דער אַלטיטשקער שעקספּיר.

ער האָט נאָך דאַן פֿאַרויסזאָגן געקענט
דורך אים, דורך אונדזער ביידנס ליבלינג קענט:
כ׳טראָג אף מײַן הויקער פּונקט אזויפֿיל יאָר —
ניט נאָכצויאָגן יעדע יונגע האָר.

וועסטו דאָך זאָגן: — פּלוצעם זיך דערמאָנט!
וועל איך דיר ענטפֿערן — דו הער זיך צו:
אמאָל... געווען בין איך שוואַרץ, און דו
געווען ביסט בלאָנד.

1958

* * *

מאריַן

ווער ווײס פֿון ביידן אונדז פֿאַריאָסעמט בלײַבן —
אָט דעם געדאַנק, — כ'טרײַב אָפּ אים פֿאַר אַ ווערסט,
נאָר דאַכט זיך, ווען איך טרײַב אים, — דו דערהערסט,
ווי איך — ווען דו פֿון זיך פּרוּווסט אים פֿאַרטרײַבן.

מיר זײַנען דאָך קימאַט ווי איינס געוואָרן,
ווי קאָרע מיטן בוים, ווי לופֿט און שײַן;
דער זעלבער קוק — אין צוקונפֿט־ווײַט אַרײַן,
פֿאַר דער פֿאַרגאַנגענהייַט — ווי איין זיקאָרן.

1959

• • •

דו ווילסט מיך איינרייד̄ן, אַז כ'בין פֿאַרליבט
ניט באַר אין איר — אַפֿילו אין̄עם אָרט,
וואָס זי פֿאַרנעמט באַטאָג אונטער דער זון...
דו זעסט, און איך האָב ניט געוווּסט דערפֿון.
געמיינט, אַז איך בין סטאַם אַזוי באַטריבט,
ווײַל איבער גאָר דעם וואַלד אַ רעגן זיפּט
און ס'בלײַבט דער שטאַלט פֿון וואַלד ניט אויסגעקלאָרט.
איז, ערשטנס, דיר אַ דאַנק — האָסט מיר פֿאַרשפּאָרט
באַטאָג אַזויפֿיל איבעריקע טראַכטעניש,
בײַנאַכט — אַזויפֿיל קלעמעניש און שמאַכטעניש,
און ווען ניט טאָג, ניט נאַכט — אַ מאָרעשכוירעניש,
וואָס פֿאַר מײַן קראַנקן האַרץ איז ווײַט קיין סכּוירע נישט.
האָסט מיר אַליין אַנטפּלעקט דעם שיינעם סאָד:
איך קאָן באָך זײַן פֿאַרליבט? — נו, דאַנקען גאָט.

1959

ווי ליב איז דער בוים

איך גיי דיר אנטקעגן, ניט ווייסנדיק דיך און ניט קענענדיק.
איך ווייס נאָר, אַז בלײַבן איינמיטן דעם וועג איז סאַקאַנעדיק,
איך ווייס נאָר, אַז ניט גיין באַטײַטן וואָלט בלינד זײַן צי דול ווערן,
ווען ער, ווען דער קאָס פון מײַן מענטשלעכער בענקשאַפט, וועט פול ווערן.

איך זוך דיך ארום שוין אַ זומער, וואָס באַלד וועט זיך ענדיקן.
באַגלײַך מיט דער זון פלעג איך קומען צום אָרט צום באַשטענדיקן —
צום ברעג פונעם וואַלד, וואָס אַ וועג איז פאַר דורכגייער טויזנטער,
צום גראָען וואָקזאַל, וואָס באַווײַזט נאָר זײַן וואַקיקסטן אויסזען דיר.

ניין, קיינער דעם וועג וועט צו דיר מיר ניט ווײַזן, ניט אָנטײַטן,
כאָטש נאָענט ביסטו מיר מיט אַלע די ערדישע נאָ׳נטקײַטן,
נאָר איינמאָל געזען דיך און ס׳ציט מיך צו דיר, דער פאַרשוווּנדענער,
ס׳איז שווער מיר, ס׳איז גוט מיר זיך פילן דורך דיר אַ געבונדענער.

ס׳האָט אַלץ זיך פאַרענדערט, ס׳האָט אַלץ זיך געענדיקט דאָ אומגערן,
ווײַל דו ביסט אוועק און ווייסט קיינמאָל שוין מער זיך ניט אומקערן.
פאַרגעסנהײַט שוועבט אף די רעלסן, וואָס ציִען זיך דרעמלענדיק,
איין־איינציקער בוים נאָר, ער זעט נאָך ביז הײַנט מיר אויס דעמלטיק.

צי ווייסטו, ווי ליב מיר דער בוים איז, דורך דיר אַ פאַרלאָזענער,
דער אויסבעט, ווו דו ביסט געזעסן — דער גרינער, דער גראָזענער.
איך האָב אים באַטראַכט, די ערד אונטער זיך דאָן ניט פילנדיק, —
ס׳ווערט הארבסטיק אין וואַלד, און איך מוז אים פאַרלאָזן ניט ווילנדיק.

די ערד ארום זון וועט זיך דרייען — ס׳וועט שנייען און רעגענען,
דער טאָג מיט דער נאַכט און די נאַכט מיטן פרי זיך באַגעגענען,
דער זומער אריַין וועט אין הארבסט, און דער הארבסט וועט מיר ענטפערן:
די ערד, וואָס זיך יאָגט נאָך דער זון, וועט זיך אויך דאָך צו איר ניט
דערנענטערן.

1946

• • •

...און איך בין וויפל מאָל ארויס אין גאס באגעגענען,
געבעטן, ס'זאָל ניט דונערן און ס'זאָל ניט רעגענען.
ניט צופיל ברענען זאָל די זון — אײַך זאָל קיין שטער
ניט זײַן, ווען איר וועט זײַן שוין אפן וועג אהער,
צו מיר... כ'האָב צוליב דעם א האר איבער דער וועלט
זיך אויסגעקלערט, אף בעטן אים — אזוי פארפעלט
האָט איר מיר יענעם טאָג און יענע שעה — א צײַט
געשטאנען בין איך און געקוקט אלץ אין דער ווײַט,
געבויערט לינקס און רעכטס... און וויפל גוטע לײַט,
ניט ווילנדיק, זיי האָבן מיך דאן אָפגענארט —
גענע'בט, ניט וויסנדיק, אז ניט אף זיי איך ווארט,
אז דאָס האָט איר פונווײַטן מיר זיך אויסגעדאכט,
געטראכט, אז דאָס גייט איר צו מיר אין זיי פארשטעלט, —
אזוי האָט איר מיר יענעם טאָג און שעה פארפעלט...

ווײַזט אויס, צו שוואך געווען איז מײַן באשווערונגס־מאכט,
צי זי, מײַן בענקשאפט, אָפגעקערט האָט פונעם וועג
אן אויגנבליק — און ס'איז איר צויבער־קראפט אוועק,
אויב זי האָט אײַך צו מיר דאן ניט אראָפגעבראכט,
פון יונגן שלאָף פון זארגלאָזן ניט אופגעוועקט...

און איך בין וויפל מאָל ארויס אין גאס באגעגענען,
געבעטן, ס'זאָל ניט דונערן, ניט רעגענען.

1958

• • •

פון יענע — די גאָלדענע בלעטער אין ווינטיקן פיבער,
פון יענע — אין האַרבסטיקן וועלקן געצירטע בולוואַרן,
פון יענעם — דעם זאַרגלאָזן טראָט, וואָס געפּרוווט האָט פאַרשאַרן
דאָס האַרבסטיקע גאָלד אין אַ זײַט, — איז אַ לעבן אַריבער.

דײַן ברוינע, דײַן זײַדענע טוך, די געוועבטע אין קווייטן, —
מיט איר האָסט געפּרוווט זיך דײַן ווײַבלעכע פולקייט פאַרדעקן,
נאָר ניט צו פאַרמעקן געווען איז די האַרבסטיקע פלעקן,
וואָס האָבן בײַ דיר אָפן שטערן גענומען זיך שפּרייטן, —

די צייכנס געבענטשטע פון מוטערשאַפט דײַנער דער ערשטער,
פון גלוסטונג פון ערשטער צו מאַן און פון ערשטער דערוועקונג,
פון טיפסטער געהיימניש — די שעמעוודיק ערשטע אַנטפּלעקונג, —
מיט ווײַטערע דוירעס דײַן בונד, נאָך דערווײַל ניט באַהערשטער.

דײַן ערשטלינג, וואָס אונטערן האַרצן האָסט דעמלט געטראָגן, —
אַליין שוין געניט איז אין אַלע די מוטערשע לײַדן
און פרײַדן און איז שוין אַ זיכערער אָנשפּאַר אונדז ביידן,
און זאָרגט שוין אַליין, וואָס פאַר דוירעס פאַר ווײַטערע זאָגן...

דײַן זײַדענע טוך איז צעפליקט, איז צעריסן געוואָרן.
בלויז פעדעם פאַרבליבן פון יענע די קווייטן־געוועבן,
וואָס שעמעוודיק דעקן ניט צו מער די פולקייט פון לעבן,
די פלעקן, וואָס האָבן געמערט זיך אין גאַנג פון די יאָרן.

נאָר יענער, דער ערשטער, דער גאָלדענער האַרבסט אין געוויטער —
ער בײַט זיך ניט אום און ער ווערט ניט ייִנגער, ניט עלטער,
אַמאָל נאָר זײַן קעלט גיט זיך אויס אונדז אַ ביסעלע קעלטער.
אין גוירל אין זײַנעם ער קלײַבט זיך פאַנאַנדער געניטער:

אַמאָל — מיט אַ גאָלדענעם בלעטל זײַן נאַקעט פאַרשטעלט ער,
אַמאָל שמײַסט ער אויס זיך אַליין מיט די אייגענע ריטער,
און ווייסט ניט, אַז מיר, און אַז דיר — אונדז אין לעבן גייט אָן:
וואָס וועט ער ביז אויסבעט פון שניי מיט זײַן נאַקעטקײַט טאָן.

1957

און עפּשער...

און עפּשער הייבט זיך איצטער אָן א נײַער קאָן,
א לעבנס־קרײַז א נײַער הייבט פאר אונדז זיך אָן,
וואָס איז פון יענעם אָפּגעשיידט אָן הויכע ווענט,
נאָר מיט א שוועל, אין גאָר א נײַער זײַט געווענדט,
און מיט א שויב, וואָס קוקט אין גאָר אן אנדער וועלט,
א וועלט, וואָס איז ביז הײַנט פון אונדז געווען פארשטעלט,
פארדעקט, ווען בײדע זײַנען מיר געווען ייִנגער,
מיט דײַנע בלאָנדע האָר און דורכזיכטיקע פינגער?

1955

• • •

די פעלדער, די וועלדער, זיי גרינען,
דער הימל איז לויטער און בלוי,
וואָס האָב איך אינמיטנדערינען
פארטראכט און פארזאָרגט זיך אזוי?

איך פרעג אף דעם באַם צווײַגעלע —
איז ווייסט עס נאָר — זײַן גרין,
און כוץ זײַן גרינקײַט ווייסט עס ניט
פונדאנען ביז אהין.

איך פרעג זיך נאָך באַם טײַכעלע —
וואָס ווייסט א טײַכל — ס'פליסט...
איז ווער זשע וועט, מײַן טײַערער,
מיר זאָגן, ווו דו ביסט?

צי האָט דיך דער זומער פארבאָרגן,
דער ווינטער — מיט שנייען פארשפּינט?
וואָס טוען אין הארצן די זאָרגן,
ווען אַלץ ארום לויכט זיך און גרינט?

איך פרעג זיך נאָך באַם שטעגעלע,
וואָס פירט מיך דורכן פעלד:
צי האָט דיר קיין אנדערע
דעם וועג צו מיר פארשטעלט?

אף דעם איך פרעג די וועלט ארום,
איך פרעג בא זיך אליין, —
די וועלט קיין איין מאָל ענטפערט ניט, —
איך ענטפער דרײַ מאָל: ניין!

1960

• • •

צו הערן מײַן געזאַנג קאָנסט עפּשער פרי הײַנט קומען?
דו ענטפערסט — גראָד גאַנצפרי ביסט זייער שטאַרק פאַרנומען.
איך אָט דער פריִער שאָ האָסט צופיל אויפצוטאָן
און זאָגסט: פון בעסטן פרײַנט, מײַן פרײַנט, ניט צופיל מאָן...
איז וואָס זשע קאָן איך טאָן — כ'בייג אָן דעם קאָפּ,
כ'גיב אָפּ דיר רעכט און אין אַ זײַט כ'טרעט אָפּ.

איך זאָג — ס'האָט מײַן געזאַנג באַטאָג זײַן גאַנג געביטן,
און ווידער ענטפערסט מיר: אָט איצט? — זאָל גאָט באַהיטן!
איך טראָג דאָך אָפּן קאָפּ אַזאַ מין שווערן אָל.
צי וועל איך זיך פון אים באַפרײַען גאָר אַמאָל?
ניט מאָן בא מיר, מײַן פרײַנט, קיין צווייענדיקע גאָב, —
כ'בייג אָן דעם קאָפּ און ווידער טרעט איך אָפּ.

זיך קוים דערוואַרט פאַרנאַכט: — נו, איצט ביסטו שוין פרײַ? —
און ס'ציטערט מיר דאָס קאָל, און ס'קלאַפּט דאָס האַרץ דערבײַ...
— כ'בין פרײַ, נאָר פונעם טאָג כ'בין זייער, זייער מיד,
וואַרט צו — מיט נאָך אַ נאַכט וועט הערן רײַך דײַן ליד.
פאַרבייג איך טיף דעם קאָפּ — פאַר מידקײַט האָב איך אכט —
און, ווי געבענטשט, איך שטיי פאַר אומרויִקער נאַכט.

1959

• • •

ביט מיין, אז ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין
איז גרינגער, ווי מיט ווינטמילן זיך שלאָגן.
דעם ריטער אויסלאַכן בין איך צו קליין,
צו אַלט — אַף זיך זײַן שווערד און פּאַנצער טראָגן.

און אויב איך טראַכט ניט אויס קיין דולציניי,
פֿאַר איר אין קריג איך ברעך ניט רוקן־לענדן,
דערפֿאַר פֿאַר איר ביז הײַנט פֿאַרגאַפֿט איך שטיי.
ווען איר טוט עפּעס וויי — אויך מיר טוט וויי,
און כ׳קאָן צו איר אַף אַט די שפּראַכן צווייי
צו יעדער צײַט, פֿון יעדער ווײַט זיך ווענדן.

אין מיר מײַן שטענדיקן ווידעראַנאַנד
זי זוכט ביז הײַנט נאָך אין אַ האַפֿן ברענגען,
נאָר אײַז־באַרויִקטקײַט טוט שטאַרק זי ענגען, —
אים אופֿברעכן זי פּרוּווט מיט שוואַכער האַנט,
און אַלץ — מיט אײנעם, שײנעם, רײנעם מײן:
אויב ניט פֿאַר איר — זיך שלאָג פֿאַר זיך אַליין.

נאָר ווען אין פּאָנעם איר טוט קעלט אַ וויי,
פֿון יענע, וואָס מע פֿרעגט אַף זיי, די קעלטן, —
כ׳ריקד אײַן זי, ווי אַ קינד, מײַן דולציניי,
זי זאָל ניט זען פֿאַר זיך קיין ריז פֿאַרשטעלטן,
אַז מײַנע ווינטמילן — דאָס זײַנען זיי,
וואָס בינדן הייך און נידער — איך געדריי, —
אַף איר, אַף איר מיט ליבשאַפֿט פּאָכן זיי,
כאָטש מיך זיי שלאָגן אָפּ אָן דר׳ערד ניט זעלטן.

1959

• • •

איך ווייס, אַז ביסט ניטאָ דאָרט, אַז אומזיסט
איז איצט מײַן גאַנג אַהער — אָן דיר איז וויסט
די שטוב, דער זומער־הויף, אַ מײַל אַרום,
נאָר ס׳פֿירן מיך אַליין די פֿיס... איך קום:
דאָס טירל כ׳עפֿן שטיל און שטיל כ׳פֿאַרמאַך,
ווײַל זײַן דאָ אויך אָן דיר באַטײַט אַ סך
פֿאַר מיר — אַ זאַך אַ זייער, זייער נויטיקע,
מײַן אײַלבירט־אויגיקע, מײַן טונקלהויטיקע.

1947

* * *

„אויב דו וועסט מיך פֿאַרלאָזן אױף אַ טאָג —
וועל איך פֿאַרלאָזן דיך דערפֿאַר אויף צוויי טעג"...
און דאָס איז זי, מײַן זאָרג, מײַן צאַר, מײַן ווייטעק,
וואָס שטילערהייט אין האַרץ מײַנעם איך טראָג:

אַזויפֿיל נעכט און טעג — אין לעבנס־גאַנג —
געווען פֿון דיר דערווײַטערט מײַן געדאַנק.
און זײַטיק שטענדיק אַמאָל אַ טראָט,
פֿאַרלאָזן פֿלעג איך דיך אויף גאָטס באַראָט.

נאָר רעכענען זיך גרינגער איז מיט גאָט —
מיט קיין זאַך דער סאַכאַקל ניט באַדראָט.

מיט דיר איז שווערער פֿיל — דיר טוט דאָך וויי.
און אויב וועסט שטראָפֿן פֿאַר אַ טאָג מיט צוויי, —
ווער ווייסט, צי סטײַען וועט מײַן לעבנס־וועג —
די אויסגעקאַרבטע צאָל פֿון נעכט און טעג.

1958

• • •

איז וואָס ביסטו געוואָרן יוגנט־רויט,
און ווידער בלאַס, ווי דו וואָלסט זיך אַף טויט
דערשראָקן. ס׳ציטערט דאָך בא דיר א ליפּ.
און איך האָב נאָר געפרעגט: דו האָסט מיך ליב?
און ווי אַמאָל דיך בא דער האַנט גענומען,
און דו — דו שטייסט און קאָנסט ניט צו זיך קומען.
דו האָסט אַפילע ניט געענטפערט באַלד,
און נאָר דאָס פּאָנעם האָט זיך דיר צעשטראַלט...

ווי ליב איז מיר אין דיר דאָס יוגנט־רויט,
וואָס שלאָגט זיך דורך דורך בלייכקייט פון דײַן הויט.

1959

גאַנצפּרי

גאַנצפּרי, ווען די זון גאָר דעם וואַלד גילדט מיר אויס,
ווען ס׳לײַכט יעדער שטאַם, נאָר די קרוינען, זיי גרינען,
איך קאָן פֿאַרן טויער אַליין ניט אַרויס —
ווי קאָן איך אָן דיר אַזאַ פֿרייד זיך פֿאַרגינען.

דו שלאָפֿסט, און דאָס פֿענצטער צום וואַלד איז צעפּראַלט,
דו שלאָפֿסט, און ביסט אומרויִק, שלאָפֿסט און ביסט וואַכיק:
אין וואַלד אַזאַ שטילקײַט, די שטילקײַט — פֿילשפּראַכיק,
ווער ווייסט, וואָס דערמאָנען זי קאָן נאָך אין וואַלד.

מיט לענג פֿון דערמאָנונג איך מעסט מײַן שפּאַציר,
כאָטש רופֿן דאָס רופֿט זיך מיט פֿוסטריט געמאָסטן.
כ׳קער אום זיך צוריק, פֿאָרכטיק כ׳עפֿן די טיר:
דו שלאָפֿסט, און מיר דוכט, אַז באַרויִקט זיך האָסטו,

ווײַל אַלץ, וואָס דערמאָנט וואָלט די שטילקײַט פֿון וואַלד,
און אַלץ, וואָס געקאָנט כ׳וואָלט דער שטילקײַט פֿאַרטרויען,
אין ערשטן מײַן שמייכל דערקענען וועסט באַלד,
מײַן אייפֿערדיק־וואַכיקע, ליבסטע פֿון פֿרויען.

1959

• • •

אזוי אָט בענקט מען עס בא זעכציק יאָר,
אַז איבער נאַכט די ביינער זאָלן ווי טאָן
פון קערן זיך פון איין זײַט אויפן צווייטן,
פון קוים דערוואַרטן זיך אויפן קאַיאָר

אַף צו דערהערן כאָטש אין ווײַט דײַן קאָל,
דאָס טרײַבל אין דער פויסט אזוי פאַרקלעמען,
אַז ווען פאַר זיך אַליין כ׳וואָלט זיך ניט שעמען —
צעוויינען וואָלט איך זיך, ווי גאָר אַמאָל.

אזוי אָט ליבט מען עס אין אונדזער שטאַנד?
אַז ציטערן דאָס טרײַבל זאָל אין האַנט?
איך הער דאָך ניט קיין וואָרט, כ׳פיל נאָר א הויך...
וואָס איז? ס׳האָט אָטעם דיר פאַרפעלט, דיר אויך?

1959

וואָס האָט מיט דיר, מײַן טײַערע, געטראָפֿן?

פֿון טיפֿער נאַכט ביז פֿרי איך קאָן ניט שלאָפֿן,
די אויגן צוגעמאַכט, געהאַלטן אָפֿן:
וואָס האָט מיט דיר, מײַן טײַערע, געטראָפֿן?

פֿון טונדרע־וויסטעניש, פֿון ווילדן צאָפֿן
נאָך אַ געבונדענער — צו דיר געלאָפֿן, —
וואָס האָט מיט דיר, מײַן איינציקע, געטראָפֿן?

מיט אַלץ, מײַן גאָט, — מיט איר זאָלסט מיך ניט שטראָפֿן!
מײַן האַרץ שטאַרבט אָפּ פֿאַר שרעק, נאָר כ'פּרוּוו נאָך האָפֿן,
אַז עפּשער, עפּשער קומט די גוטע שעה פֿון
דערלייזונג...
אויב דעם וועג איז מיר פֿאַרלאָפֿן
דער בראָך — איך דאַרף זי ניט! פֿון אַלע סאָפֿן
דער סאָף זאָל קומען גלײַך — כ'גיב אָפּ דאָס וואָפֿן.

1953

• • •

כ'האָב דיך דערקענט, פאַר דיר זיך אָנגעכאַפּט,
ווי פאַר אַ ברעט פון שיף, וואָס איז צעקלאַפּט
אין ים, אין אַלץ פאַרניכטנדיקן שטורעם,
ווען פּלוצעם האָט פאַרפעלט דאָס ליכט פון טורעם
און אַף אַ פעלדז אַרויף איז אונדזער שיף
אין ים — אין אַלץ פאַרשלינגענדיקער טיף.
כ'האָב דיך דערקענט, אַף דיר זיך אָנגעלענט, —
איז גליטש זיך ניט אַרויס פון מיינע הענט.
מיין אָנשפּאַר זײַ — דאָס לעבן כ'גיב דיר איבער,
מיין וועג־ליכט זײַ — ביז כ'וועל דעם טהאָם אַריבער.

1958

* * *

דער רעבע פֿלעגט רימען מײַן לעבעדיק קעפּל
(אַזוי פֿלעגט ער זאָגן: א לעבעדיק קעפּל),
זײַן װײַב פֿלעגט מיר שענקען געזײַערטע עפּל
(װײַסרוסישע, שטײַפֿע אַנטאָנאָװער עפּל),
די טאָכטער — פֿון יונגקײַט צי מײדלשער צניעס,
פֿלעגט קוקן אױף מיר דורך פֿאַרשלײערטע װיִעס,
און איך — אױף דער דורכזיכטיק־טונקעלער הױט איר,
װאָס פֿלעגט מיטן קוק װערן בלאַסער צי רױטער.
באַם ליכט־ציִנדן, זאָגט מען, אין פֿרײַטיק־פֿאַרנאַכטן
זי פֿלעגט זיך בײַשט־קינדיש פֿאַרקוקן, פֿאַרטראַכטן,
און קינדיש צעװײנען אינמיטנדערינען, —
װער װײסט, װאָס געהאַט האָט זי דעמלט אין זינען?..

נאָך שפּעטער א צײַט פֿלעגט מיך ברענגען צו טראָגן
דער טאָכטער דעם רעבנס „גוט־שאַבעס" צו זאָגן.
געזעסן כ'בין פֿרום, און געשװיגן כ'האָב אײדל,
און קרומלעך געקוקט אױף זױם פֿון איר קלײדל.
און אײנמאָל איך האָב זיך אינגאַנצן פֿאַרפּלאָנטעט —
אינמיטן א מיטװאָך געזאָגט איר „גוט־יאָמטעװ".
האָט זי זיך צעלאַכט, און איר לאַכנדיק קאָל
ביז הײַנט נאָך אין אױער קלינגט אױף מיר אַמאָל...

דער רעבע — א זאַטער מיט יאָרן — געשטאָרבן.
דאָס װײַב — פֿון די ראַשיקע יאָרן א קאָרבן.
די טאָכטער, מע זאָגט, מיט א ליטער געזיכט
פֿון ליבשאַפֿט געצאַנקט האָט אַזױ װי א ליכט.
דאָס אײנציקע, װײס איך, זי פֿלעגט זיך פֿאַרגינען —
אַמאָל נאָר אַרױפֿקומען מיר אױף זינען.

איז זאָל כאָטש די ליד פֿאַר א זייכער איר דינען.

1958

* * *

די בליקן אונדזערע זיך קרייצן איבער —
מיט יעדן אויגנבליק דו ווערסט מיר ליבער.
די אויגן צו דער ערד ווען דו ווענדסט אָפּ, —
ווי עמעצס האַנט מײַן קאָפּ מיר דריקט אַראָפּ.
ווען צו די שטערן וואָלסט געקוקט אַרויף —
באַגלײַך מיט דיר כ׳וואָלט הערן זייער רוף.
אין מיזרעך־ווײַט, אין מײַרעוו־זײַט, אין צאָפֿן —
דײַן בליק וואָלט מײַנעם וואַרטן דאָרט געטראָפֿן.
נאָר אויסגעשפּירט ווערט יעדער אויגן־עפֿן —
די בליקן ווי געפֿאַנגענע זיך טרעפֿן,
פֿאַרשעמט און צאָרנדיק און פֿול מיט שרעק,
זיי קערן אום זיך פֿונעם מיטן וועג...

איז לאָמיר אויסדאַכטן אַזאַ מין צײַט,
וואָס ווערט אין קיינעמס כעזשבן ניט גענומען,
און לאָמיר אויסטראַכטן אַזאַ מין ווײַט,
וווּ מיר אַהין די ערשטע וועלן קומען.

1959

• • •

איך זאָג, איך איַיל צו דיר, נאָר פרעגט זיך צוליב וועמען?..
פון טאָג אף טאָג אליין פאר זיך די פראַגע שטעל איך.
אויב צוליב מיר — פון לאַנג מיר פּאַסט שוין גיין פאַמעלעך, —
דאָס אײַנגעשפּארטע שוואַרץ פון מײַנע יוגנט־ברעמען,
כאָלילע, ס'זאָל פון קאָפּ דעם זילבער ניט פארשעמען.

און אויב נאָר צוליב דיר — איז דאָך אומזיסט געוויס
דאָס וויסטע כאַפּעניש, דאָס ייִנגלש שטעלן פיס,
ווײַל מיט דײַן טונקלען לײַן ביז גלאַט ארוף פארשאַרטן
און זילבערל אין אויג, אין גרינלעך־אײַנגעשפּאַרטן,
דו האָסט נאָך צײַט גענוג אף וואַרטן און ניט וואַרטן.

1960

א קנופּ, וואָס כ׳האָב ניט אופגעבונדן

אזא וועסטו פאַר מיר פאַרבלײַבן:
א קנופּ, וואָס כ׳האָב ניט אופגעבונדן,
ווײַל ביז דײַן מיין זיך ניט דערקלײַבן
און ניט דערגייך ביז זײַנע גרונטן.

פאַרשפּאַרט דו בלײַבסט פאַר פרעמדע בליקן,
דײַן לעבן האַלטסט פאַרשטײַפט אין הויפן;
דאָס הארץ דו פירסט ווי אף א שטריקל —
דעם וועג עס זאָל דיר ניט פאַרלויפן.

אף אלע דײַנע וועגן־שטעגן
דו שטעלסט אוף פּאַרקנדלעך און צוימען,
און מיטאמאָל דיך נעמען רעגן
זיי אלץ צעשטערנדיקע טרוימען.

און אָנגעשפּיצט און וואך ביסט שטענדיק,
און בײַטן בײַטסט זיך אויגנבליקלעך:
אין טיפן טרויער ערשט געזען דיך,
און באלד — אין פרײדן, איבערגליקלעך.

און כאָטש מיך ציט, ווי מיט מאַגניטן,
צו אלץ, וואָס איז פאַרהילט, פאַרבאָרגן,
נאָר דאָ כ׳בלײַב שטיין אמאָל אינמיטן
און מײַן געמיט ווערט שווער פון זאָרגן.

איך מאָן בא דיר קיין וואָרט, קיין ווידוי,
פאַר מיר דו זאָלסט דײַן סאָד אנטפּלעקן,
נאָר אָפּט כ׳טרעט אָפּ פון דיר א מידער
און דאָס הייבט אָן מיך שוין צו שרעקן.

ווי גלײַך דײַן ציל איז שפּאַס צו טרײַבן,
אויך ווען עס גליִען דײַנע ווונדן...
אַזאַ וועסטו פֿאַר מיר פֿאַרבלײַבן —
אַ קנופּ, וואָס כ'האָב ניט אופגעבונדן.

1956

* * *

דו מיינסט, איך וועל שרײַען איבערן וואַלד: ווו ביסטו?
מײַן קאָל אין גאַנצפּרײַיקן וואַלד וואָלט געשאַלט, ווי אין וויסטע.
כ׳שטרענג אָן אַלע קויכעס צו זאָגן דיר שטיל פונדערווײַטן,
אַז שרײַ צי ניט שרײַ, וועט דאָך סײַווי זיך גאָרנישט ניט בײַטן.
אַף איין עק וועלט איך, און דו — ערגעץ דאָ, בײַ דעם צווייטן,
און צווישן — די ערד מיט איר לענג, מיט איר ברייט טוט זיך שפּרייטן.
נאָר ווו זאָלסט ניט שטיין — בײַ דײַן ברעג פון דער וועלט צי דערנעבן —
מײַן רופן צו דיר, שוין אָן מיר און אָן דיר, וועט נאָך לעבן.

1955

דער גאָלדענער מאַראַנץ

פאַר די געציילטע טעג, וואָס מיר זײַנען באַנאַנד,
דיך האָט די זון אַזוי פאַרברוינט, אַזוי פאַרברענט,
אַז אויך דער גאָלדענער מאַראַנץ אין דײַנע הענט,
ער ברענט שוין ניט אַזוי...
מײַן ליבע פרוי,
פאַרוואָס זשע לעשט זיך ניט און ס'טונקלט ניט דער גלאַנץ
פון יענעם בליענדיקן, זוניקן מאַראַנץ,
וואָס מיר איבערגעגעבן האָסט פון האַנט אין האַנט
אַמאָל... ווי גוט, וואָס איך האָב אויסהיטן געקענט
זײַן לופטיקײַט, זײַן דופטיקײַט, זײַן בלענד.

1955

• • •

דעם סאָד אַנטפּלעקן אונדז זאָל הײַנט אַליין
דאָס בלענדעניש פֿון אירע יוגנט־צײַן,
וואָס ווי די מירמל־שלעסער זיכער זיצן, —
צום אָנגריף דינען זיי צי צום באַשיצן.

אַמאָל געהאַט כ'האָב מוט, — ווי הײַנט כ'געדענק, —
אַזאַ מין פֿעסטונג אָפּן צו באַפֿאַלן,
באַם ערשטן אָנגריף זײַן פֿלעג איך אַ באַלן
איר שוץ־און־וואָפֿן נעמען אין געפֿענק.

און הײַנט צו זיך איך זאָג: דו קוק נאָר, קוק,
אַף דער, וואָס צוליב איר זיך טראָגט דער צוג, —
איר יונגקײַט זאָל דאָס נײַע יאָר באַגעגענען...
דער וועג — שוין קורץ, נאָר ס'בלײַבט נאָך צײַט גענוג —
מיט אַלטן יאָר און איר זיך צו געזעגענען.

4 יאנואר 1960

• • •

צי שטייען מיר מיט דיר ניט בא דעם פּלאַץ —
צעווישן אַלערליבשאַפטן און פײַנטשאַפט,
בא יענעם פּונקט, וואָס רופט זיך קלוימערשט פרײַנטשאַפט,
און ווי אַ זייפנבלאָז זי וואַקסט, זי פּלאַצט,
ווען צו דער קינדער־שפּיל פאַרלירסט דעם גוסט,
צי איבערכאַפּן ווען דעם אָטעם מוזט.

און גלײַך, ווי ס׳איז ניטאָ אף דר׳ערד די מאַכט,
וואָס וואָלט די זייפנשפּריצן גאַנץ געמאַכט,
אַזוי איז ניט פאַראַן אין אַלדי הויכן
קיין ליבשאַפט־ווינט אין אים ארײַנצוהויכן,
דעם שײנעם זייפנבלאָז אף אָנצופילן —
ס׳זאָל נאָכאַמאָל מיט אַלע פאַרבן שפּילן.

13 יאַנוואַר 1960

ווען דיַין שטוב האָט מיר פאַרפעלט

כאָטש קלאַפּ דיר אָן אין האַרץ, ווי אין אַ טיר,
ווײַל ביידע זיי דו האַלטסט פאַרשפּאַרט פון מיר.

איז וואָס זשע־דריי איך מיך דײַן שטוב אַרום,
מיט הויכן ערנסט כ'שפּאַן, קוק זיך ניט אום.

ווי גלײַך דערמיט איך וואָלט מײַן גאַנג באַרעכטיקט —
פאַר דורכגייער ניט אויסזען כ'זאָל פאַרדעכטיק.

נאָר דו די טריט מײַנע ווייסט דען דערהערן?
מיט זיי דײַן שוועל איך קלײַב זיך דען פאַרשווערן:

ס'איז ווינטער — וועט דער שניי די טריט פאַרשיטן,
ס'איז פרילינג — וועט דער ווינט זיי ניט פאַרהיטן.

און זומער, ווען דײַן שטוב האָט מיר פאַרפעלט, —
צעזייט האָב איך די טריט איבערן פעלד.

נאָר איינמאָל האַרבסט, ווען מיר איז אויפן האַרצן
געווען ווי אויף דער גאַס, — כ'האָב קוים דערהאַרט זיך

די אָוונט־שאָ, און אין דער פינצטער־נאַכט
דיר אָנקלאַפּן אין טיר זיך אָנגעטראַכט.

אַזאַ מין צײַט אַ מענטש די בלאָטע קנעט,
און אָפּטרעטן איז שוין געווען צו שפּעט.

דערנאָך דערמיט געפּײַניקט כ'האָב זיך לאַנג —
שוין בעסער כ'וואָלט די שאָ געווען אין גאַנג,

אַוועק אין נאַכט, ניט קוקנדיק אַהינטער,
אין ערשטן נאַסן שניי־שיט אַ פאַרשפּינטער.

16 יון 1960

דאָס לעצטע ליכט

און אָט איז ווידער פאַר די אויגן אופגעשווומען
דער מאַבל און דער כווישעך און דאָס ערשטע ליכט.
און אַלץ אייניינעם, און באַזונדער, און פאַרקניפּט,
און ווידער יונג און אימפּעטדיק, ביז טויט פאַרליבט,
און ווידער כ'קאָן ניט אָפּווענדן ס'געזיכט
פון יענער זײַט, פון וועלכער דו ביסט אָנגעקומען.

אין האַרצן — אַ געווירבל און אַן אויסגעמיש:
פון פריידן און פון אָנווער און פון בענקעניש.
קיין שאָטן פון פאַרדראָס אויף דיר געדענק איך נישט.
מיך וווּנדערט נאָר, וואָס ס'איז די ווונד נאָך אַזוי פריש,
ווי צווישן ניט געלעגן וואָלט אַ טהאָם פון יאָרן
באַם ראַנד פון טויט אין קאַנט פון צאַר און צאָרן.

און דו די זעלבע ביסט, נאָר עטוואָס אָפּגעצערט,
די אויגן קוקן זאָרגעוודיק און טונקלער ברענען...
אַ דאַנק, אַ דאַנק, וואָס דו האָסט זיך געלאָזט דערקענען,
וואָס פון מײַן וועג האָסט הײַנט ניט אָפּגעקערט.

דו זעסט, ווי אומרויִק איך בין, נו, זאָג, דו זעסט?
מיר דאַכט, איך פרעג אפילו ניט, נאָר מיט די ליפּן
איך דאַנק דעם גורל אָפּ, וואָס דו ביסט מיר פאַרבליבן,
און עפּשער וועסטו קומען נאָך, דערפרייען וועסט...

פאַרוואָס זשע איז דאָס האַרץ מיר איצט אַזוי געקלעמט?
אַ מענטשן־שטראָם — פאַרבײַ, און איך — איך שטיי געבונדן:
מיר גיט זיך אויס: אײַנמיטן וואָרט ביסטו פאַרשוווּנדן, —
היי, מענטשן, גיך אויף לינקס און רעכטס זיך נעמט!

פארשטעלט מיר ניט מיט זיך דאָס לעצטע ליכט!
וואָס קאָן איך נאָך צי מער פון אייך פארלאנגען?
איר זעט אליין: ניט אָפּצווּוענדן דאָס געזיכט
פון יענער זייט, ווּ גרינג און אומגעריכט
דאָס ליכט אפּסניי פון מיר איז אָפּגעגאנגען.

1960

• • •

די ווײַט, די צײַט — זיי מאַכן ניט דערווײַטערט
מײַן האַרץ פֿון דיר, — פֿאַרגונפּטיקער נאָר ווערט
מײַן בענקשאַפֿט און באַקומט אַ נײַעם ווערט —
פֿון טאָג צו טאָג איר טיף ווערט מער געלײַטערט.

נאָר פֿונדערנאָ׳נט דײַן קאָל ווען איך דערהער —
דער בלוט־שטורעם נעמט ווידער זיך צעשפּילן,
און אין דער לויטערקײַט פֿון די געפֿילן,
באַם סאַמע דעק זיך וואָלקנט אַ באַגער,

וואָס קראַנק איך ווער אַף דעם — ניט אויסצוהיילן.
נאָר כ׳זיץ פֿאַר דיר, ווי כ׳קאָן קיין צוויי ניט ציילן,
און ס׳קעסלט שוין דאָס האַרץ און רײַסט, און ס׳גליט
אַ נײַע לײַב־און־בלוטנדיקע ליד.

29 יאַנוואַר 1960

• • •

איך ווייס, אז אפילו גוטמאָרגן איך וועל דיר ניט זאָגן —
ווּעסט אײַלנדיק דורכגיין פאַרבײַ, און איך וועל ניט באַווײַזן,
דערנאָך ביז אין אָוונט כ׳וועל אומגיין פאַרזאָרגט און צעטראָגן
און גלײַך ווי דורך עפּעס געבונדן — א פרײַער ניט פרײַ זײַן.

דעריבער איך אײַל איבער גראָז, נאָך מיט טוי א באַדעקטן.
דעריבער... נאָר ווייסט דען, וואָס דאָ ער באַטײַט, מײַן דעריבער?
פאַר זיך — ביז אף מאָרגן כ׳פאַרבאָרג אים, דעם סאָד ניט־אַנטפּלעקטן,
פאַר דיר און דער וועלט — ווי א רעטעניש לאָז איך אים איבער.

1959

• • •

אויב דאָס איז אומגלייבלעך, אומגלייבלעך איז אויך
דער הימל, וואָס בלויט איבער אונדז אין דער הויך,
די ערד, וואָס דאָרט גרינט נאָך, ווו אונדז איז ניטאָ שוין,
דער שטערן באַגינען, וואָס ווערט ניט פאַרלאָשן...
מיט וואָס איז דער טאָג, וואָס איז נאָרוואָס אוועק,
מער גלייבלעך, ווי אונדזער פאַרגאַנגענער וועג?
א סימען באַדאַרפסטו, צי איך דאַרף א סימען?
איך האָב דאָך דײַן יוגנט געזונגען א הימן,
דײַן יעטווידער טאָג אינעם גאַנג פון די יאָרן —
דורך לייד צי דורך פרייד איז באַצייכנט געוואָרן,
און איך — צי איז דען אַף מיר גאָרניט פאַרבליבן
פון יוגנטלעך לעבן, פון יוגנטלעך ליבן...
אויב אַלץ איז אומגלייבלעך, א כאָלעם, ניט מער —
ווי קומען מיר ביידע פאַרליבטע אהער!

1959

באלאדעס

דער אויצער

1

„ווי העלפט מיר גאָט ביז גאָט וועט העלפן!"
ווי טרעפלעך איז געווען איר זאָג,
ווי שרעקלעך איז געווען דער טאָג,
ווען קינדער — קליין און קלענער נאָך —
מיר פלעגן געבן זיך א יאָג,
דעם הויכן אלמער א צעפּאָך —
אן עפן אוף אף בײדע העלפטן...
און זי, די מאמע, פונדערווײַטן,
זי פלעגט אין פּאָנעם זיך נאָר בײַטן,
די בלאסע ליפּן קוים באהעפטן:
ווי העלפט מיר גאָט ביז גאָט וועט העלפן...

נאָר וויפל איך געדענק פון דעמלט,
האָט דער, וואָס וואכט און קײנמאָל דרעמלט,
די טפילע אירע ניט פארנומען
און איז צוהילף איר ניט געקומען, —
האָב איך אלײן אף זיך גענומען,
זיך שטילערהייט א וואָרט געגעבן,
אז בא מײַן קינדערש לעבן שווער איך
צו אָפּטאָן קאָל אווידאס פערעך,
נאָר איר פארגרינגערן דאָס לעבן;

אז אויסגיין גרייט בין איך א וועלט —
אף איר צו ברענגען, וואָס איר פעלט.
פארשטייט זיך, ס׳ערשטע זיך געמאָלט:
א זאק מיט מעל, ערשט אָפּגעמאָלט,
וואָס שמעקט מיט פרישן קליַיען־שטויב,
וואָס ניט צו געבן אים קיין הויב, —
שוין צו מיט הונגער שמעקט דאָס מעל פון
„העלף מיר גאָט ביז גאָט וועט העלפן!"

נאָר מער פון אלץ־האָב איך געוואָלט
געפינען גליַיך אן אויצער גאָלד,
צעשמעלצן אים אף רונדע טאָלער,
און בליַיבן אומויסשעפּלעך זאָל ער.
באוווּסט זאָל צווייען זיַין דערפון —
דער מאמען און איר יינגסטן זון.
דער טאטע בליַיבן זאָל פארכידעשט
באם פינקלדיקן וויַין אף קידעש,
די קינדערלעך — באם פלייש און פיש
און ליכט אף שאבעסדיקן טיש.
בא מיר די באקן זאָלן פלאמען,
און ראָזלעך ווערן בא דער מאמען.

מיך זאָל קיין בייז־בלוט ניט באהערשן,
ווען ס׳טיילט די מאמע אָפּ צום ערשטן
א שטיקל טייג און שענקט דעם פיַיער,
צי איבערלאָזט א שטיק — אף זיַיער.
ניין, אדעראבע, זאָל זי טאָן עס,
ניט שרעקנדיק זיך פאר קיין טאָנעס,
אין ערגעץ קיינעם ניט געבאָטענעם,
נאָר פרייען זיך פון הערן אָטעמען
אין גראמער דייזשע טייג געראָטענעם,

וואָס צוליב איר און אלעמס־וועגן
ער שטייַגט, ער גרייכט שיר ביז די ברעגן,
און נאָכדעם, מיט א טוך־באדעקטן
א צענדליק לאבנס ברויט באשמעקטן,
דערצו אן עלפטן נאָך — א קליינס,
און ציילן כ׳זאָל, ווי זי: ניט איינס,
ניט צוויי, ניט דרייַ, ניט אכט, ניט צען...
נאָר ווי דערלעבט מען עס צו זען!

אז בעסאכאקל איז דערווייַל
דאָס אלץ א שיינער כאָלעם בלויז.
און אויסן בויגן, ווי א פייַל,
איך פלי פון שטוב אין הויף ארויס.
צום אלעמערשטן כ׳זאָל ניט דארפן
די עלטערע אין אויג זיךווארפן,
די קלענערע — דאָס מויל פארשטעלן,
ווען זיי וועלן נאָך ווייבען וועלן.
נאָר ווו זאָל איך זיך לאָזן לויפן?
די גאס איז ליידיק, פוסט די הויפן.
אין שווערער היץ נאָר בראָדיען הינט
מיט ראָזע אויסגעשטעקטע צינגער...
אף זיך דאָס הארץ צו מאכן גרינגער,
וואָלט איך אין זיי געשיקט א שטיין
צי הייסן זאמד א פולן הויפן,
נאָר כ׳בייג זיך אָן און טראכט דערבייַ,
אז ערשטנס, איז עס א באלכייַ —
אי א ראכמאָנעס, אי א זינד,
דערצו בין איך א „טאטנס קינד"...
און וואָס א „טאטנס קינד" באטייַט,
ניט פרעגט — דאָס אלץ שוין זייער ווייַט,
ווי יענער טאָג, ווי יענע צייַט...

2

נאָר דאָך איך קער זיך ווידער אום
צו יענעם טאָג, אין יענעם הויף,
און אַלע קויכעס כ׳נעם צונויף
אַף צו דערציילן היינט פאַר אייַך,
ווי פּלוצעם כ׳בין געוואָרן רייַך,
ווי ברייט פאַרשפּרייט האָט זיך מייַן רום
אין הויף בא אונדז און ווייַט ארום
אין יענעם זומער־טאָג דעם לאַנגן,
וואָס אויף איז שטיל, אין ראש — פאַרגאַנגען.

ניט האָבנדיק זיך ווו אהינטאָן,
בין איך אוועק צום בוים צעגרינטן,
מיט בלינדער וואַנט פון שטוב פאַרשטעלטן,
אין זומער־היץ און ווינטער־קעלטן
אַף אים פאַרקוקט כ׳האָב זיך ניט זעלטן,
און ס׳האָט דאָס הארץ געטאָן מיר ווי:
א בליץ האָט שיר אים ניט אַף צוויי
אויך אין זייַן אויסבאהאלט צעשפּאָלטן.
א צווייַג דער מאמען האָט געגאָלטן
אַף אָנבינדן אַף אים א שטריק:
פון צווייַג ביז פּלויט, פון פּלויט צוריק,
וואָס ווייַטער — היפּשלעך אין דער קרים,
אַף אויסצוהענגען גרעט אַף אים.
זי האָט דען צייַט, אז אפן זינען
זאָל קומען איר אינמיטנדרינען,
אז ס׳איז א בוים אויך אַף צו גרינען.
זי הענגט דאָס גרעט און טראַכט דערבייַ:
דאָס גרעט איז, דאנקען גאָט, ניט נייַ,
נאָר בלוי און זויבער, ווי א צווילינג
מיט הימל־בלויקייַט אָנהייב פרילינג.

3

באַ אָט דעם בוים, פון גאָט פאַרשאָלטענעם,
ווי מיר האָט דעמלט זיך געדוכט,
באַ אָט דעם בוים, אַף צוויי צעשפּאָלטענעם,
אי שוץ, אי מיטלייַד כ׳האָב געזוכט.
זייַן אַלטע קאָרע, שטאַרק צעראַצטע,
זייַן סאַמע מיט, ביז טיף געפּלאַצטע,
זייַן עלטסטע צווייַג, וואָס הענגט געבויגן, —
דאָס אַלץ האָט מיך צו זיך געצויגן.
דער בליץ האָט שטאַרק מייַן פרייַנט דערשיטערט:
איין העלפט באַ אים באַבלעטערט שיטער,
און אויך דער בלאַט איז קירצער, שמעלער,
באַם גריבעץ — גראָ, באַם וועלקן — געלער.
דערפאַר די צווייטע העלפט — זי לעבט
און איז מיט גרינס אַזוי פאַרוועבט,
אַזוי מיט בלעטער אָפּגעשאָטן,
אַז אַף דער וואַנט פון איר דער שאָטן
פון פרי ביז נאַכט ווערט ניט געשטערט,
נאָר טונקעלער צי העלער ווערט.
מיט טרוקן־הונגעריקן גומען
צו אָט דעם בוים בין איך געקומען,
ווי צו אַן אַלטן פרייַנט אַ ליבן,
געקומען שטיל און שטיין געבליבן,
איך האָב דאָך דעמלט ניט געטראַכט,
אַז ס׳האָט מייַן מאַזל מיך געבראַכט
צו אָט דעם בוים, אין אָט דער שאָ,
אַז עפּעס וווּנדערלעכס איז דאָ
אין אָט דעם אַלטן שטאַם פאַרוווּנדעטן,
וואָס כ׳זע אים הייַנט צום מאָל צום הונדערטן.

צום הונדערטן און אויך צום ערשטן —
אזוי האָט זיך דער בוים פארענדערט.
ווײַל אלעמאָל, באם צוגיין נעענטער,
אין אויג זיך ווארפן פלעגט אמערסטן
פון הויט זײַנער די קווארע הארטקײַט,
זײַן קנופנדיקע אײַנגעשפארטקײַט,
די שארפע שפיציקײַט פון בראָך...
און דאָ דערזען כ'האָב עפעס נאָך,
און עפעס מער, און עפעס אויסערסט —
פון בוים זײַן לעבנסווילן גרויסער,
זײַן וואָרצלען זיך אין גרונט לעהאכעס,
פאר גרינענדיקער העלפט — זײַן נאכעס,
דערצו, וואָס אויך די צווייטע העלפט
פארבלײַבט צום שטאם אזוי באהעפט,
זי זאָל נאָך קנאָספן זיך און שפּראָצן
און ווערן זיך מיט יעדער רוט,
און מיך האָט מען צו נײַען יאָר
געלערנט אײַנברעכן דעם ראָצן
און אלצדינג אָנעמען פאר גוט...
ווײַל איך און ער — צוויי ווײַטע וועלטן:
איך זיך פארשפארט אין שיימס געצעלטן,
און ער שטייט פרײַ פאר היץ און קעלטן.
נאָר אָט דאָס אלץ כ'האָב דאן באנומען,
געזען, ווי דורך א כאָלעם נאָר,
ווײַל אף דער וואָר בין איך געקומען,
געבראכט האָט מיך צום בוים אהער —
די היץ און לענג פון טאָג אין טאמוז,
די טריבע מויל־ווינקלען דער מאמעס,
און ווײַל דער טאָג צו מיר געהער.
אפילע אים — מײַן ברודער, ווען
מײַן מויעד קינדערשן פארנעמען
מיט פראגעס, פול מיט טיפסטן זין,

14–1660

געוועזן איז וויכטיק, ווי דאָס לעבן, —
אפילע אים, מײַן שטרענגן רעבן,
האָט אויסגעוויזן פאר א זינד —
אין הונגער מאטערן א קינד,
און האָט דעם טאָג מיר פרײַ געגעבן.
נאָר נאָך עפּעס האָט מיך געשטויסן
אהער — פון אלץ צו בלײַבן אויסן,
ניט טראכטן מער, וואָס זײַן וועט שפּעטער
און אויך וואָס פריִער — אלץ פארגעסן, —
פארגעסן אויך צו וועלן עסן.

4

אַף אַט דעם בוים איך קריך, איך קלעטער
מיט גאָר דער גרינגקייט פון מײַן גוף.
פון צווײַג אַף צווײַג איך שטײַג ארוף,
ווי גלײַך אַף עמעצנס א רוף,
כאָטש צווישן הימל און דער ערד
כ׳האָב קיינע רופן ניט געהערט.
א רעגע, עפּשער, כ׳האָב פארקלערט
זיך העכער אופהייבן פון קוימען,
וואָס פלעקט היינט ניט מיט רויך די רוימען,
מיט אזעס און געהיימען גלויבן
צו אים אראָפּקוקן פון אויבן.
און, פילנדיק זיך שטארק דערהויבן,
מײַן הארץ האָט שטום א לויב געזונגען
דעם הימל־בלוי אין סאמע זון־גיין,
דעם שטײַפן צווײַג, וואָס טוט מיך וויגן, —
דעם גאנצן זומער־פארגעניגן.

און זיצנדיק א ביסל העכער
פון אלע גראָע שינדל־דעכער,
מיט פולן מויל איך שעפּ און שעפּ,
ווי עפּעס אפּדאָסנײַ איך לעב.
ארײַנאָטעמען כ׳וויל אלץ מער
פאר אלע יאָרן ביז אהער.
פאר אלע פריִען און פארנאכטן
און פארן טאָג אָן לופט פארבראכטן
אהינטער דאך־באלקן פון „שיים״,
וואָס איז געווען מײַן צווייטע היים.
און דאָ איז אָפן גאָר די וועלט!
כאָטש ביז צו „גאָר״ האָט היפּש געפעלט.
נאָר מיר איז דאן גענוג געווען,
אף וויפל ס׳האָט דאָס אויג געזען,
אף וויפל ס׳קאָן אָן אויער הערן.
איך זאָל זיך קענען זיכער קערן,
צו טראכטן זאָלן מיר ניט שטערן
דער הונגער און די שווערע היץ —
אָן צווײַג אָן אָנגעלענטער כ׳זיץ,
דאָרט, ווו געטראָפן האָט דער בליץ.
די גאס איז פּוסט און אויסגעליידיקט,
און עפּעס האָט מיך ווי באליידיקט,
וואָס ווײַט ארום — נאָר היץ און שטויביקײַט
און קיינער זעט ניט מײַן דערהויבנקײַט...
נאָר אָט איז עמעץ אפּדערגיך
ארויסגעלאָפן פון א קיך
ארויספליעסקען אין מיסט א צעבער
מיט מוטנעם וואסער אין געמיש
מיט איבערבלײַבעכץ אלערליי —
צוויי פּוסטע העלפטן פון אן איי
און אינגעווייידן פון א פיש,
ווו צווישן ליסקעס ברוינט א לעבער,

צווייזעגלדיק און לײַכט און פּילבאַר
א פולער פענכערל זיך זילבערט...
און כאַטש די היץ, זי פּרוווט מיך בלענדן, —
דעם בליק פון דאָרט ניט אָפּצוווענדן.
פאַר דעם איז רעכט א מאכנע פליגן,
וואָס איבער מיסט זיך טוען וויגן,
צעטומלט פונעם וואסער־פליוך;
א ניט־פארשנורעוועטער שוך
פון דער, וואָס זעט ניט, ווו איך זיץ,
און ניט געײַלט, און מיט א זיפץ
(אזוי האָט דעמלט מיר געדוכט),
זיך לאָזט פון הויף אין קיך צוריקגיין...

5

כ׳געדענק אלץ קלאָר — א האָר זאָל פעלן,
ווי ס׳האָט מײַן בליק געפּאָרשט, געזוכט
אף וואָס ראַיעלס זיך אָפּצושטעלן.
דאָס אויג פאַרנעפּלט איז פון זון.
און פּלוצעם כ׳האָב דערזען א הון,
וואָס האָט זיך צוגעזעצט אין זאמד
האַרכאָוועדיק און אופגעראמט,
אין א פאַרטיפערונג מיט ברייטקײַט
און מיט א זאָרגלאָזיקער גרייטקײַט
א דרעמל טאָן... די אויגן־לעפּלעך,
פון נאָגל־קאָליר, צוגעשלאָסן,
די פליגלען עטוואָס אופגעבלאָזן —
אהינטער זיי ארײַנצולאָזן
א גאנצן צענדליק גאָלד׳נע קעפּלעך
מיט שווארצע שנאָבעלעך, די פּיסלעך —
צו ערדיש פאַרן פוכקן גאָלד...

און גלײַך האָב איך זיך אויסגעמאָלט,
ווי ליב איז איר, דער הון, ווי גוט איר
זיי אַלע שיצן מיטאַמאָל,
אַזוי, אַז אין דער שאָ בארוטער,
ווען עמעץ וואָלט זיך אָנגעבויגן
צו אָפּשיידן פון איר אַן אויפל,
צו אָנעמען אַ פולן הויפן
מיט ווארעם גאָלד די האנט געצויגן, —
זי וואָלט אים אויסגעפּיקט די אויגן.
ווײַל ס'איז דעם אויפלס לײַב דער הון
פון אירן ווארעמער און פון
דער בראָטנדיקער טאַמוז־זון...
און ס'האָט באהערשט מיך אַ געדאַנק,
אַ קינדערש־כוצפּיקער פאַרלאַנג —
די הון און הינדעלעך צוזאַמען
פאַרגלײַכן זאָל איך צו דער מאַמען.

צו מוטער מײַנער — איינציק יענער,
וואָס קיינער איז פאַר איר ניט שענער,
ניט ליבער, הארציקער, ניט טרײַער,
וואָס גרייט איז גיין פאַר אונדז אין פײַער.

6

נאָר אין דעם זעלבן אויגנבליק
מײַן צווײַג געטאָן האָט זיך אַ וויג —
ס'האָט זיך אַנטקעגן, בא דעם שאָכן,
אַ טיר געעפנט מיט אַ קרעכץ,
און קוקנדיק אַף לינקס און רעכטס,
געקליידט אין סאַמע אינדערוואָכן,
קומט אָן אַ מיידעלע — מײַן גלײַכן,
וואָס לעצטנס פלעג איך פון איר ווײַכן.

ארויס און זיך געשטעלט באַם טויער:
די ברוינע צעפּלעך — הינטער אויער,
די דלאָניע — איבער ביידע ברעמען,
ווי גלייַך זי וואָלט דאָס אָרט באַטראַכטן,
צי פאַסט דער פּלאַץ פאַר אירע שלאַכטן, —
דעם פייַנט ווי בעסער אייַנצונעמען.

און, דאַכט זיך, גאָר ניט אַזוי לאַנג,
דער מאַמען פאָלגנדיק אַ גאַנג,
אַ קריגל, צי אַ שטייסל לייַען,
צו איר אין שטוב בין איך אַרייַן...
אַ בורעק־רויטע, אַ פאַרשעמטע,
די האָר פון פרי נאָך ניט צעקעמטע,
זי האָט אין ווינקל זיך פאַרוקט
און לאַנג פון דאָרט אויף מיר געקוקט.
אין שאָטנדיקייַט פונעם ווינקל
איר ברוינער קאָפּ האָט ווי געפינקלט.
די אויגן — גרוי און גרויס, און שטאַר,
דאָס מויל פאַרקלעמט, און נאָר דערפאַר,
ווייַל זי האָט זיך נאָך ניט באַוואָרנט
מיט אַלע גלייַכע ציין פון פאָרנט,
צי צווישן פולן מויל מיט ציינער
איר ניט דערוואַקסן איז נאָך איינער...

אַ צווייטן מאָל — אַ זומער שפּעטער, —
ווען יעדער אָס ארויסגערעדטער
אַנטפּלעקן פּלעגט איר בייַסיקייַט, —
האָט מיך געפּלעט איר פלייַסיקייַט.
כ'האָב זיך דערוועגט אַ טראָט גיין נע'נטער,

צו שטיין און קוקן אָף די הענט איר,
ווי פּלינק זי כאַפּט פון קויש ארויס
א בולבע, ווי איר פויסטל גרויס.

אַלצייגס — צי קײַלעכדיק, צי קרום,
און איידער נאָך איך קוק זיך אום,
א נאַקעטע זי טוט זי אויס
מיט אַלע הויכקײַטן און ווינקעלעך,
און פאַלן לאָזט זי אָף דער באַנק
איין גאַנצע שאָלעכץ דין און לאַנג,
געדרייט, געוויקלט ווי א שלאַנג,
מיט גראָע וואָרצלען אָף די וויקעלעך...

איך שטיי און שווײַג און קוק פאַרוווּנדערט,
ווי דורך א נעס ווערט אָפּגעזונדערט
דאָס שאָלעכץ פונעם לײַב־קאַרטאָפל,
ביז ס'ווערט מיט זיי דער שוואַרצער טאָפּ פול.
און, דאַכט זיך, וואָס — זי טוט נאָר שיילן,
און איך, איך שטיי און האַלט אין ציילן,
נאָר אָף דער שפּראַך פון פינגער־קונץ
געפירט האָט זיך ס'געשפּרעך בא אונדז.
אָן איינעם וואָרט און אָן א ווונק,
אמאָל נאָר מיט א טעמפּן קלונג
פון מעסער־שטאָל אָן ברעג פון טאָפּ,
וואָס רופט זיך גלײַך אין הארצן אָפּ.

כ'האָב זיך ניט הערנדיק געמאַכט,
נאָר גוט געפילט אָף זיך איר מאַכט.
און דאַפקע אין אזויגע פאַלן,
בא זיך אָף ניט אראָפּצופאַלן,
מײַן מאַנצבילש ווערט אָף צו פאַרהיטן, —
ארופרוקן איך פלעג דאָס היטל,
איןביידע קעשענעס — די הענט
און שטאָלץ פאַרלאָזן אירע ווענט.

7

ניט מיינט אָבער, אז ס׳האָט זיך שטענדיק
בעשאָלעם אזא שפּיל פארענדיקט.
אָפט פלעגן קעגנער זיך צעגיין
בארויגעזע, ווי „יאָ״ און „ניין״.
פארבלײַבנדיק באַם טאָפּ אליין,
זי פלעגט אַף מיר נאָך בליקן ווארפן,
און מיטן קלינגל מיטן שארפן
דעם ראנד פון טאָפּ אלץ קארבן אָפטער...
געפילט איר בליק כ׳האָב אַף מײַן רוקן.
און כאָטש אהינטער כ׳פלעג ניט קוקן —
ניט ווערן כ׳זאָל קיין סלופּ פון זאלץ,
כ׳האָב אלץ געוווּסט, ווי זען כ׳וואָלט אלץ,
און גיין צוריק — ווי א באשטראָפטער.
נאָר אויך אהיים איך אײַל זיך ניט,
איך מעסט די גאס מיט האלבע טריט,
כאָטש נעם אינמיטן וועג פארבלײַב...
דעם שטערן טויזנט מאָל איך רײַב,
נאָר גאָרניט קומט ניט אפן זינען,
דאָס ערשטע וואָרט — ניט צו געפינען,
דעם עכטן טערעץ פאר דער מאמען,
פאר צופיל זיך באַם שאָכן זאמען...
און אויב איר זאָגט מיר צו צו שווײַגן,
וועל איך דערציילן אײַך בעסאָד:
ס׳איז שווער געווען דער מאמען לײַגן,
און אָט די זינד ווי צו פארבײַגיין,
שוין בא דער טיר, באַם לעצטן טראָט,
ארויסגעזאָגט צי אײַנגעאָטעמט:
ביז גאָט וועט העלפן, העלף מיר גאָט!
הײַנט, ווי וואָלט איך געוואגט איר זאָגן,
צי קומען זיך פאר איר באקלאָגן,

אז פאַר א פאַרביק קנײַלכל בײַוול
כ׳האָב זיך געראַנגלט מיטן טײַוול,
און שלאָגנדיק זיך מיטן סאָטן,
איז בײַקומען אים ניט געראָטן.
ווײַל ס׳האָט דער סאָטן ברוינע צעפּלעך
און דורכזיכטיקע אויגן־לעפּלעך,
און פינגער — האַרטע ווי די דראָטן,
און אָפּנעמען מיט גוואַלד — פאַרבאָטן.

נאָר מעג מיך ביידע וועלטן קאָסטן,
אַף איר איך האָב זיך פאָרט פאַרמאָסטן,
מײַן ברוסט מײַן ייִנגלשע גענע׳נט
צו אירער און מיט ביידע הענט
זי צוגעדריקט צום זעלבן טויער,
ווו זי שטייט איצט. ביז הײַנט מײַן אויער
איר שווערן אָטעמען נאָך הערט —
אַזויפיל האָט זי זיך געוועהרט.
דאָס קנײַלכל ליגט פאַרשטײַפּט אין קלעמען.
בא איר פון האַנט אים אָפּצונעמען,
ווי בא דער ערד — דעם אויצער גאָלד,
וואָס כ׳האָב מיט אים זיך אויסגעמאָלט
די שטוב, די מאַמע צו דערפרייען.
נאָר אויב דעם אויצער כ׳האָב געוואָלט,
פאַר אַלץ איר ווערן זאָל באַצאָלט —
פאַר הונגער, נויט, פאַר אַלע ווייען, —
צום קנויל געגלוסט האָב איך אײַנצווייען...
צוערשט, אויס גײַווע, זיך באַמיט
איר פויסט צעקלעמען מיטאַמאָל,
נאָר נעם צעקלעם א שטיקל שטאָל,
זי האָט איר אויצער טרײַ געהיט,
ווי זיך פאַרשוואָרן: איינמאָל — ניט!

און פּלוצעם זע איך: אירע אויגן
זיך האָבן מיט א טוי פאַרצויגן,
ביז בלוט פאַרביסן איז איר ליפּ,
און כ׳האָב דערהערט א שטילן כליפּ —
אַף האַלב — א זיפץ, אַף האַלב — א הוסט
פון סאַמע ברעטלדיקער ברוסט.
דאָס פויסטל שטאָל איז בלוי געוואָרן,
און כ׳האָב דעם גאַנצן לוסט פאַרלאָרן
צום פאַרביק־פרעמדן קנײַלכל בײַוול —
דערפילט ראַכמאָנעס צו דעם טײַוול,
וואָס אויג צו אויג מיט מיר ער שטייט,
און כ׳האָב פּאַמעלעך אָפּגעשיידט
צוערשט פון פויסט איר גראָבן פינגער,
דער צווייטער איז געגאַנגען גרינגער;
דערנאָך — דעם דריטן, ביז צום קלענסטן,
און, ווי מיר האָט געדאַכט, דעם שענסטן.
נאָר ווען געווען איז שוין דער קנויל
דער פאַרביקער בא מיר אין האַנט,
האָט זי זיך עפּעס ווי דערמאַנט,
און ס׳איז דער שעד געווען ניט פויל
א כאַפּ טאָן אים אין האַנט אין לינקער
און, פון א בליץ, מיר דאַכט זיך, פלינקער,
אין בוזעם אים אַראָפּגעלאָזט,
אין רונדן אויסשניט בא איר האַלדז, —
און דאָ האָט זיך פאַרענדיקט אַלץ.
איר פויסט — געבליבן א צעקלעמטער,
און איך — אַף אייביק א פאַרשעמטער, —
אזוי האָט דעמלט מיר געדוכט, —
און פאַר ביזאָיען צי פאַרדראָס,
האָב איך דעם פרויען־מין פאַרפלוכט,
געמישפּעט אויסראָטן דעם מין
פאַר דעם פאַרבאָרגענעם „אהין“,

ווּהין אַרײַן איז מיר פאַרוואַרט,
פאַרגעסנדיק אינמיטנדרינען,
אַז אויך די מאַמע איז דערינען —
אויך זי צום פרויען־מין געהערט.

8

און ווען מע פרעגט מיך: נו, און גאָט —
פאַר אים האָסט ניט געהאַט קיין מוירע?
פאַר זײַן געבאָט און פאַר זײַן טוירע? —
וועל איך אײַך זאָגן נאָך אַ סאָד,
אַז פון דער סאַמע קינדהײַט אָן
ער פלעגט אין מיר קיין שרעק ניט וועקן.
כ׳האָב ניט געגלייבט, ער האָט אַ שטעקן,
אַז ער וועט עפּעס שלעכטס מיר טאָן.
ווײַל איך האָב זיך אַזוי געטראַכט —
אויף גרויסע שפּרייט ער אויס זײַן מאַכט,
נאָר ס׳איז פאַר גאָט אַליין אַ זינד
זיך צו פאַרטשעפּען מיט אַ קינד.
מיר פלעגן קומען אויף זיך
אַזעלכע זינדיקע מאַכשאָוועס:
אויב פאַר דער מאַמען שולדיק כ׳בין —
אַרײַנמישן זיך אים ניטאָ וואָס.
און וואָס איז שײַעך מיר און דער,
וואָס הייסט אין געסל „ברוינער וויכער",
בין איך געוועזן קימאַט ווי זיכער —
ער טראַכט ווי איך, און איך ווי ער.

כ׳האָב שוין געמיינט — אַ סאָף, אַן עק,
אַז כ׳בין שוין, דאַכט זיך, אויף אַ וועג:
צו איר זיך שטעלן מיטן רוקן,

אפילע אין איר זײַט ניט קוקן,
און כ׳וועל אף אלע, אלע יאָרן
זי אויסמעקן פונעם זיקאָרן.
נאָר הערט א שײנס, וואָס קאָן פארלויפן:
אין גאס — פון אלע, אלע הויפן
איז אירער גראָד מיר מער געפעלן.
פארשטײט זיך, ניט זיך אָפּצושטעלן,
נאָר מיט א בײזן בליק, א קאלטן
ארײַנצוקוקן דורך די שפּאלטן,
אז זי ניט וויסן זאָל דערפון;
און דורכגײן אָט דעם זעלבן טויער,
וווּ איצט זי שטײט, באַשיצט פון זון,
מיר גיט זיך אויס, צופיל געדויערט.
הײַנט ווײפל מאָל באטאָג, באנאכט
מײַן וואכיק־קינדעריש געדאכט
געמאָלט האָט זי אין שטוב, אין דרויסן,
צו זיך דערנע׳נט און אָפּגעשטויסן...
מיט דעם כ׳וואָלט שאָלעם שוין געמאכט,
האָט אָבער עפּעס א ניט־גוטער
א בײזן שפּיצל צוגעטראכט —
מיר אלץ צעפּלאָנטערט און פארביטן:
אָט קומט מיר, דאכט זיך, פאָר די מוטער,
אף מיך פון אלדאָסבײז פארהיטן,
און פּלוצעם כ׳זע אויך זי אינמיטן.
און זײער כילעק צי פארגלײַך ·
איך שעם זיך אויסזאָגן פאר אײַך,
ווײַל, ערשטנס, זעט איר, זי שטײט דאָרט
מיר פּונקט אנטקעגן בא דעם טויער,
און ס׳קען, כאָלײלע, מײַנס א וואָרט
דערגרײכן צו איר וואכן אויער.
און, צווײטנס, כ׳מאך פון דעם א שוויַיג,
ווײַל פון אזא מין שווער פארברעכן

זיך קאָן נאָך נעמען אונטערברעכן
אהינטער מיר די דיקע צוויַיג...
נאָר ניין, דער בוים איז גאַנץ געבליבן,
די צוויַיג — זיך ברעכן ניט געקליבן.
דערפאַר האָט זיך, ווי אָנגעשפּאָלטן,
אין מיר דאָס האַרץ, און ניט געגאָלטן
האָט מער קיין טרייסטן זיך אַליין.
געדריקט האָט אויפן האַרץ א שטיין,
און ניט געקאָנט האָב איך פאַרשטיין,
וואָס טוט זיך עס: איך זינג, צי כ'וויין...
אין האַרץ דערפילט האָב איך אַן ענגשאַפט,
אַן ענגשאַפט און א שאַרפע בענקשאַפט,
א בענקשאַפט און א ציִעניש,
זיך אומקערן אהיים א מיִעניש,
ווי גלײַך געוועזן וואָלט איך ניט הי,
נאָר ערגעץ ווײַט, פאַר זיבן יאַמען.
און אויב ניט פאַלן אויף די קני
מעכילע בעטן בא דער מאַמען,
וואָלט עס באַטײַט ניט אַנדערש, ווי
איר זאָגן: מאַמע, ס'איז דײַן זון,
פון הונגער און פון הייסער זון,
א ביסעלע אראָפּ פון זינען, —
צי ווערטער אַנדערע געפינען,
איר צוזאָגן, א ניידער נעמען:
כ'וועל קיינמאָל מער דיך ניט פאַרשעמען —
ס'וועט קיינער מער דײַן אָרט פאַרנעמען.

9

ביז הײַנט איך ווייס נאָך ניט אויף קלאָר,
וואָס דעמלט האָט מיט מיר געטראָפן:
צי פון דער היץ כ'בין אײַנגעשלאָפן,

צי כ׳האָב געכאָלעמט אף דער וואָר.
נאָר פארגעדענקט האָט זיך ביז איצט —
א בוים געשלאָגן פון א בליץ,
און אף זײַן צווײַג א ייִנגל זיצט
אין בלויען העמדעלע פון ציץ,
פון אָפּטן וואשן אויסגעבלייכטן,
די הייזלעך — קוים די קני דערגרייכן,
פון קני ביז קנעכל — באָרוועס־ברוין.
אריבער קאָפּ — די זון טוט בראָטן,
און ס׳איז קיין שוץ פון בוים די קרוין,
ווײַל זון־געוועבט איז אויך זײַן שאָטן.
די וועלט — פון עק ביז עק, — זי גליט,
ווי ס׳וואָלט די זון זי אָנגעצונדן,
און פונעם אויג מיר ווערט פארשוווּנדן
מיט פוילע לאנגזאמיקע טריט
אָט די, וואָס כ׳פלעג פון איר שוין ווײַכן —
מײַן קעגנערן און אויך מײַן גלײַכן.

פון גרויס פארדראָס צי קינדער־צאָרן
אראָפּגעלאָזט האָב איך די אויגן,
נאָר ווען כ׳האָב זיי צוריק געעפנט
און אף גאָטס וועלט זיי אופגעהויבן, —
כ׳האָב שיר דאָס גלײַכגעוויכט פארלאָרן,
שיר פון דער צווײַג אראָפּגעפלויגן,
און פרעג פארוואָס — וועט איר ניט טרעפן,
און זאָגן אײַך — וועט איר ניט גלויבן.
איר וועט א טראכט טאָן, ס׳איז א ליגן,
ווײַל נאָר אין כאָלעם, נאָר אין טרוים
קאָן אין אן אופבראָך פון א בוים
א זילבערנע מאטבייע ליגן,

נאָר זי איז אָבער פאָרט געלעגן,
ווי אָנגעגרייט פונמיי̆נעטוועגן.
און בא דער מאמעס קאָועד כ׳שווער —
כ׳האָב זי אליין אין האנט געהאלטן.
איר רונדן זילבער — הארטן, קאלטן —
געפילט כ׳האָב אף דער דלאָניע שווער.
א ווײַל געבליבן כ׳בין פארקישעפט,
געייצעט זיך און זיך געיישעווט,
און זיך געשלאָגן מיט דער דייע:
ווי קומט אהערצו אף דער צווײַג
אָט די לעוואָניקע מאטבייע?
ניט שוין האָט א געהיימע האנט
געבראכט זי מיר פון אויצרעס־לאנד?..
ס׳האָט ווי א פויגל אין א שטײַג
מײַן הארץ אין ברוסטקאסטן געפלאטערט...
פון הונגער און פון היץ פארמאטערט,
און וועלנדיק וואָס גיכער ברענגען
די גוטע בסורע צו דער מאמען,
כ׳בין מיטן אויצער שוין צוזאמען,
וואָס האָט מיר אָרנטלעך געהערט,
געבליבן אינדערלופטן הענגען —
צעווישן הימל און דער ערד...
דער ערשטער קלער — אז פארן נאקן
האָט עמעצער געמוזט מיך פאקן,
בא מיר דעם אויצער אָפצונעמען,
די פינגער איינציקווײַז צעקלעמען,
ווי איך האָב עס געטאָן אליין
מיט איר — דער שוואכסטער פון די פרויען;
דער צווייטער קלער: ס׳איז א ניסאָיען,
וואָס שווער געוועזן אים בײַצושטיין;
דער דריטער — ס׳איז דאָך א געפינס,
געלעגן העפקער אינעם גרינס.

15*

און דאָך האָב איך איין אויגנבליק
געקלערט אים אומקערן צוריק...
נאָר אָט דאָס גאַנצע קלערעניש,
דאָס ווילעניש און ווערעניש
ניט מער געדויערט פון אַ בליץ —
ביז ס'האָט דאָס העמדעלע פון ציץ
אָף צוויי געגעבן זיך אַ ריס, —
און כ'פיל די ערד אונטער די פיס.

פאַר אַלעמען און מיר אַליין
געווען מיַין אויצער איז אַ רעטעניש.
פון סאַמע פרי ביז זון־פאַרגיין —
פון רעטענישן אַ געדרעטעניש.
און יעדעס מאָל — אַן אַנדער מין,
און יעדער זאַך — אַן אַנדער כּיין:
איין זאַמד — די הון מיט אירע הינדעלעך,
איין שטוב — די מאַמע מיט איר קינדער־יאָך,
אַ גאַנצן טאָג — מיַין ליידיקגיין,
נאָר מער פון אַלץ — ניט צו פאַרשטיין
און לאַנג געבליבן איז אַ רעטעניש
דאָס פּלוצעמדיקע שוועל־באַטרעטעניש,
דאָס אופגעלויף פון אַלע שכיינים —
פון אַלט ביז יונג, פון גרויס ביז קליין,
וואָס ביז אהער פון זיי איז קיינעם
ניט איַינגעפאַלן צוצוגיין
אַ סאָד דער מאַמען צו פאַרטרויען:
ס'איז עפּשער, סאָרע, איַיך אַ נויט,
צי פעלט די קינדער ניט אָף ברויט, —
ס'איז ניט, כאָלילע, קיין ביזאָיען...
ס'האָט קיינער זיך געטאָן קיין ריר,
און איצט זיך מאַכט ניט צו די טיר.

ניט שוין דאָס אַלץ איז צוליב מיר?
פאַרשיידן פירן זיך געשפּרעכן:
דער זאָגט — אַ גליק, דער — אַ פאַרברעכן,
ווײַל עפּעס איז צו גלייבן קוים,
אַז ס'וואַקסן אויצרעס אויף אַ בוים.
און איך — איך שטיי אין הויף, אין דרויסן,
און מיט אַן אויסזען פון אַ גרויסן,
אַהינטער רוקן ביידע הענט,
איך קוק, ווי אינעם אויוון ברענט,
ווי ס'לויכטן זיך אין שטוב די ווענט,
און פונעם קוימען גרייכט דער רויך
ביז צו דעם הימל אין דער הויך...

נאָר מיר, בײַ מײַנע קנאַפּע יאָרן,
איז פּלוצעם טרויעריק געוואָרן,
דאָס האַרץ, וואָס האָט געגרויסט זיך ערשט, —
ווי גלײַך אַ שרעק וואָלט עס באַהערשט:
דער רויך נעמט אין דער הייך צעגיין,
און איך בלײַב אייניקער אַליין
אין שטילן הויף, דעם פּוסט־געוואָרענעם,
אין אָוונט־טונקלקייט פאַרלאָרענעם,
און וואַרט — אַ וווּנדער זאָל געשען:
אַז לעבן מיר זאָל איך דערזען
אָט די, וואָס מאַכט, אַז אירע טריט
כ'זאָל אויף דער צווייטער גאַס דערהערן,
אָט די, וואָס קומט מײַן לערנען שטערן
און שטערט נאָך מער, ווען זי קומט ניט.
אָט די, וואָס אירע צעפּ אין סטענגען
באַם סאַמע לענדן־בראָך איר הענגען, —
אויף איר אַ צײַט האָב איך געוואַרט,
געוואַרט, געוואַרט, זיך ניט דערוואַרט...

ווײַזט אויס, ס'האָט עמעץ זי פֿאַרשפּאַרט
פֿון מיר אַף זיבן שלעסער־אײַזן,
וואָס מיט קײן שליסלען אופֿצושליסן,
זי זאָל זיך מער פֿאַר מיר ניט ווײַזן,
די בסורע מיר ניט לאָזן וויסן,
אַז איך באַדאַרף זיך גאָרניט זאָרגן —
דאָס קנײַלכל ליגט פֿאַר מיר פֿאַרבאָרגן,
נאָר אים אָנשטאָט מיר אונטערטראָגן —
זי מוז זיך אין געפֿענגשאַפֿט פּלאָגן.
און איך האָב דאָך געוואָלט איר זאָגן
אײן וואָרט: „מײַן אוצער", און ניט מער...
נאָר ניט געזאָגט זײַנען די ווערטער,
און כ'בין אוועק צוריק אין שטוב,
ווי עמעץ וואָלט מיך נאָכגעשטופּט.
דער קאָפּ — פֿאַרנייגט, אַ טיף־פֿאַרקלערטער,
אין האַרץ — אַ יאָמטעוו אַ פֿאַרשטערטער.

10

אַף דעם וואָלט זיך דער טאָג פֿאַרענדיקט.
פֿאַרענדיקט אײנמאָל און אַף שטענדיק,
איז הערט אָבער אַזאַ מין שטראָף —
דער סאָף, קומט אויס, איז ניט קײן סאָף.
ווײַל פֿונעם קנײַלכל יענעם פֿאַרבײַקן,
אין פּויסטל קינדערשן און האַרבײַנקן,
דאָס קנײַלעכל, וואָס אין געהיים
גערופֿן האָב איך קינדהײַט, הײם, —
האָט זיך אַ פֿעדעמל געצויגן,
אַ האָר די דין אַ רעגנבויגן,
פֿון דאַן — ניט אַלעמאָל אַ בלענדיקער,

אָף הונדערט קניפּלעך א פֿאַרקניפּלטער,
וואָס יעדעס מאָל, צום מאָל צום וויפּלטן,
ביז הײַנט — שווין מיט א קאָפּ א ווײַסן —
ניט אופקניפּלען, ניט איבעררײַסן.

פעוורואַל—מאַרט 1960

די באַלאַדע וועגן דעם, פון וועמעס־וועגן עס שיינט די זון און ס׳גייען רעגנס

ערשטער טייל

א קינד בא אונדז — וואָס ווייסט עס פון קייסאָרים
מיט גאָלד׳נעם ערדקיילעך אין רעכטן אָרעם,
און אין דער לינקער האנט — דער הערשאַפט־שטעקן,
וואָס שרעקלעכע דערמאָנונגען טוט וועקן?
נאָר זייער טוונג וויסן איז קעדיי,
ווייל שלעכטס און גוטס זיי גייען ניט פארביי,
נאָר דאָר מיט דאָר דורך זיי זיך רופן איבער, —
דעריבער צו דער מייסע כ׳גיי אריבער.

אזוי ווי כ׳האָב געהערט, אזוי דערצייל איך:
אמאָל געלעבט האָט אף דער ערד א מיילעך.
פון וועלכן לאַנד — דערפאַר בין איך ניט אָרעוו,
נאָר איינס איך ווייס, אז ער געמאכט האָט כאָרעוו
אזויפיל דערפער, שטעט און קיניגרייכן,
אז שווער ביז היינט געפינען אים א גלייכן.
פונדעסטוועגן האָט דאָס אים ניט געשטערט
באַרימט צו ווערן איבער גאָר דער ערד,
און איבער אָקעאַנען ווייט ארום
זאָל, ווי אף פליגלען, טראָגן זיך זיין רום:

אז ער, דער גרויסער מאן און בראַווער קייסער,
די שפּראַך פון פויגלען און פון כייעס ווייסט ער
און נאָך אזעלכע שיינע רימערייען...

קאָן זײַן, אַז ער מיט זײַן געשאַרפֿט קלײזײַען
געקאָנט האָט ווילדע כּײַעס צווינגען זינגען,
און פֿױגלען די געזאַנגען ליבן צווינגען.
דערווײסן זיך איז אונדז דאָס ניט געראָטן,
און ווי מיר ווײסן ניט — וועט אונדז ניט שאָטן...

און צוגעבן איך דאַרף: די מײַסע האָט געטראָפֿן
אין וועלכער זײַט איר ווילט, נאָר ניט אין צאָפֿן.
דער צאָפֿן איז נאָך דאַן געווען אַ סאָד
פֿאַר אַלע יענע לײַט, כאָטש העראָדאָט
האָט עפּעס יאָ געזאָגט פֿון צאָפֿן־קאַנט,
כאָטש זײער ווײניק־וואָס געווען באַקאַנט
מיט אים... אַכוץ נאָר טונקעלע באַגריפֿן
פֿון הױכע, בלאָנדע סלאַוון און פֿון סקיפֿן,
וואָס האָבן זײער לאַנד און זײער קעניג
און קײנעם זײַנען זײ ניט אונטערטעניק,
אַז לעבן לעבן זײ געראַם, ניט אָרעם, —
ווײַזט אױס, די מײַסע איז געשען אין דאָרעם,
וווּ ס׳האָט געהערשט אָט יענעם מײלעכס אָרעם...

דער מײלעך, וועגן וועלכן איך דערצײל אײַך,
אַמאָל דערפֿילט האָט ער זיך גאָרניט פֿרײלעך,
פֿאַרשאַט האָט אים אַן איבעריקער ביסן,
וואָס שווער געווען איז אים שוין צו פֿאַרדײַען,
צי אים געפּלאָגט האָט זײַן געוויסנביסן, —
דאָס אַלץ איז נאָך ניט אױסגעקלאָרט אַדהײַעם,
נאָר אײנס איז קלאָר: דער מײלעך האָט באַשלאָסן
אין אײנעם־שײנעם טאָג זײַן שטאָט פֿאַרלאָזן
און לאָזן זיך אין וועג. וווּהין? — ניט פֿרעג.
ניט פֿרעג, אױף ווײפֿל נעכט און ווײפֿל טעג
דער מײלעך האָט זיך אָנגעטרויט דעם וועג.

פאַרשטייט זיך, ניט אַליין... אַ מיילעך פֿאָרט,
איז פֿאָרן מיט אָט די, וואָס יעדעס וואָרט,
וואָס זאָגן ער באַוויליקט, — זיי פֿאַרשרײַבן,
דאָס וואָרט דעם מיילעכס זאָל לעדוירעס בלײַבן.
ווײַזט אויס, אַז אָט אַזוי איז אויך פֿאַרבליבן
די דאָזיקע געשיכטע — זיך דערקליבן
ביז הײַנט...

דער מיילעך רײַט און אים באַגלייטן
גיבוירים איינס אין איינס — פֿון לינקס און רעכטס, —
נאָר ס'זאָל דעם מיילעך ניט געשען קיין שלעכטס, —
אויך זײַנע היטער היטן איינס דעם צווייטן.

אַזוי האָט אָט דער קייזערלעכער צוג
נאָך לאַנגן אומוואָגלען דערגרייכט אַ מ'דינע,
וואָס צאָלט דעם מיילעך צינש און טוט אים דינען
אויב ניט פֿאַר גוטן ווילן, איז פֿאַר שרעק.
דער מיילעך, מיד און הונגעריק פֿון וועג, —
אַ ווונק געטאָן אויף רעכטס: זאָל זײַן געגנוג.
אויף לינקס געטאָן אַ קוק: דאָ שטעלט זיך אָפּ,
און איז פֿון טאַנצנדיקן פֿערד אַראָפּ.

נאָר דאָ האָט ער דערזען אינמיטן פֿעלד
אַ מענטש האַלב־באַקעטן. די הויט — פֿאַרגעלט
און אויסגעמאָגערט־דאַר, כאָטש צייל די ריפּן,
נאָר עפּעס שאָרכט ער, פֿליסטערט מיט די ליפּן.
דער קייסער האָט אים צוגערופֿן: זאָג,
ווער ביסטו? פֿאַר דײַן הערשער זיך באַקלאָג,
אויב עמעץ האָט באַגוולט דיך. ניט ווײַט,
אַז שולדיק גראַדע זײַנען מײַנע לײַט
אין אָט דעם אויסזען דײַנעם, — זאָג מיר, מענטש,
וואָס מורמלסטו? דו שילטסט מיך, צי דו בענטשסט?

— צי שולדיק זײַנען דײַנע לײַט, צי דו —
איך װעל ניט בענטשן דיך און אויך ניט פֿלוכן.
איך װינטש דיר נאָר: ניט האָבן זאָלסט קיין רו,
זאָלסט אומעטום אין מענטש זײַן גרויסקײַט זוכן,
ביז דיר װעט קלאָר װערן, װי קליין ביסטו.

אין מײלעך האָט א קאָך געטאָן דאָס בלוט,
און ס'װאָלט דער אלטער ענדיקן ניט גוט.
נאָר ס'האָט א קוק אזא פֿארמאָגט דער זאָקן,
אז ס'האָט דער מײלעך זיך פֿאר אים דערשראָקן;
און עפּשער, װײַל ס'איז מינדער פֿון זײַן װערט
צו זען דעם אלטנס בלוט פֿאר זיך אף דר'ערד;
און עפּשער — צו דעם ציל, װאָס ער װיל גרייכן,
װאָלט אָט דאָס בלוט געװען א שלעכטער צייכן, —
אזוי צי אנדערש — איינס נאָר זיכער איז:
דער מענטש געבליבן שטיין אף זײַנע פֿיס,
מיט זײַנע פֿולע יאָר און גרויע האָר...
דער אלטער שטייט און רויִק זעצט ער פֿאָר:
— און זוכן זאָלסט די גרויסקײַט צװישן יעניקע,
װאָס דו פֿארעכנט האָסט פֿאר אונטערטעניקע...
און אז דײַן זײַן זײַן דאָ, מײלעך, כ'זאָל געדענקען —
װאָלסטו מיר, עפּשער, א מאַטאָנע שענקען.
— ביסט אָרעם, מענטש?
— כ'בין אָרעם און כ'בין רײַך.
אין דעם צו דיר, מײַן הערשער, בין איך גלײַך.
— ביסט נאקעט, מענטש?
— קעדײַ דיר װיסן טאָן:
אין קלייד — מײַן הערשער ביסט, מײַן גלײַכן — אָן.
כ'בין דאָך געקליידט און נאקעט מיטאמאָל,
און דו — אויב טראַכסט א קלייד מיר אָנצוטאָן —
װעסט מוזן לײַען בא דער שאָף איר װאָל,
און לײַען — גלײַך, װי דו, מײַן הערשער, קען איך.
— איך קאָן דיר שענקען ערד.
— ניט דײַנע, קעניג.

ווי קאָנסטו נעמען ערד און געבן מיר?
אנו, קאָרשט פּרוּוו פון אָרט זי גיב א ריר.
— איך קאָן מיט גאָלד און זילבער דיך באשיטן,
א בארג דיר אָנשיטן, ווי דו די גרויס.
— דו, מיילעך, נעם און פּרִיער מעסט מיך אויס,
ווײַל ס׳קאָן דײַן גאָלד זיך אויסשעפּן אינמיטן.
ווײַל מיך — אין א פּארקלענער־גלאָז דו זעסט,
ווײַל מיך — מיט א פּארקלענער־מאָס דו מעסט...
וואָס דארף איך פון געשענקטן גאָלד דעם בארג?
די ערד, וואָס אונטער בארג, איז מיר דען קארג?
ס׳איז דאָרטן אָרט פארביידן אונדז גענוג.
ווּעסט מיר ניט זאָגן: מענטש, זיך טו א רוק,
ווײַל איך, דער מיילעך, דארף אהער ארײַן, —
פאר ביידן אונדז די זעלבע מאָס וועט זײַן...
— נו, זאָג שוין ווײַטער, דײַן געדאנק פיר אויס.
דו מיינסט, מײַן הארץ וועט געבן מיך א שטויס,
כ׳זאָל די מעלוכע צו די פּיס דיר ווארפן?
— וואָס זאָל איך, מיילעך, זאָגן דיר דערוף?
ווי נאָר פון אָט דעם קיווער כ׳וועל ארויס
(דערבײַ האָט ער באוויזן אף זײַן גוף), —
וועל איך קיין פרעמדן קיניגרײַך ניט דארפן.

— איז וואָס זאָל איך דיר, מענטש, פון אייגנס געבן —
פון ניט־אנטלִיענעם און ניט פון רויב?
— קיין אייגנס האָסטו ניט? — איז שטעל זיך נעבן
און זאָג: מיר שטאמען פון דעם זעלבן שטויב
און ביידן גלײַך אונדז לײַכט דער זעלבער שטערן.
נאָר זאָג אזוי, דײַן כאַיל זאָל דיך הערן,
דערנאָך באפויל די פויגלען אף די צווײַגן,
זיי זאָלן דײַנע ווערטער ניט פארשווײַגן
און אף די לײַכטע פליגלען ווײַט ארום
צעטראָגן זאָלן זיי דײַן נײַעם רום, —
ווּעסטו מיר, עפּשער, דעמלט יאָ געפינען

אזוינס, וואָס מיר זאָל פאר א צייכן דינען,
אז אין דײַן אויג איך האָב אַרײַנגעקוקט,
פאר דיר געשטאנען און זיך ניט געבוקט...

— רוף אָן אלײן, מײַן רײַך — ניט אויסצושעפּן.
— באַווײַליק און אומשטערבלעכקײַט מיר שענק...

— איך האָב דאָך נאָרוואָס דיר געשענקט דאָס לעבן —
האָסט ניט באַמערקט? מיר דאכט, ס'איז גאָרניט ווײַניק...
— ס'איז דײַן מאַטאָנע דאָך געגליכן, קיניג,
צו דעם, וואָס שעפּט אָן וואסער פונעם טײַך,
גיסט אויס צוריק און זאָגט: דעם טײַך כ'מאַך רײַך.
— ווילסט אייביק לעבן — אייביק זײַן פארשקלאַפט?
— דו מיינסט, אז אייביק איז דײַן הערשערשאַפט?
דײַן כאַיל — דײַנע פוסגייער און רײַטער —
דו מיינסט, אז זיי האָבן דײַן סאָף דערווײַטערט?
מיט זיך פארשטעלט? פון דיר אים אָפּגעשטויסן?
די אוצרעס גאָלד, וואָס דו האָסט אָנגערויבט,
דײַן שווערד, וואָס איז בא דיר אזוי באַגלויבט, —
זיי וועלן זיך ניט אויסשפּרייטן אין דרויסן,
אָף אָפּהיטן דײַן צעלט, דײַן שוועל, דײַן טיר —
קעדיי דײַן סאָף ניט צולאָזן צו דיר...

נאָר זײַ מיר מויכל מײַנע הארבע רייד.
וואָס האָב איך נאָך אין לעבן פאר א פרייד,
כוץ מאכן פול אן אויער, וועלכער דאָרשט
צו הערן, זעטיקן אן אויג, וואָס פאָרשט,
א הארץ, וואָס איז פארשלעפּערט, — אופצוּוועקן?
נאָר אויב, מײַן מײַלעך, וועסט ניט האָבן קעגן, —
זאָל זײַן אָט דאָ די גרענעץ פאר מײַן פרעגן,
מײַן ענטפערן — אַרײַן זאָל אין די ברעגן,
ווײַל קאָרג און אויסשעפּלעך איז מײַן פארמעגן...
און דו, מײַן הערשער, הונגעריק דו ביסט,
דיר שמעקט דאָס שפּײַז. איך גיי, און זײַ געגריסט.

אוועק דער אלטער און זיך ניט פארבוקט,
אוועק דער אלטער — זיך ניט אומגעקוקט.
א הונדערט שפאן, ווען ער איז אָפּגעטראָטן —
דאָס פלייש פון קאלב געווען איז האלב־געבראָטן.
און ווען אין ווייט געבליבן פון אים האלב —
געווען שוין רויט־געבראָטן איז די קאלב.
און ווען דער אלטער איז פון אויג אנטרונען —
האָט שוין דער זאפט פון קאלב אין מויל גערונען...
א מאָלצייט בא א מיילעך דויערט לאנג.
דעם מיילעך האָט געבויערט א געדאנק:
פונדעסטוועגן האָט מען באדארפט פארשרייבן —
אויך זיינע רייד לעדוירעס זאָלן בלייבן.
און ס'זיינען טאקע ביז צו אונדז דערגאנגען,
אויב ניט די רייד, איז אייניקע געדאנקען.

דער מיילעך פאָרט. דער וועג, ער ציט זיך ווייטער.
פון לינקס און רעכטס — די זעלבע וואך פון רייטער,
די זעלבע פענעמער, דער זעלבער סיידער,
דאָס זעלבע וויגן זיך פון פערד, וואָס איידער,
וואָס פריִער, פאָר... ווייל וואָס האָט דאָ געטראָפן?
לענגויס — דער וועג איז זוניק, זאמדיק, אָפן,
און כוץ דער וואך, וואָס איז געשיקט פאָרויס,
קיין אייגער פאָר אים רוקט זיך ניט ארויס,
אפילע אף קיין האלבן פערדן־קאָפּ,
דעם האסטיקסטן גאלאָפּ זיי שטעלן אָפּ,
צוריקצוקומען אפן אָרט, דאָס הייסט:
ווי פריִער, יעדערער זיין פלאץ ער ווייסט...
און אים, באם מאָלצייט, האָט זיך שוין געדאכט:
דער אלטער האָט מיט זיך אריינגעבראכט
אין כאיל א צערודערונג, אויב ניט
צעווישן די, וואָס ציילן זיינע טריט
און פון גאנצפרי זיי שמייכלען אים אין פּאָנעם,

איז צווישן די, וואָס קײנמאָל קוקן אָן אים...
דער צוג זיך ציט. און רײ דער מײלעך פאָרט.
ער פאָרט און טראַכט און, טראַכטנדיק, זעצט פאָר
פאַר זיך א ניט־פאַרענדיקטן געשפּרעך —
ער טאַדלט זיך אַלײן, גיט אָפּ זיך רעכט.
ווען עמעצער וואָלט זען דעם מײלעכס העגט:
די לײצעס, ווי ער צוקט, ציט אָן די צוים,
פאַרשטײפּט אין פויסט, דערנאָך לײזט אוף זײ קוים, —
ער וואָלט מיסטאָם דערצײלן אונדז געקענט
פון די געדאַנקען זײנע דאָס געשטויס,
כאָטש שטיל ער פאָרט, קײן וואָרט ער רעדט ניט אויס.
די דינער שטאַרק זיך וווּנדערן דערוף:
פאַרוואָס מע הערט ניט אַפּן וועג זײן רוף,
ניט זײן אַרויסרוף יענע טײלן וועלט,
וואָס ער האָט אָף די קני נאָך ניט געשטעלט;
און מיט זײן פײל פאַרוואָס ער וועקט ניט אוף
אין בוים דעם פויגל און דעם ווינט אין פעלד,
אין וואַלד די כײעס לאָזט ער הײנט צורו;
פאַרוואָס די אויגן אָפּט האַלב מאַכט ער צו,
די ליפּן — מער, ווי אַלעמאָל, פאַרקלעמט,
ווי ער אָן אינערלעכן קאָל פאַרנעמט,
וואָס אים פון זײ, די שמײכלער, אויסבאַהאַלט ער:
— נײן, נײן, איך אײנעם ניט גערעכט ביסט, אַלטער!
דו שרעקסט מיך מיטן סאָף, וואָס איז נאָך ווײט,
ווען דיר פאַרבליבן איז שוין ווײניק צײט.
איז ווי זשע זאָגסטו, אַז מיר זײנען גלײך?
ס׳שײדט אָפּ אונדז עפּעס מער, ווי ס׳קיניגרײך.
איך רײך מײנעם אָט דעם קאָנסט ניט אַרײן, —
פאַרשווּונדן ווערסט, ווען איך וועל זײן און זײן...
ער האָט זיך אומגערן פאַרקוקט אָף דר׳ערד,
פון דר׳ערד — צום הויכן רוקן פון זײן פערד,
וואָס איז מיט לעבעדיקן שווײס באַדעקט;
דער שווײס האָט אים פאַרשמעקט, אים אופגעוועקט,

און ער האָט זיך פאַרקוקט פון זיך און העכער —
האָט אים אַ ווינטעלע די האָר צעפּעכערט,
נאָר אָפּקילן אים ניט געקאָנט דעם קאָפּ...
דער מיילעך האָט זיך שוין געיאָגט גאַלאָפּ.
דער וועג איז גלאַט — ער טראָגט זיך מײַל נאָך מײַל,
ווי פונעם בויגן — אַ באַפרײַטע פײַל,
נאָך אים אַ שטויבעניש און אַ געוויטער,
אין זיי — די היטער און די היטערס היטער.
די רײַטוואָגנס זיך טראָגן, ווי די ווינטן,
די רײַטער זיך באַווײַזן און פאַרשווינדן,
די פּוסגייער — געבליבן ווײַט פון הינטן...

דער מיילעך יאָגט... ווי אַף אַזאַ מין אויפן
ער וואָלט געײַלט פון ערשטן טייל אַנטלויפן,
אָן קרײַזעניש אין וועג און אָן אַרומען
אין צווייטן טייל פון אָט דער מײַסע קומען.

צווייטער טייל

איז לאָמיר אים באַגעגענען געהעריק,
אַף נײַעם אָרט און צווישן נײַע מענטשן!
און גראָד, וואָס דאָס איז זייער לאַנג געווען שוין, —
דערציילן — אַי פאַרגרינגערט, אַי פאַרשווערט.
פּרווו זאָג, אַז יונג און אַלט — די גאַנצע שטאָט,
מיט פורכט באַם טויער אים באַגעגנט האָט, —
וועט טייקעף בלײַבן הענגען אינדערלופטן:
ווי גרויס איז זי, די שטאָט? די שטאָט ווי רופט מען?
צי איז זי ערגעץ דאָ נאָך אַף דער ערד?
צי האָט דער זעלבער מיילעך זי צעשטערט
נאָך דעם, וואָס ער האָט זיך דאָ אָנגעהערט,
פון אירע אײַנוווינער זיך אָנגעזען...
ווײַל, ווי מע זאָגט, איז דאָרט אַזוי געשען:
די כאָשעווסטע, זיך נאָענט צוגערוקט,
דער מיטלשטאַנד — געבייגט זיך און געבוקט,

די מערהײַט — פונדערווײַטנס אָנגעקוקט...

איז פאר דער טרעפעניש מיט יענעם זאַקן
וואָלט ער אױף דעם געקוקט, אזוי צו זאָגן,
ווי דורך די פינגער, ניט געלייגט קיין אכט
דערויף, נאָר איצט האָט אים זיך אויסגעדאכט:
די הינטערשטע — זיך האָבן אָפּגעריסן,
קעדיי אומיסטן אים ניט צו באגריסן,
נאָך מער: ער האָט דערקענט דאָ יענעם אַלטן,
דעם אַלטן — אין פארשיידענע געשטאַלטן,
נאָר דאָס, ווײַזט אויס, אים דאכט, ווײַל ער איז מיד.
דער אַלטער האָט געשפּאַנט — געציילט די טריט,
און ער האָט, ווי א דונער, זיך געטראָגן
(קאָן זײַן, קעדיי דעם אַלטן איבעריאָגן?)
ביז בלוט־בײַלן געשטײַפט די צוים אין הויפן
(דעם אַלטן אָדער זיך — דעם וועג פארלויפן?..)
ס׳איז דען געווען א וועג, ווי אַלע וועגן,
ווען איין האַלב וועלט, זי לויפט דיר אָן אנטקעגן,
אױף אָנטרעפן די העלפט, וואָס דיך באגלייט?
געווען דער וועג — דערמאָנונגען א קייט,
און ער איז איבער אָט דער קייט געפלויגן
מיט אָפענע און מיט פארמאכטע אויגן.
און כאָטש די ערד געווען איז פעסט און הארט,
דאָס פערד — אי רירעוודיק, אי אײַנגעשפּארט,
און ווײַט ארום — א קאַנט, דורך אים באהערשטער, —
ער האָט זיך ניט געפילט דאָ, ווי דער ערשטער,
נאָר ווי א פרעמדלינג, וואָס אנטלויפט פון סאָנים —
פון די, וואָס קיינמאָל קוקן זיי ניט אָן אים,
פון די, וואָס דאָ זיך האָבן אָפּגעריסן,
פונווײַטן שטייען — אים ניט צו באגריסן,
פון די, וואָס שווער איז איבער זיי צו קעניגן, —
ווער זײַנען זיי? וואָס ווילן זיי? נאָר ווידערשפעניקן?..

נאָר זאָל איך פּרוּוון ענטפערן דערוף,
צו זאָגן, וואָס זיי ווילן, ווען איך פּרוּוו —
וועט אײַנדערלופטן ווידער בלײַבן הענגען:
די אײַנוווינער פון שטאָט — וואָס טוען זיי?
א וועלכער טייל פארנעמט זיך מיט פאַרזיי
אין אייגן פעלד, אין פעלדער פרעמדע — וויפל?
און כ'וואָלט ניט קאָנען אײַך קיין רײַעס ברענגען,
פאר פּינקטלעכקײַט קאווירן וואָלט זײַן שווער אײַך,
נאָר סטאם אזוי־זיך — בעפלהאפט, אן ערעך:
אף וויפל זיך געשפּרייט האָט דאָרט א יאם —
געוועזן זײַנען דאָרט רײַזנדער מיסטאם,
און פּישער אויסגעשטײַגט אין יאם, אין שיפל;
אף וויפל פּיטער־פעלד געווען איז דאָרט ניט קארג,
און זון־באגילדטע גראָזן אפן בארג, —
אויך שאָף געווען איז דאָרט, מיסטאם, אין גאנג,
און די, וואָס שמידן אויס מיט צוואנג א צוואנג,
און קופּער־שמידער, שטריקער, וועבער, בויער,
די, וואָס דערגאנגען זײַנען נאָר ביז טויער,
און דאָ — זיך אָפּגעשטעלט באצײַטנס —
אף שטיין דאָ און אף קוקן פונדערווײַטנס.

און יעדערער, פארשטייט זיך, קוקט און זעט
לויט זײַן פארשטאנד און לויט דער בויט צי זעט,
וואָס הערשט בא אים אין שטוב, — ניט יעדע ווײַל
א מיילעך קוקט מען אָן... און טאקע ווײַל
אין לעבן עפּשער איין מאָל טרעפט אזוינס,
דעריבער פאר אלץ זעט מען דאָס געקרוינטס
אין אים, פון פאנצער שאצט מען אָפּ די ווערט,
פון אויער און ביז אויער בא זײַן פערד —
דער צירונג־באנד, אף ברייטער פערדן־ברוסט —
די פלאטן גאָלדענע, געשניצט מיט גוסט,

און שפּעטער ערשט, דערנאָך, שוין גאָר צולעצט,
לויט יעדערנס באַנעם, ווערט אָפּגעשעצט
אַליין דער מיילעך און די צאָל באַדינער —
די שמייכלער, שטרויכלער און די נעצן־שפּינער,
וואָס יעדערער צו זיך מעסט צו די קרוין...
נאָר מער פון אַלץ פאַרנעמט איצט דעם האַמוין
די אָפענע פאַרלאָרנקייט פון די,
וואָס יעדן טאָג פון יאָר — פון פרעמדער מי —
אַרום די ריפּן און אַרום דעם האַלדז
ווערט אָף אַ פינגער דיקער זיי דאָס שמאַלץ.
איצט קוקט אָן דער האַמוין און זיך פאַרווײַלט,
ווי יעדערער פון זיי זיך פלײַסט, זיך אײַלט
זײַן אונטערטעניקײַט צו אונטערשטרײַכן
און פאַרן קיניג — מיטן זאַמד זיך גלײַכן.

נאָר פּלוצעם איז געוואָרן אַ גערודער.
פון וועג דער מיילעך, ניט קיין אויסגערוטער,
פאַר זײַנע נאָענטע געלאָזט האָט הערן,
אַז ער איז גרייט דעם באָדן צו באַערן —
אַראָפּ פון פערד, דאָס האַרץ זיך אונטערלענען,
דעם דאָרשט צו שטילן און אויך צו דערקענען
פון לאַנד פון אונטערטעניקן די זיטן...
און באַלד געוואָרן איז דאָס פערד פאַרביטן
אַף טעפּיכער, געשפּרייטע צו די פיס
פון מיילעכס טאַנצנדיקן פערד און ביז
דעם רײַכן מאָלצײַט־טיש, דעם גיך־געגרייטן.
די טעפּיכער זיך וויקלען און זיך שפּרייטן.
דער מיילעך טרעט אַף זיי, נאָך אים — די דינער;
אינמיטן זאַמד־באָדן — אַ וועג אַ גרינער,
אין האַלבער ווייסטעניש — אַ בייט מיט קווייטן;

דער מיילעך ווענדט צו איינעם זיך, צום צווייטן,
נאָר זייער ענטפער לאָזט ער דורך פארביי...
און מיטאמאָל — ער הערט א קריגערייַ,
א לאָדעניש — אָף שפּראַך אָף אומבאקאנטער,
און ס׳ווערט דאָס טייַנען וואָס אמאָל געשפּאנטער,
אַלץ היציקער, פארפלאָנטערטער — די רייד,
און יעדערער דערווייַזן זייַנס איז גרייט.
ווי יעדערן פון זיי גייט אָן אין לעבן —
ס׳זאָל א גערעכטער מענטש גערעכט אים געבן,
צי אומגערעכט — זאָל דער געריכט באשליסן.
דער מיילעך ווערט שוין נייַגעריק צו וויסן:
וואָס קריגן מענטשן זיך אין אזא טאָג?
ווי קאָנען מענטשן וועגן זייערס טראכטן,
ווען ער איז דאָ? — מע דאַרף זיך ווייניק אכטן.
און ס׳האָט דער מיילעך באלד געטאָן א זאָג
צו זייַנע נאָענטע: בינדט אוף דעם קנויל
פון זייער לאָדעניש! איך בין ניט פויל,
קיין שפּייַז ניט קומען זאָל אין קיינעמס מויל,
ביז קלאָר וועט זייַן פון זייער קריג דער טאָך.
און פלייש, און ברויט, און וויַין — דערנאָך, דערנאָך!

אוועק די שפּייַזער — אופּאסן די שפּייַזן,
די ווייַנער — אויסגראָבן דעם וויַין באווייַזן —
דאָס שפּייַז — זאָל בריִען, און דער וויַין — זייַן קאלט,
דער וויַין, וואָס פינקלעך, ווי דער מיילעך, אַלט;
די פיירעס פונעם לאנד — פון אַלע עקן —
דעם קיניגלעכן טיש אָף צו באדעקן.
דאָס קיניגלעכע הארץ — אָף צו דערקוויקן,
דאָס קיניגלעכע אויג — אָף צו אנציקן...
נאָר ער, דער מיילעך, לייגט אָף דעם קיין אכט —

צו ריכטן א געריכט — זיך אָנגעטראַכט,
א לאָדעניש א פרעמדע — אופצוליייזן, —
זאָל דאָס צום גוטן זײַן צי נאָר צום בייזן?
נאָר ווער וועט וואגן אים צו פרעגן, אייצען?
מיט אייצעס ניט געפרעגטע — אים צו רייצן?
דערפאר פרווט איינער צושמייכלען פילדײַטיק,
א צווייטער — זיך באמיט צו האלטן זײַטיק,
און נאָר אָט די, דורך אים פאָרויסגעשיקטע,
געבראכט האָבן פאר אים די צוויי צעקריגטע.
מיט טײַנעס פול דאָס מויל איז בא זיי ביידן,
נאָר זיי איז ניט באפוילן נאָך צו ריידן.
פון פעלד געקומענע, נאָר גלײַך באנומען,
אז פאר א מיילער זײַנען זיי געקומען.
וואָס איז א מיילער אויסן — ווער קאָן וויסן?
זיי זעען: ארום זיי זיך קרײַזן שליסן,
און ס'ווײַזט און ס'טײַט דער מיילער מיט דער האנט
אף דעם האמוין, וואָס שטייט דאָרט, ווי א וואנט,
און דאָס באטײַט: איר אלע גייט צו נעענטער,
פון אײַך ארײַן אין קרײַז וועט נאָר א צענטער —
אף צו פארנעמען דאָ די ריכטער־פלעצער
(דאָס אלץ, פארשטייט זיך, זאָגט דער איבערזעצער),
די אלע טײַנעס זייערע הערט אויס
און א גערעכטן מישפעט טראָגט ארויס.
ניט טויט, ניט לעבעדיק די צווייען שטייען,
זיי שטייען ביידע, ביידע ניט פארשטייען:
צו וואָס האָט מען פארופן זיי אהער?
גערעכטיקײַט זיי זוכן און ניט מער.
וואָס וויסן זיי, כוץ שאָף און פעלדער־גיטער —
צו וואָס זשע איז די וואך, די אלע היטער?
צו וואָס האָט מען פארקלאָמערט זיי אין קרײַז,
און הינטער קרײַז — א צווייטער און א דריטער, —
איצט גיי און דײַן גערעכטיקײַט דערווײַז.

16–1660

זיי שטייען שטיל — צעעפנט מויל־און־אויער,
נאָר אָט האָט זיך צעפּראלט אין קרייַז א טויער
און ס׳קומען אָן די צענטע לייַט — די ריכטער,
און אלע — מיט פארשטיינערטע געזיכטער,
ווי ס׳וואָלט זיי פּאָרשטיין מישפּעטן ניט צווייען,
די צווייען, וואָס פארלאָרענע דאָ שטייען.

און איינער פון די צוויי הייבט אָן זייַן טייַנע:
— די ערד, אף וועלכער כ׳זיץ, איז איצטער מייַנע.
איך האָב זי אָפּגעקויפט בא אָט דעם שאָכן.
קיין טנייַ קיין איינציקן כ׳האָב ניט געבראָכן:
געצאָלט מיט געלט, מיט וואָל און מיט א כיילעק
גערעטעניש — בא מיר א וואָרט איז הייליק.

פאר גאָר דער צייַט — קיין איין מאָל ניט געטראָפן
קיין קריג בא אונדז, אויב כ׳לייַג — זאָל גאָט מיך שטראָפן,
צי זאָל אליין מייַן שאָכן זאָגן איידעס:
זייַן ווויל — מייַן פרידן איז, מייַן ווויל — זייַן
פרייד איז.
אף אָט דער ערד א שטוב האָב איך געבויט,
און מער כ׳האָב ניט געוווּסט שוין פון קיין נויט:
פארזייט א פעלד, א ווייַנגאָרטן געפלאנצט;
פון ערד די גאָב דער הימל האָט דערגאנצט,
און ביידנס גאָב — פארמערט האָבן די הענט,
וואָס האָבן אלע פריידן אָפּגעווענדט
פון זיך, אכוץ דער פרייד פון שווערער מי —
ביז טוי פון אָוונט פונעם בלוי גאנצפרי.
און ס׳האָט די בראָכע אין מייַן שטוב גערוט,
די טוועס אופגעגאנגען זייַנען גוט:
די ווייצן־קערנער — ווי די טייטלען־יאָדערס,

און ווי דינארן גרויס — די לינדזן־זוימען;
דער רויך, וואָס טראָגט זיך לוסטיק פון מײַן קוימען,
קיין איבעריקן איידעס־זאָגן פֿאָדערט,
אז ס׳ווערן פעט די ווענטלעך פון די טעפּ,
וואָס איך אליין מיט מײַנע הענט איך קלעפּ
און טריקן אפן דאך אונטער דער זון.
דער שאָכן האָט א טאָכטער, איך — א זון...

— איז עפשער אײַך די קריג ארויס דערפון?

— כאָלילע, ריכטער, — זאָל ער זאָגן איידעס:
די קינדער — אונדזער שטאָלץ און ביידנס פרייד איז...
אָט דאָ ווערט שוין דער צווייטער אומגעדולדיק:
— די קינדער זײַנען אין דער קריג ניט שולדיק.
— איז עפשער — קינע? פלעגסט אים ניט פארגינען,
און קינע פלעג פאר סינע פלאץ געפינען
אין דיר...
— אזוינס ווי קומט אײַך אפן זינען?
די פעלדער אונדזערע, באנאנד זיי ליגן.
דער זעלבער ווינט טוט אונדזער טווּוע וויגן,
דער זעלבער רעגן טוט דעם גרונט באטרינקען,
די זעלבע זון — זי טוט די זאנגען טריק׳נען,
די מי פון מײַנע הענט — מײַן שטוב באפעסטיקט,
דער זעלבער שווערער ווייץ — מײַן זאנג
באלעסטיקט...

— איז ווו זשע איז דער גרונט פאר אײַער קריג?

— די קריג אנטשטאנען איז א שאָ צוריק
און דאָ ניט זייער ווײַט, — זעצט פאָר דער ערשטער,
פון אינערלעכן אומרו א באהערשטער, —
בא זיך אין פעלד האָב איך א גרוב געגראָבן...

— דײַן שאָכן מוז אוואדע העזעק האָבן —
אַרײַנגעפאלן איז אהין א שאָף?
ניט צוגעדעקט די גרוב — מוזט צאָלן שטראָף —
ניט לאָז קיין גריבער אָפּענע אין דרויסן...
— ניט אײַלט זיך, ריכטער, פאַרזעען דעם סאָף.
ניט דאָס פאר אײַך דערציילן בין איך אויסן.
אין פעלד געגראָבן האָב איך זיך א ברונעם,
און, גראָבנדיק, אן אויצער כ׳האָב געפונען.
ארויסגעגראָבן כ׳האָב אן אויצער גאָלד...

— האָט אים דײַן שאָכן אָפּרויבן געוואָלט,
צו זיך מיט דיר צעטיילן גלײַך אף גלײַך,
און צוליב דעם די קריג איז צווישן אײַך?

— ניין, ריכטער, ניט געטראָפן האָט איר ווידער.
אזא מין קריג איזביידן אונדז דערווידער.
מײַן טײַנע איז: דײַן פעלד פארקויפט מיר האָסט,
און פאר דער ערד באצאָלט האָב איך דאָס קאָסט.
נאָר ווען גערעכנט האָסט פון פעלד די ווערט —
האָסט דען געוווסט פון אויצער אין דער ערד?
דערפאר דער אויצער דיר, נאָר דיר געהערט...

דער מיילעך אָנגעשטעלט האָט מויל־און־אויער:
וואָס ער האָט איצט געהערט — איז אומגעהויער.
נאָר עפּשער האָט ער עפּעס דאָ פאַרהערט?
צי מיינט דער פויער איינס און זאָגט פארקערט?
אין קיניגלעכן הויף אזוינס טרעפט אָפּט,
נאָר דאָ וואָלט ער דעם פויער גראָד באשטראָפט
דערפאר... נאָר ניין, ער איז דערווײַל ניט טויב.
דער אויער — גוט געווען באשיצט פון שטויב
אין וועג, און ס׳טוט דער מיילעך זיך א הויב:
— אנו־קאָרשט כאזער איבער דײַנע רייד.

דו ביסט דײַן אויצער אָפּגעבן אים גרייט? —
דער פֿויער האָט אָף יאָ פֿארנייגט דעם קאָפּ.
דער מיילעך פֿון זײַן הייך איז גלײַך אראָפּ
א צווייטע טרעפּ און זיך געווענדט צום צווייטן:
— און דו וואָס זאָגסטו? כ׳וויל אויסהערן דײַן טײַנע.
דו זאָלסט זיך נאַר, ווי יענער, ניט פֿארשפּרייטן.
— מײַן טײַנע איז: די ערד איז שוין ניט מײַנע,
די ערד און אַלץ, וואָס אין דער ערד, געהערט
צו אים... און איינס מיר טוט נאָר באנק — צעשטערט
דער אויצער האָט דעם שאָלעם צווישן אונדז.
דעריבער איך פֿארלאַנג, און ס׳איז מײַן ווונטש:
איר זאָלט מיר אָפּגעבן גערעכט — דערמיט
וועט זײַן דער שאָלעם אופגעשטעלט, אויב ניט...
דער ערשטער איז אין גרימצאָרן ארײַן:
— און אויב גערעכט בין איך — וועט דען ניט זײַן
דאָס זעלבע? — ס׳האָט דער מיילעך זיך פֿארלאָרן:
א האלבע וועלט איז ער שוין אויסגעפֿאָרן —
אזוינס נאָך ניט געזען און ניט געהערט, —
און זײַן זיקאָרן האָט אים אומגעקערט:
„און זוכן זאָלסטו גרויסמוט צווישן יעניקע,
וואָס דו פֿארעכנט האָסט פֿאר אונטערטעניקע...“

נאָר עפּשער איז עס גאָר קיין גרויסמוט ניט?
ס׳איז קינדעריש־ניטאנטוויקלטער פֿארשטאנד,
צי כאָכמע, ניט געקומענע צו שטאנד,
צי גוטער ווילן, וואָס זײַן וואָרצל ציט
פֿון דר׳ערד דעם זאפֿט, ווי בוים אין פֿעלד, ווי גראָז, —
הײַנט גיי, אָף שאָף אזעלכע זיך פֿארלאָז,
אָף זייערע אָף אייגענע געזעצן!
א טייל פֿון כאַיל מײַנעם דאָ באזעצן —

װעט אָרד׳נונג זײַן!.. און ער איז אַף אַ טרעפּ
אַרויף, זײַן קוק — אַריבער אַלע קעפּ
געטאָן אַ לײַכטן שװעב און מיט אַ װוּנק
באַפֿוילן: נע׳נטער צוגיין זאָל אַ יונג —
ניט זייער רײַך, ניט אָרעם אָנגעטאָן
און שטיל און אין אַ זײַט פֿאַרוקט געשטאַנען.

— דעם מענטשנס טײַנע האָסטו גוט פֿאַרשטאַנען?
צי דו ביסט שטאַרק מיט דײַנס געװען פֿאַרטראָגן?
— איך בין זײַן זון. איך טאָר ניט אײדעס זאָגן,
װײַל ס׳קאָן דערבײַ ניט פֿרײַ זײַן מײַן געדאַנק,
און מײַנע רייד — אַװעק מיט קרומען גאַנג.
צום פֿאָטער אַכטונג — קאָן מײַן װעג פֿאַרבלענדן,
די שרעק פֿאַר דיר — אין פֿאַלשער ריכטונג װענדן... —
דער מײלעך האָט אים טײקעף אָפּגעמאָסטן
פֿון קאָפּ ביז טראָט — דער יונג איז אים געפֿעלן.
ער נעמט אים מיט — ער װאָלט נאָר װיסן װעלן:
צי װאָלט אַזאַ מין שטאָלץ ניט צופֿיל קאָסטן?
אַ סאַך אַזעלכע װען ער האָט אַף דינסט —
װאָלט זיכער זײַן פֿאַר אים אַ גרויס געװינס.
נאָר דעם געדאַנק האָט אָנגעיאָגט אַ צװײטער,
װאָס ערגעץ־װוּ געלעגן איז אַ גרײטער:
אַן אונטערטאַן, אויב ער איז ערלעך, הערלעך,
איז אײנער — גוט, אַ סאַך — איז שוין געפֿערלעך...
נאָר אָט דאָס אַלץ דער מײלעך האָט געטראַכט
פֿאַר זיך, און פֿאַרן מויל האָט ער געבראַכט
גאָר עפּעס אַנדערש: — ריכטער, צענטע לײַט,
מיר דאַכט, גענוג כ׳האָב אײַך געגעבן צײַט
אַרויסצוטראָגן אַ באַשלוס...

— ניין, הערשער,
אַרויסזאָגן דאָס װאָרט דו דאַרפֿסט דער ערשטער, —
האָט פֿון די כאָשעװסטע זיך אָפּגערופֿן

אזא, וואָס האָט געזוכט דאָס מאזל פּרווון
און אין דעם מיילעכס אויגן כיין געפינען, —
ווי קאָנען מיר זיך עפּעס נאָך פארגינען?
פאר אונדז געגוג דיך אָנקוקן דער זכוס
און פון דײַן מויל צו הערן א באשלוס —
צו אויספילן דײַן מישפּעט דעם גערעכטן...
— איך וועל אײַך הייסן פּײַטשע ריטער פלעכטן
און דרייען שטריק — אָף בינדן אָט די צוויי,
וואָס אויסער מענטשן־יישעוו האלטן זיי
מע מוז, ביז ס׳וועט זיי פונעם קאָפּ ארויס
דאָס מעשוגאַס. די קריג וועט ווערן אויס,
דער שאָלעם — אופגעשטעלט בא זיי אין הויז,
און פונעם אויצער כ׳וועל זיך הייסן שמידן
א נײַעם פוסבענקל... זײַט איר צופרידן
צי ניט, נאָר אויספילן מײַן פסאק איר מוזט,
אויב נאָר אָף צוויי — וואָלט קנאַפּ זײַן דער פארלוסט,
נאָר אויב אזעלכע זײַנען דאָ א סאך —
די שטאָט ארומנעמען כ׳וועל מיט א וואך,
די אלע לײַט — מיט דערנער לאָזן דרעשן, —
דעם אומזין צווישן אײַך אָף אויסצולעשן.
און ביז איך לעב, וועט קיינער זיך דערוועגן
מיך מישפּעטן צי פּאָרשן מײַנע וועגן...

אז אויסגעהערט דאָס אלץ האָבן די ריכטער,
די ריכטער מיט פארשטיינערטע געזיכטער,
ווען ס׳איז געוואָרן שווער זיי שוין פארטראָגן, —
האָט איינער זיך צערעדט, אזוי צו זאָגן:

— דו מיילעך איבער מלאָכים, גרויסער הערשער!
דײַן אורטייל איבער מיר פּאָרויס איך הער שוין,
מײַן לעבן אין דײַן האנט איך איבערגעבער,

נאָר כ׳בעט, זאָלסט אַף מײַן פראגע געבן ענטפער...

דער מײלעך האָט באװיזן מיט דער האנט,
אז ער איז גרײט אים אויסהערן...

— דײַן לאנד,
פונוואנען, מײלעך, דו ביסט אָנגעקומען
און מיר האָבן דיך פרידלעך אופגענומען,
דײַן לאנד איז זײער װײניק אונדז באקאנט,
און זיך דערװיסן װילן מיר דערפון:
צי שײַנט דאָרטן אין לאנד בא דיר די זון,
װי אומעטום? צי איז די לופט דאָרט בלוי?
צי גײען רעגנס דאָרט? צי פאלט דאָרט טוי?
צי בויען פויגלען דאָרט פאר זיך א נעסט?
צי װער עס קומט — צוריק דעם װעג פארגעסט?
צי פיטערן זיך דאָרטן שאָף און רינדער?
צי װערן דאָרט אין לאנד געבאָרן קינדער?..
דעם מײלעך האָט גענומען שוין פארדריסן —
פארשטײט זיך, ס׳שײַנט די זון און טײַכן פליסן,
און ס׳נידערט טוי, און שטארקע רעגנס גיסן...

— איצט, מײלעך, װײס איך שוין, אויך דו זײַ װיסן:
אז נאָר צוליב דעם פעלד מיט שאָף און רינדער,
אז נאָר צוליב דעם זכות פון קלײנע קינדער,
צוליב די זײער און צוליב די שניטער,
צוליב די גערטנער און צוליב די שמידער, —
פאר אלע, אלע זײ און אויך אין זכות
פון די, װאָס דורך מידבאָריעס טרײַבסט צופוס,
נאָר ניט פאר דיר און פאר דײַן קאָװעד־װעגן
דאָרט שײַנט די זון און ס׳גײען דאָרטן רעגנס.

און אופגעהויבן האָט זיך א געלאָף —
דער מיילעך האָט דעם מאָלצייַט אָפּגעשאַפּט.
פארשעמט געבליבן זייַנען שטיין די טישן,
געגרייט מיט אלטן ווייַן און אלדעם פרישן,
באלאָדענע מיט פיירעס פונעם לאנד,
וואָס ווייַט ארום דעם לאנד מאכן באקאנט;
מיט שמעקעדיקן אייל, וואָס מיט זייַן דופט
פארשטאָפּטערהייט פארשיקערט ער די לופט;
מיט האָניק אינעם וואקס און האָניק — אָן אים,
וואָס אין זייַן לויטערקייַט קוקסט אָן דייַן פּאָנעם;
מיט פלייש — אין פעטס געקאָכט, אף קויל געבראָטן —
נאָך יעדן גוסט, אף קיינעם אָנצובאָטן...
די טישן האָבן פּוסט געמאכט די שטאלן,
און איצט — אף אָט דעם אלעם שטויב טוט פאלן...

פארשעמטע שטייען זיי, די שפּייַזער, ווייַנער,
און יעדערער אין דער מאכשאָווע זייַנער —
פארטיפט, פארטאָן — ס'איז שווער אפילע גלויבן:
דער מיילעך האָט פון אָרט זיך אופגעהויבן.
דאָס דינסט האָט אין דער ווייַט געשיקט א רוף, —
און ס'איז דער מיילעך אף זייַן פערד ארוף...
דער מיילעך אייַלט, ער יאָגט, נאָך אים — די דינער.
דער לעבעדיקער צוג — ווערט לענגער, דינער,
דער שטויב — ער וואָלקנט זיך פון ביידע זייַטן.
און מיטאמאָל — באם סאמע וועג, פונווייַטן,
זיך עפּעס גרויט דאָרטן, צי עפּעס שווארצט?
א מענטש דאָרט שטייט, צי גאָר א דאָרן שטארצט?
און עפּשער שפּאנט עס גאָר דער אלטער — טראָט
בא טראָט, זיך קערנדיק צוריק אין שטאָט?
נאָר ס'איז דעם מיילעך איצטער ניט דערבייַ,
און ווי א שטורעם טראָגט ער זיך פארבייַ.

צי בראָט אים אינווייניק, צי אויבן ברענט?..
די לייצעס — צוגעשוויסטע צו די הענט,
דאָס לײַב, ווי אין א פלאמענדיקן פעלץ,
די ערד, דאָס פערד און ער — אין לופט זיך שמעלצט, —
די זון האָט אָנגערייצט אַף אים איר היץ
(פון איר ניט האָבן זאָל ער קיין באשיץ).
דעם וועג ווען איצטער אים פארלויפט א בליץ!
א גוסרעגן ווען איצטער פלייצט אראָפּ! —
דערפרישן וואָלט ער אים דאָס לײַב, דעם קאָפּ,
אז אין די אויגן זאָל קיין פײַער קרײַזן,
אין דער צעגליטער ברוסט — דער אָטעם פרײַ זײַן,
א שלאקסרעגן פארהענגען זאָל די וועגן —
פון ערגעץ זאָל ניט קומען אים אנטקעגן
דער זאָג: „פאר דיר און פאר דײַן קאָוועד־וועגן".
און אים מיט הייסערס נאָך דעם פלאם צו קילן,
אין הארץ — דעם ברענענדיקן צאָרן שטילן, —
האָט ער ארויסגערופן אין געדאכט
א שטאָט, וואָס ער האָט זי צו אש געמאכט,
און צוגעמאָסטן זי צו דער — די ברייט
און לענג אירע, און ס'איז דער גזאר שוין גרייט:

פון אָט דער שטאָט — א וויסטע זאָל פארבלײַבן,
ביז ס'וועט אהין א וואָלקן זיך דערקלײַבן, —
דער רעגן טרעפן זאָל דאָרט ברוך און שטיין,
אַף ברוך און שטיין דאָרט זאָלן רעגנס גיין.

דער מײלעך יאָגט און טראָגט זיך, ווי א וויכער —
ער אײַלט ארויסצוכאפּן זיך וואָס גיכער
פון צווייטן טייל פארפלאָנטערטער געשיכטע
מיט אלע טרעפענישן אומגעריכטע,

און אויך אין דריטן טייל — זיך קנאַפּ פאַרהאַלטן:
אָף ניט באַגעגענען שוין מער דעם אַלטן,
דעם יונג, וואָס ער איז, ווי זײַן פאָטער, דול
און איז מיט ווירדע, ווי א מילגרוים, פול.

נאָר באַ א מײלעך — גיי זיך פּרוּוו דערוויסן.
קאָן זײַן, די שטאָט איז גראָד אָט יענער ביסן,
וואָס אים איז שווער געווען שוין צו פאַרדײַען —
ניט אײַנצושלינגען און ניט אויסצושפּײַען,
ווי ס׳ווערט דערציילט אין אָנהייב פון דער מײַסע —
נאָך פריִער, פאַר דער קיניגלעכער רײַזע...
און ווײַל איך קאָן דאָס אַלץ אײַך ניט קאָווירן,
קעדיי, מײַן צוהערער, דיך ניט פאַרפירן —
א סאך, א סאך פון דעם איך היפּער איבער,
און דיר צוליב, צום אויצער כ׳גיי אריבער,
ווײַל דאָס איז פון דער מײַסע אויך דער סאָף:

די פויערים די צוויי — דערהערט די שטראָף,
וואָס זיי דערוואַרט פאַר זייער גוטן ווילן, —
זיי האָבן גלײַך באַשלאָסן אָפּצושפּילן
א שפּיל, וואָס שווער געווען אָף דעם זיך ריכטן:
די סיבע פון דער קריג אָף צו פאַרניכטן
און פון די דערנער זיך דאָס לײַב פאַרהיטן —
זיי האָבן טייקעף זייער גאַנג געביטן,
און פאַר דעם מײלעכס מאַכט אָף זייער ערד
זיי האָבןביידע מיטאַמאָל דערקלערט:
אז זיי האָבן דעם אויצער אויסגעקלערט,
קעדיי באַ זיך אין לאַנד דעם גרויסן מײלעך
באַם מאָלצײַט־טיש דערמיט צו מאַכן פריילעך,
דער אויצער איז א מאָשל נאָר, א כאָלעם:
צו זען, וואָס טראַכט א מײלעך וועגן שאָלעם.

די מײַסע, ווען דעם מײלעך וואָלט געראָטן,
פאַרבלײַבן וואָלט פון איר א בלאַסער שאָטן,
און עפּשער — גאָר קײן זײכער ניט פאַרבליבן, —
נאָר איך האָב זיך אַף יענעם וועג פאַרקליבן,
די שטאָט געזוכט, צו איר די טריט געציילט:
א סאַך האָט מיר אין גאַנג דער ווינט דערציילט,
ניט ווייניק אָנפאַרטרויט האָט מיר דער דאָרן,
וואָס אים דער מײלעך איז פאַרבײַגעפאָרן
און דאָרט זײַן זיכערקײַט און רו פאַרלאָרן.
נאָר מער פון אַלץ האָט מיר דערציילט דער רעגן,
וואָס גייט פאַר רינד, פאַר קינד,
פאַר אַלע
גוטע מענטשנס־וועגן...

און דו, מײַן צוהערער, וועסט מיר פאַרגעבן,
אויב איך — קעדיי די מײַסע אופצולעבן —
איך האָב א וואָרט פאַרפּעלט און צוויי —
פון זיך דערגעבן.

פעווראל—מארט 1957

די באַלאַדע וועגן שאָלעם

פון אונטער דוירעס־ברוך, פון אונטער אש און שטויבן
מיר ווילט זיך הײַנט דאָס שיינע מײַסעלע דערהויבן,
דעם כאָלעם, וואָס דער מענטש אַמאָל האָט אויסגעקלערט, —
דעם שיינעם כאָלעם וועגן שאָלעם אויף דער ערד:

באַם שאַפן אָדאָמען האָט גאָט צונויפגענומען
צו הויפנס ערד פון אַלע, אַלע טיילן וועלט.
דעם זאַמד, ווו ס׳גליט די זון, און ווו אים שמידט די קעלט,
פון טײַך די דעק, דעם גרונט פון יאַמען ניט פאַרפעלט,
און ס׳איז דער שעפער שטאַרק דערמיט געווען פאַרנומען.

ער האָט זיך אין א ראַכוועסדיקן טאָג פאַרקליבן,
אַליין מיט אָט דעם זאַמד פאַרשיידענעם פאַרבליבן,
געקוקט, געטראַכט, דערנענט זיך און אָפּגעטראָטן,
געייצעט זיך מיט זיך אַליין, מיט זיך געראָטן,
זיך צוגעזעצט און צווישן פינגער לאַנג דעם זאַמד
געזיפּט, און צו דער אַרבעט צוטרעטן געזאַמט.

ער האָט געכוואַליעט אים, געבערגלט און געגלעט,
און אויף דער גלאַט געמאָלט פאַרפּלאָנטערטע געמעלן,
וואָס זיי — ניט איבערכאַזערן, ניט אופצושטעלן...
דער זאַמד מיט אים זיך רייצט, זיך אין די הענט ער בעט,
נאָר ער איז נאָך ניט גרייט, ער פּרוווט זיך קעגנשטעלן,
ווי ער וואָלט שטיין מיט זיך אַליין אין א געוועט.

פאַרשעפּט דעם ערשטן הויפן און אים אויסגעשאָטן.
ס'האָט אַ געדאַנק אים דורכגעשוואַרצט זיך, ווי אַ שאָטן,
אַז ביט די זעמדעלעך פון אַלע טיילן וועלט
אין אָט דעם ערשטן הויפן זײַנען פאַרגעשטעלט, —
האָט ער זיך אָנגעערויגעזט, פול מיט צער געוואָרן...
און ער האָט דאָך געמיינט, פון דעם איז ער באוואָרנט.

האָט ער די האַנט אַראָפּגעלאָזט ביז סאַמע גרונטן,
די פינגער אָפּגעשלאָגן אָן דער האַרטער ערד,
און ווי אַ שטורעם וואָלט דעם זאַמד פון דעק געקערט —
דאָס אונטערשטע אַרויף, דאָס אייבערשטע — פון אונטן,
ווי דורך אַ ווייכער האָט דער זאַמד געגומען קרײַזן —
אַ זאַמד אַ זעמדעלע דעריאָגן ניט באַווײַזן.

דערנאָך, ווען ס'איז זײַן צאַר און צאָרן שטיל געבליבן —
האָט ער די זעמדעלעך דערנע'נט, צונויפגעקליבן,
און צווישן זײַנע שווערע דלאָניעס זיי צעריבן,
ווי צווישן מילשטיינער צעמאָלט זיי און צעמישט,
צעווישן זאַמד און זאַמד די פרעמדקייט אָפּגעווישט, —
און ס'האָט אַ שמייכעלע באַלויכטן זײַנע ליפּן.

נאָר ווי אין זײַן געדאַנק האָט קוים געגומען טאָגן —
איז ער געבליבן מיד, אַ שווייס האָט אים באַשלאָגן,
זיך אָף די קני געשטעלט, דערנאָך זיך צוגעזעצט,
און מיט דעם שווייס דער זאַמד האָט זיך באַפּײַכט, באַנעצט.
געקנאָטן האָט ער פויל, נאָר אינווייניק געברענט,
און ס'האָט די ליים געקילט, געמינטערט אים די הענט.

ער האָט געפורעמט און געקנאָטן און געקלעפּט,
מיט בלינדע אויגן און מיט זעעוודיקע פינגער,
די עלטער אָנגעמערקט, דערנאָך געמאַכט אים יינגער,
ווען ס'האָט די ליים נאָך ניט געאָטעמט, ניט געלעבט.

און ווען אים אופלעבן איז ער געווען א באַלן —
א שרעק, א פּאַכעד איז אַף אים ארופגעפאַלן:

אָט דאָס איז אַלץ, וואָס אים אין כאַלעם האָט געדאַכט?
נאָך דעם — געבענקט? מיט דעם — אַף אייביק זײַן פארבונדן?
דעם הימל אָנגעצונדן אים — א שטערנדיקן דאַך,
און אונטער טראָט געשפּרייט אים שמעקנדיקע גרונטן?
און אינעם שעפערס הארץ געבליבן שטיל דער שטורעם:
זײַן בענקשאַפט, צי די ליים אין האַנט בא אים זיך פורעמט?

אַלץ, וואָס דער ליים האָט ער אַליין געהאַט געגעבן,
ער נעמט איצט אָפּ בא אים, צי דאָ קומט פאַר א בײַט:
אומענדלעכקײַט ער נעמט און גיט דערפאַר אים צײַט,
אומשטערבלעכקײַט ער נעמט און גיט דערפאַר אים לעבן.
ער פילט דאָך אין דער האַנט: די ליים באַרײַכערט ווערט,
פון קנעט צו קנעט ער ווערט אַלץ מער באַשווערט
מיט א געהיימער קראַפט, וואָס ביידן זיי געהערט,
זיי ביידן גלײַך, און דאָס האָט זייער בונד געשטערט.

צו וואָס האָט ער א גלײַכן שאַפן זיך געמיט?
צוליב זיך איבערכאַזערן? ס'זאָל זײַן א צווייטער
פון אים מיט גאָרניט, נאָר מיט רוים אָן אָפּגעשיידטער?
זאָל זײַן, ער איז שוין וואָך, זאָל זײַן, ער שלאָפט שוין ניט,
און גלײַך אקעגן אים א ריזיק־הויכער שטייט ער...
נאָר ער, אַף אַלדעם גרייטן קומענדיק א גרייטער,
ניט וויסנדיק פון וויי־געבורט, פון וווקס דעם טאַם,
פון סאָף דעם סאָד — ער וועט נאָך שמייכלען, ווי א טאַם.

און אַז די איבערכאַזערונג זאָל זיך ניט מערן —
האָט ער פארטראַכט זײַן גרייטע אָפּבילדונג צעשטערן.
ארויסרופן די זון — די זון וועט ברענען הייס
און אויסדעמפן פון ליים דעם לעצטן טראָפּן שוויס,
צי ער אַליין וועט אַף זײַן טוונג לענגער קוקן —
וועט ווערן זאַמד פון ליים, דער זאַמד וועט ווערן טרוקן

17*

און זיך אף זעמדעלעך באַזונדערע צעשיטן...
נאָר דער געדאַנק געבליבן איז אינמיטן.

ס׳איז אים פאַרקערפּערן זיך ניט געווען באַשערט —
איז ער געוואָרן כאַאָס, פינצטערניש, צעשטערונג,
נאָר אַ געדאַנק אַ ניַיער האָט זיך גלײַך צעשטערנט
פון אָט דער פינצטערניש, וואָס יענעם האָט צעשטערט,
און האָט דעם שפּעער צו זײַן שאַפונג אומגעקערט.
ווײַל אַנדערש — וואָלט די ערד ניט וויסנדיק פאַרבליבן
ביז הײַנט: צו וואָס האָט ער פון איר צונויפגעקליבן
צו הויפנס זאַמד, דערנאָך צעמישט זיי און צעמאָלט?
ער האָט דערמיט מיסטאַם געמיינט עפּעס, געוואָלט...

אַז שפּעטער זאָל קיין מענטש, קיין פאָלק ניט קאָנען טײַנען —
פון זאַמד פאַרשיידענעם געקנאָטעטע מיר זײַנען:
דער שטאַמט פון באַרג־שפּיצן, און יענער — פון דער נידער,
דער — פון אַ קוואַלן־דעק, און דער — פון יאַמען־גרונט, —
ער האָט דעם זאַמד פון אַלע טײלן וועלט פאַרברידערט,
געשלאָסן פרידן צווישן זיי, און אין אַ בונד
אַן אייביקן אַף אייביק זיי דערנע׳נט.
און דאָס איז אַלץ, וואָס ער האָט טאָן געקענט.

נאָר ווי זײַן ווילן אין זײַן טוונג איז אַריבער —
האָט ער, דער שפּעער, מער שוין ניט געזאָרגט דעריבער,
אַזאַ דערהויבנקײַט אין אים איז אופגעגאַנגען —
אַז ער האָט ניט געהאַט, וואָס נאָך פון זיך פאַרלאַנגען.
זײַן איינזאַמקײַט אין אים האָט זיך גענומען פעלן,
זײַן דראַנג — זיך מינערן, זײַן אופטו — אים געפעלן;
ס׳האָט אים פאַרשיקערט פון ניצאָכן דאָס גענוס,
ווי גלײַך אַרײַנברענגען ער וואָלט אין אַ רעשוס,
וואָס איז אַן אייביקײַט פאַר אים געווען פאַרבאָטן,
אַרײַן, דורך גוואַלד, דאָס אָרט פאַרבאָטענע באַטראָטן.

ווײַל ווען ער וואָלט דורך גוואַלד די גרענעץ ניט געבראָכן,
מיט שטאַרקן אָרעם ניט געפֿעלט קיין ווידערשטאַנד,
וואָלט צווישן זײַנע פֿינגער אויסגערונען דער ניצאָכן,
און ס'וואָלט זײַן שאַפֿן ניט געקומען צו קיין שטאַנד.
קיין פֿאַרהאַנג איבער דעם ער וואָלט ניט אופֿגעדעקט,
פֿאַר אים אַליין דער סאָד וואָלט בלײַבן ניט אַנטפּלעקט...

און ער האָט נאָך דער אַרבעט זײַנער זיך פֿאַרבענקט,
וואָס שיר איז אָפּ פֿון אים און צ'ריק געוואָרן וויסטע.
ער וואָלט זיך אומגעקוקט און גאָרנישט ניט דערוויסט דאָ,
קאָן זײַן, אַז אויך דעם אָנבליק וואָלט ער ניט געדענקט.
אַ נאָגעניש און אַ צעשטרייטקייט וואָלט נאָר בלײַבן,
וואָס אין קיין לעבנס־קנופּ זיי ניט צונויפֿצוקלײַבן;
ס'וואָלט עפּשער אָפּ אַ ווײַל זיך נאָכאַמאָל צעשפּילן
דער שטורעם מאַכטלאָזער פֿון אויסגעשעפּטן ווילן.

און אָנטאָפּן זײַן אַרבעט האָט זיך אים פֿאַרגלוסט:
באַרירט דאָס מויל, די פֿולבלעכקײַט פֿון ביידע אויגן,
וואָס האָבן נאָך פֿון ליכט און פֿינצטער ניט געוווּסט,
נאָר ווען ער האָט אַריבער זיי זיך אָנגעבויגן —
זיי האָבן ביידע גלײַך זיך עפֿענען געמוזט
און באַלד זיך צוגעמאַכט... ווײַל אָט דער זעלבער בונד
פֿון ווילדער זון, וואָס האָט פֿאַרדאַרבן זיי געזאָלט,
האָט איצט מיט כעסעד זיבנפֿאַך דערפֿאַר געצאָלט:
די הויט געברוינט, די באַק פֿאַרפֿלאַמט, באַוועגט די ברוסט,
וואָס האָט נאָך פֿון קיין גרינגס און שווערקײַט ניט געוווּסט.

צולעצט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אומגעריכט
אָן אָדאַמס דלאָניע, וואָס איז ברייט צעשפּרייט געלעגן,
און פֿון דער דלאָניע אים געקוקט האָבן אַנטקעגן
די אָנגעצייכנטע אָפּ איר די לעבנס־וועגן

17-1660

נאָך ניט אדורכגעגאנגענע... און ער האָט גיך
מיט רויגעזדיקן בליק געטאָן אין זיי א לייען;
פון אָט דעם קוק — א שארפער ווינט גענומען ווייען
און האָט פארווישט, פארמעקט ביז איינעם — שטריך נאָך שטריך.

און דאָס איז ער געווען, דער קוק, און דאָס — דער מיין:
פון גרייטן שוין גענוג. פון היינט — אליין, אליין
שרייב אָן זיי אף דיין לייב, קריץ אויס אף דיין געביין —
אליין... איז טאקע דאָרט געבאָרן אפן אָרט
דאָס וואָרט „אליין" — דאָס ערשטע און דאָס לעצטע וואָרט...

און כאָטש דאָס וואָרט האָט קיינער נאָך ניט אויסגערעדט,
איז ער, דער מענטש, אליין געבליבן ליגן האָרכן:
ווי שווער די לאנגע שלאנג אין הייסן זאמד טוט שאָרכן,
ווי אין די ביימער־שפיצן גרינג א ווינטל טרעט.
אף דאָס דערגיין — ער מוז דען עפענען די אויגן?
גענוג דערוף פארכידעשט אופמאכן די ליפּן.
ער האָט געפּרווט דאָס גרינגס און שווערס באנאנד פארקניפּן,
און ניט געקענט, און איבערמיד, זיך אויסגעצויגן.

נאָר גלייך, ווי אף זיין האנט דער ערשטער לעבנס־שטריך
האָט ווידער זיך גענומען צווייגן, קריצן זיך —
אין זיך, פאר זיך, — האָט ער, ניט קאָנענדיק באגרייפן,
וואָס קומט דאָ פאָר, — אפגיך געפּרווט א פויסט פארשטייפן
צום ערשטן מאָל, ווי עמעץ וואָלט געהאט געהיי
דעם שטריך פארקרימען אים, צי אָפּמעקן אפסניי.

נאָר אָט דעם מענטשנס פויסט, צו קיינעם ניט געווענדט,
איז זייער ווייניק צייט געבליבן א פארשטייפטער.
ס'האָט זיך אין אים א נייע ליידנשאפט צעברענט,
און גרייט איז שוין א נייער שטריך, אָן אויסגערייפטער,
געשטויסן מאכן אים פאָרויס דעם ערשטן שפאן,
נאָר ער, ניט ווייסנדיק פון קער־פונקטן און וועגן,

ער וואָלט מיסטאָם געגאַנגען זיך אַליין אַנטקעגן,
ווען ער וואָלט וויסן נאָר, אַז ער איז שוין פאַראַן.

נאָר מיט דעם ערשטן שפּאַן פאָרויס, מיט אים באַנאַנד,
ווי נאָר זײַן פוס האָט פון דער ערד זיך אָפּגעריסן,
אַף ווידער אָנקומען צו איר — האָט זײַן פאַרשטאַנד
באַקומען דאָס געשטאַלט פון גלוסטן — און געניסן,
און צווישן ביידע זיי האָט זיך באַזעצט, פאַרקליבן
דער אומרו, וואָס איז דאָרט אַף שטענדיק שוין פאַרבליבן —
אַף זיי צו רעגן, וועקן, זיי אַף אופצורייצן,
אַף צוימען זיי — ס'זאָל איינס דאָס צווייטע ניט פאַרפלייצן.

די ערשטע גלוסטונג זײַנע איז געווען — געגנענען
און אַלץ, וואָס אַרום אים, באַרירנדיק, דערקענען.
און ס'האָט זײַן גלוסטונג זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מוז,
און ס'איז זײַן מוז פאַר אים געוואָרן אַ גענוס,
ווי אין די שפּיץ פינגער באַהעפטונג וואָלט געלעגן
מיט אַלדאָס לעבעדיקס, וואָס קומט אים אָן אַנטקעגן.
דערפון געוווסט האָט נאָר דער אומרו, איינער — ער,
וואָס, דאַכט זיך, איינער ער האָט אים געבראַכט אַהער.

זײַן אויג ער פּלאָנטערט אים אין פּלאָנטער פון די צווײַגן,
זײַן פוס — דעם שלאַנקן וווקס פון שטאַם ניט לאָזט פאַרבײַגיין,
און ווי זאָל ער דעם זאַמד, וואָס טוט אין האַנט זיך בעטן,
אויב ניט אַף קנעטן אים, איז אים כאָטש סטאַם אַ גלעט טאָן,
צעכוואַליען אים, צעבערגלען און דערנאָך צעמישן
און שפּעטער — מיט דער דלאָניע שאַפן אַ צעווישן.
זײַן היץ, זײַן וואָג, זײַן שוטעפדיקייט צו דערפילן,
אַ גראָב טאָן טיפער זיך די דלאָניע אָפּצוקילן.

נאָר טראַכטנדיק, האָט ער אין זאַמד געמאָלט אַ פּלאָנטער,
וואָס יענעם דאָרט, אין אָנהייב מײַסעלע, דערמאָנט ער.

18*

ער קוקט זיך אום אף זיך, אף ראַכוועסדיקן טאָל,
און ס׳דאַכט זיך אים: ער איז שוין דאָ געווען אמאָל,
ער איז שוין דאָ געווען, נאָר ער געדענקט ניט ווען,
אויך דאָס געמעל, אים דאַכט, ער האָט אמאָל געזען.
ווי דעמלט, פרייד און צאַר אים דאָס געמעל פאַרשאַפט:
וואָס שאַפט ער זיך — א גלײַכונג, צי א קעגנערשאַפט?

און ווײַל קיין גלײַכן אים איז ניט געווען פון אויסן —
האָט ער זײַן אויסגעדאַכטע קעגנערשאַפט געזוכט
אַליין אין זיך... און פּלוצעם האָט אים אויסגעדוכט —
דער אומרו אין זײַן ברוסט, ער טוט זיך קלאַפּן, שטויסן,
ווי אָנזאָגן א שלעכטע בסורע איז ער אויסן:
אַז ערגעץ פון באַהעלטעניש, פון טיפסטער טיף,
פון יענער טיף, וואָס איינער ער האָט א באַגריף,
פון א פאַרבאָרגעניש א זעמדל איז אַרויס —
א פּלינקס, א ווילדס, ניט מער א שטויבעלע די גרויס,
א שאַרפס, א שטעכעוודיקס, אַן אָפּגעפרעמדטס אַזאַ מין,
וואָס אויסבאַהאַלטן האָט עס זיך פון גיין צוזאַמען
אין זאַמדן־בונד, און ס׳איז געראָטן אים אַנטלויפן
פון יענעם, דעם פאַרשעפטן זאַמד אין ערשטן הויפן,
ווו אַלע טיילן וועלט — געזאָלט זײַן פאַרגעשטעלט,
און מיטאַמאָל האָט איינס א זעמדעלע פאַרפעלט, —
זײַן אָפּגעזונדערטקייט און זײַטיקייט פאַרהיט,
נאָר דאָרט, ווו זעמדלעך צוויי פון רויקן געמיט,
פון רויקן געמיט, אין קריגן ניט געניט,
דאָרט איז דאָס זעמדעלע דאָס פרעמדס געווען אין מיט —
אַרײַן אין מיט און זיי צעקריגן זיך באַמיט.
און אַלעמאָל — מיט פרישן ברען און נײַעם פלײַס
פון בונד די זעמדלעך אָפּגעריסן איינציקווײַז.
און, האָבנדיק דאָס זעלביקע געשטאַלט און אויסזען,
האָט צווישן אַנדערע געמוזט זײַן ווירקונג גרויס זײַן,
ווײַל ווען דאָס זעמדל איז אַרויס שוין ניט פאַרשטעלט,

אין קריג געשטאנען איז דער זאמד פון גאָר דער וועלט.
דער אומרו האָט געזען, נאָר אַלץ זיך אײַנגערעדט,
אַז ס׳וועט בעשאָלעם דורך, נאָר שוין געווען צו שפּעט.

און אופגעהויבן האָט אין מענטש זיך אַ געמיש
פון שיכטונגען פאַרשיידענע — ניט אײַנצושטילן,
און אָפּגעשאַפט געוואָרן איז דער גוטער ווילן,
דער שיינער בונד, וואָס איז אין אים געווען נאָך פריש:
דער זאַמד אין גלי דעם גליווער־זאַמד זיך קעגנשטעלט,
דער הויפן באַרג — געלאַכט, געפּעלשט אין פלאַך פון פעלד,
און שטויב נאָך שטויב זיך העפקערדיק געגומען קרײַזן,
אַ זאַמד אַ זעמדעלע — די שאַרפקײַטן באַווײַזן
מיט גאָר דער פרעמדקײַט, וואָס פאַרבליבן אין די זעמדלעך,
מיט אַלדי „איכ״עלעך
פון יעדער שטויב פערזענלעך,
ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל זיך ניט אָנגעקערט,
ווי ניט געהויפט פון איינער און דער זעלבער ערד.

און ווײַל די צײַט געווען איז דעמאָלט קוים צעטיילט
אויף נאַכט און טאָג, אויף קורצע רעגעס ניט צעברעקלט, —
האָט קיינער נאָך ביז הײַנט פאַר קינעם ניט דערציילט:
ווי לאַנג די זעמדלעך — זיך געשפּיצט און זיך געגעגלט,
ווי לאַנג אין אים געדויערט האָט דאָס ברויגעז־שפּיל...
נאָר איינס פאַר יעדערן זאָל ווערן קלאָר איך וויל:
אַז ווי דאָס פרעמדע זעמדל איז ארײַן אין קראַפט
און ס׳איז דער שאָלעם־בונד געוואָרן אָפּגעשאַפט, —
איז ווי אַ כאָלעם אים געקומען אין געדאַכט
אַ גליקלעכער געדאַנק, וואָס ער האָט ניט דערטראַכט
ביז סאָף, נאָר אין זײַן אָנהייב איז געווען שאָלעם...

...און דאָס, מיר דאכט, דערציילן איך פארשפּאָר,
אז דורכגעגאַן פון דעמלט זיַינען דאָר נאָך דאָר,
און ס׳איז זיַין כאָלעם אלץ נאָך ניט געוואָרן וואָר...

...און אז דאָס מיַיסעלע זאָל ניט פארגעסן ווערן —
איז לאָמיר פונעם שאָלעכץ אויסשיילן דעם קערן
און גליַיך פאר אלע טיילן ערד אים לאָזן הערן.
און איך וועל גליקלעך זיַין, אויב ס׳וועלן מיַינע רייד
א האָר דערנעענטערן דעם כאָלעם צום באשייד,
וויַיל עפּשער איז גראָד אונדז דערלייזן אים באשערט —
דעם שיינעם כאָלעם וועגן שאָלעם אף דער ערד.

אווגוסט—דעקאבער 1956

שמועל האלקין און זײַן לעצטער בוך

אונ דאָס איז זי, די זאָרג, וואָס כ'האָב פארבאָרגן,
ווײַל זיך אליין כ'בין ענטפערן ניט גרייט,
צי וועט מען אין מײַן ליד דערקענען מאָרגן
מײַן גרויסן הײַנט מיט אלע זײַנע זאָרגן
און מיט זײַן קארג־ארויסגעזאָגטער פרייד...

ש. האלקין

שמועל האלקין שטאמט פונעם ייִדישן שטעטל ראָהאטשאָוו אין ווײַסרוסלאנד. ער איז געבוירן אין 1897 און איז געווען דער נײַנטער אין געזינד! קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, אז אין קיין מילך און האָניק האָט ער זיך ניט געבאָדן, ווײַל קיין „מאיאָנטקעס, פעלדער און וועלדער" האָבן זײַנע עלטערן ניט פארמאָגט. די איינציקע ירושע, — שרײַבט האלקין, — וואָס איז פארבליבן „פון זיידעס און עלטערזיידעס", איז געווען: „א שיינער ניגן, א גוטער נאָמען, א טיפזיניק מוסערהאסקלדיק שפריכוואָרט, א וואונדערלעכע געשיכטע, וואָס איז אין דער מישפּאָכע איבערגעגאנגען פון דאָר צו דאָר, פון מויל צו מויל... א רײַכע, א שיינע ירושע"[1].

[1] ש. האלקין. אווטאָביאָגראפיע (דער רוסישער טעקסט פון דער ביאָגראפיע איז ארײַן אין דער אויסגאבע פון גאָסליטיזדאט אונטערן נאָמען *«Советские писатели. Автобиографии»*. דער ייִדישער טעקסט איז געדרוקט געווען אין „מאָרגן־פרײַהײַט", ניו־יאָרק).

מיט דער דאָזיקער רייַכער און שיינער יערושע האָט זיך האַלקין, א צוואַנציקיאָריק באָכערל, געלאָזט אין וועג. דאָס איז געווען ניט קיין לייַכטער וועג: אין לאַנד האָט גע־פלאַקערט דער בירגערקריג. ער איז געקומען קיין קיִעוו, וווּ ער האָט געטרוימט זיך לערנען מאָלערייַ, דערנאָך קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. דאָרט האָט ער זיך באַגעגנט מיט א ריי דיכטער און געשאַפן זייַנע ערשטע לידער, צווישן זיי אויך א העברעיִשע רעוואָליר־ציִאָנערע ליד, געווידמעט דעם ערשטן מייַ („לראשון למאי“). אין 1920 האָט האַלקין אָפּ־געדרוקט זייַנע ערשטע לידער אין דער צייַטונג „קאָמוניסט“.

פון דניעפּראָפּעטראָווסק איז ש. האַלקין אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. אָבער זייַן ערשט ביכעלע „לידער“ (1922) איז נאָך דערשינען אין קיִעוו, אין דער זעלבער סעריע פון קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג „ווידערוואַקס“ (קליינע ביבליאָטעק „ליריק“), וווּ עס זייַנען דערשינען די ערשטע ביכלעך פון אַרן קושניראָוו, איציק פעפער, ליפע רעזניק, מוישע באַשטשעוואַצקי, אַוראָם וועלעדניצקי, אי. שויכעט, מ. שאַפּיראָ און אַנד.

דאָס זייַנען געווען נאָך ווייַט ניט קיין רייַפע, נאָך ניט קיין זעלבשטענדיקע לידער, עס לאָזן זיך באַזונדערס פילן אין זיי געוויסע סימבאָליסטישע אייַנפלוסן, פון וועלכע עס זייַנען ניט פרייַ געווען דאָסראָוו דעמלטיקע יִידישע דיכטער פון קיִעוו.

וועגן דעם דאָזיקן ערשטן ביכעלע שרייַבט האַלקין אין זייַן דערמאָנטער אויטאָ־ביִאָגראַפיע:

„אויב... פאַר האָפשטייַנען איז זייַן ערשט בוך „בייַ וועגן“ (ווי פאַר לייב קוויטקאָ זייַן בוך „טריט“ און פאַר פערעץ מאַרקישן „שוועלן“) געווען די גרויסע זיכערע שיף, וואָס האָט דורכגעשניטן א נייַעם וועג פאַר דער דעמלט נאָך יונגער יִידישער סאָוועטישער פּאָעזיע, וואָלט איך מייַן ערשטע זאַמלונג „לידער“ פאַרגליכן מיט א קליין שיפל, אין וועלכן מע האָט מיך אָפּגעפירט פון ברעג אינמיטן יאַם און געזאָגט: אָט דאָ שפּרינג אַרויס און שווים...“

שפּעטער, נאָך זייַן גרויסער און רייַכער אייגענער דערפאַרונג, קומט האַלקין צום אויספיר, אַז „דער גרעסטער, אָריגינעלסטער דיכטער הייבט ניט אָן פון זיך אַליין, אין דער אָדער יענער מאָס הויערט אַף אים די יערושע פון די פריִערדיקע דוירעס שפּעטער... איצט וואָלט איך אַליין, גיכער ווי אַן אַנדערער, געקאָנט אָנווייַזן אַף אייניקע ליטעראַרישע שפּורן בא מיר, וועלכע זייַנען, צום גליק, געווען פאַר מיר מאַזלבראָכעדיק.

אַזעלכע אויפוויִרקלער וואָלט איך אָנגערופן עטלעכע, וועלכע האָבן געלעבט אין פאַר־שיידענע לענדער און אין פאַרשיידענע צייַטן: פּושקין און געטע, טיוטשעוו און באַראַטינ־סקי, איבן־גאַבירואָל פון שפּאַניע און די אַלטע כינעזישע ליריקער, טאַגאָר און יעהודע האַליעווי, אָמאַר כאַיאַם און מאַיאַקאָווסקי“[1].

---

[1] „אויטאָביִאָגראַפיע“.

האַלקין האָט גוט געקענט די העברעיִשע ליטעראַטור פון אַלטערטום. די ווירקונגען פון אָט דער ליטעראַטור לאָזן זיך פילן סײַ אין דער מעטאַפאָרישקייט, סײַ אין דער פּאָע־טישער שפּראַך פון זײַנע לידער.

האַלקינס ערשטער לערער איז געווען זײַן עלטערער ברודער, וועגן וועלכן ער דערציילט אין דער אווטאָביאָגראַפיע. אויך אין האלקינס ליד „א בריוו פון א פאסטעך" דערמאָנט ער אים:

...ער שרײַבט: כ'האָב באקומען דעם בויגן,
ווו איך בין באשריבן אין גראַמען;
דערבײַ איז געזעסן די מאמע,
געלאַכט און געווישט זיך די אויגן.

דו האָסט דאָרט באשרײַבן פארגעסן,
אז איך האָב געלערנט דיך דיכטן,
ניט איין מאָל איך פלעג דיר פאריכטן
און צושרײַבן אייגענע פּערזן...

(זשורנאל „שטערן", 1934, נומ. 10).

האַלקין רעדט ניט בלויז וועגן ליטעראַרישע אײַנפלוסן, נאָר אויך וועגן לעבנס־ווירקונגען, — פון „מענטשן פון דײַן דאָר, פון געזעלשאפטלעכע פּערזענלעכ־קײַטן און פּארטיי־טוער", פון זײַן אייגנאַרטיקער דערציִונג און שטייגער אאַוו. דער „טרויער־צוג" פון די פּלייטים פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז אים אַרײַנגעפאָרן „גלײַך אין הארצן און אין מויעך אַרײַן, ווי שוין די ערשטע פור וואָלט מיטן דישל געגעבן א זעץ אין דער ברוסט און געעפנט דאָרט דעם טויער און דורכגעלייגט א וועג פאר גרויסע מענטשלעכע ליידן..."[1]

אזעלכע און נאָך גרעסערע „טרויער־צוגן" איז האלקינען אויסגעקומען צו זען אויך א סאך שפּעטער — אין דער צײַט פון בירגערקריג, באזונדערס אין די גרויזאמע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. אָף די אַלע אומגליקן און מענטשלעכע ליידן האָט זיך אָפּגערופן דער דיכטער...

האַלקינס צווייטע גרעסערע זאמלונג „ווי און מוט" (1929) איז שוין מער רײַף און זעלבשטענדיק, כאָטש דער דיכטער איז זיך מוידע, אז אויך אין דעם בוך האָט ער נאָך „געבלאָנדזשעט".

דער נאָמען פונעם בוך איז, ווי באוווסט, „אנטליִען" בא האָפּשטיינען — פון זײַנער א שורע „ווי און מוט איצט קאָן איך ניט צעטיילן". פארשטייט זיך, אז דאָס איז ניט

---

[1] דאָרט.

בלויז א שורה — דאָס איז א גאנצע גאמע פון געפילן און געדאנקען, וועלכע האָבן דאן באהערשט א ריי דיכטער נאָך די פּאָגראָמען אין אוקראינע און ווייסרוסלאנד. דער נאָמען אליין זאָגט זייער א סאך וועגן דעם כאראקטער פונעם בוך. דאָ איז פאראן אן אָפּטייל „1923“, וואָס האָט ארויסגערופן שארפע דיסקוסיעס. אהער איז אריין אויך די פּאָעמע „ווי און מוט“, וועלכע איז דער לייטמאָטיוו פונעם גאנצן אָפּטייל.

נאָר ווי עס טרעפט אָפט אין אזעלכע פאלן, האָבן אייניקע קריטיקער, אין פּאָלעמישן אזארט, צוזאמען מיטן וואסער ארויסגעוואָרפן אויך דאָס קינד. מע האָט אינגאנצן „פארזען“ די גרעסטע מערהייט לידער פון דער זאמלונג, וועלכע זיינען ווייט פון סקעפּטיציזם און ייִעש, פון נאציאָנאליזם; פריי פון וועלכע־ניט־איז וואקלונגען און ספייקעס אין דער ליכטיקער צוקונפט פון אונדזער לאנד. אין די דאָזיקע לידער הערשן מונטערע און מוטיקע מאָטיוון, ליכטיקע און פריידיקע פארבן. זיי באזינגען דאָס שעפערישע פרידלעכע לעבן, די סאָציאַליסטישע בויונג, ליבע, נאטור.

אין דעם זעלבן בוך איז איינגעשלאָסן א ציקל לידער אונטערן נאָמען „געפאר“. דער דיכטער איז טיף אופגעבראכט קעגן די פארביסענע סאָנים פון דער סאָוועטנמאכט און רופט צום אקטיוון קאמף קעגן די אמעריקאנישע און ענגלישע אימפּעריאַליסטן. ער טרעט ארויס קעגן די מ י ל כ אָ מ ע־א ו נ ט ע ר צ י נ ד ע ר, וועלכע שטערן אונדזער פרידלעכער בויונג.

איינער פון די אינטימסטע און דינסטע ליריקער, א פּאָעט, וועלכער איז געקומען אין דער ליטעראטור „מיט א בראָכע אף די ליפּן“, וועלכער האָט זיך אין זיין ערשט ביכעלע „געקלאָגט“, אז ער „קאָן נאָר בענטשן“, געפינט האלקין שארפע, שניידנדיקע ווערטער קעגן די סאָנים:

אלעמאָל איך נעם זיך פארן בייקס,
אלעמאָל איך נעם זיך פארן מעסער —
אז אומעטום, אז רעכטס און לינקס,
איז איינס פון אנדערן ניט בעסער.

אז ווו איז ערגעץ דאָרט ניו־יאָרק,
און ווו געוועלטיקט ערגעץ טשעמבערלען דאָרט —
איז אומעטום דער זעלבער שאָרך
פון גאנג פון בלוטיקן אריבער לענדער...

די ליד איז דאטירט 1926. שפּעטער האָט האלקין אהער ארייַנגעשטעלט נאָך א וויכטיקע סטראָפע:

מע וויל אונדז אומוואַרפן אינמיטן גאנג,
מע וויל צעשטערן אונדז די רו און פרידן —

אז גרויל אמאָליקער, וואָס איז פאַרגעסן לאַנג,
זאָל קומען ווידער.

(„דער בוים פון לעבן“, 1948, ז. 91).

האַלקינס בוך „קאָנטאַקט“ (1935) איז שוין אינגאַנצן געווענדט פאַרויס. ווי א מאָטאָ צום בוך גייט האַלקינס באַוווּסטע ליריש־פילאָסאָפישע ליד — „דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק און ריין“, וואָס איז, אייגנטלעך, אַן איבערגעדיכטעטער טראַדיציאָנעלער מאָשל. די ליד איז אָבער אינגאַנצן אין „קאָנטאַקט“ מיט אונדזער הײַנטצײַטיקײַט, זי איז געווענדט קעגן עגאָצענטריזם און אינדיווידואַליזם און שליסט זיך אײַן אין אונדזער ווירקלעכקײַט, זײַענדיק פאַרבונדן מיט דער „גאַנצער ערד“, „מיט דער גאַנצער וועלט“, מיטן „אַרבעטס־פאָלק“:

דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק און ריין, —
דו זעסט דורך דעם די גאַנצע וועלט:
ווער עס וויינט און ווער עס קוועלט.
נאָר ווי דו האָסט איין זײַט פאַרשטעלט
מיט זילבער־פאַרב, וואָס האָט די ווערט
א גראָשן געלט, צי עטוואָס מער, —
פאַרשווינדט פון אויג די גאַנצע ערד,
פון ריינעם גלאָז א שפּיגל ווערט,
און ווי דער שפּיגל זאָל זײַן ריין —
דו זעסט אין אים נאָר זיך אַליין.

(„קאָנטאַקט“)

האַלקין ווערט דער דיכטער פון טיפע מענטשלעכע איבערלעבונגען, פון פילאָסאָפישער באַזיניקונג פונעם אַרום. מײַסטערהאַפט ווערט זײַן ליריק, מיט סאַמע קאָמפּליצירטע עמאָציעס ווערן אָנגעזעטיקט זײַנע פּרעכטיקע דיכטערישע מיניאַטורן, צאַרט און טרעפלעך קלינגט דאָס פּאָעטישע וואָרט. די פּערזענלעכע, לירישע, סאַמע אינטימע לידער זײַנען איצט פאַרוועבט און פאַרבונדן מיטן גאַנצן אַרום, און פאַרקערט — די אַלגעמיינע טעמעס און מאָטיוון זײַנען אין פולסטן קאָנטאַקט מיטן אייגענעם „איך“ פונעם דיכטער:

דײַנע טרוימען טוען באַנק דיר?
האָסט דערזען אין פלייש און בלוט זיי?
ס'איז די ראָד פון רעוואָלוציע
נאָך קיינמאָל פעסט אַזוי געגאַנגען?..

(ז. 36).

אָדער:

ס'איז דײַן פרייד צו דיר געקומען
אין א ווינטער־טאָג א לינדן,
מיט געזאנג און פרישע ווינטן
דיך בא טשאָפּרינע גענומען

און ארויסגעפירט פון ווענט דיך,
און דיך מיטגעשלעפּט אין גאסן,
אף דײַן שטער'ן אפן בלאסן
וויפל שיינע פרייד געווען דאן!

(ז. 35).

אין דער ליד „ס'איז פילבאר די וואָגשאָל...", געווידמעט מיכאָעלסן, זײַנען פאראן אזוינע עמאָציאָנעל־אָנגעזעטיקטע שורעס:

עפּשער צו טײַער עס קאָסט דאָס געווינס,
און בלינדקײַט פון הארצן איז פּרוכטבארער אָפּטמאָל,
נאָר גוט, וואָס דאָס הארץ שטייט שוין מער ניט צו דינסט
בא וואָגשאָל מיט בלינדקײַט געשטראָפּטער.

(ז. 39).

האלקין וויל שוין מער ניט זײַן א בלינדער קנעכט באם הארצן, און כאָטש „צו טײַער עס קאָסט דאָס געווינס", דערפאר איז עס שוין מער ניט בלינד, נאָר צייכנט זיך אויס מיט קלאָרקײַט און זיכערקײַט אין דעם שווער דעראָבערטן און דערגרייכטן.

אָט אזוי איז איצט „רײַף און צײַטיק געוואָרן" האלקינס ליד, וואָס האָט „לאנג זיך געלײַטערט, געקלאָרט..."

האלקין איז אן עכט נאציאָנאלער דיכטער. ער איז אָבער ווײַט פון נאציאָנאליזם. ער איז גוט באקאנט מיט דער געשיכטע פון זײַן פאָלק און ער באזינגט זײַנע פּראָגרעסיווע, העלדישע טראדיציעס, זײַן איצטיקן קאמף קעגן פאשיזם און אימפּעריאַליזם.

ווי א סאָוועטישער דיכטער, איז האלקין זייער פילבאר צו דער סאָציאלער פּראָבלעם, און זי שטייט בא אים שטענדיק אפן ערשטן אָרט.

שוין אין זײַן פריִיִקער פּאָעמע „זיבן" (1924) זײַנען דאָ בא האלקינען אזוינע אָר־גאנישע פאר אים שורעס:

...צײַטנווײַז טראכט זיך — א ייִד מיט א ייִדן —
נאָר עפּעס געשען איז — און עפּעס פארשידן[1].

[1] „דער בוים פון לעבן", ז. 208.

עמעס, דערווייל איז עס נאָך אויסגעדריקט ווי א ניט דרייסטע „האשאָרע" וועגן די סאָציאַלע וידערשפּרוכן אויך „בא אונדז יידן".

אָבער אין זײַן ווײַטערדיקן שאַפן איז שוין דער דאָזיקער „עפּעס" באַם דיכטער א ביז גאָר דײַטלעכער.

בא האלקינען וועט איר טרעפן א סאך טראדיציאָנעלע אסאָציאַציעס, פאַרשטעלונגען און אלעגאָריעס. זײַן שפּראך און מאניר זײַנען פאָלקסטימלעך־בילדעריש, „געפּעסטעטע" (לויט זײַן אייגענעם אויסדרוק) און דערהויבענע, נאָר דאָסראָוו קלאָרע און צוטריטלעכע. ער דרייט זיך ניט ארויס פון שארפע נאציאָנאלע פּראָבלעמען, אָבער ער גיט זיי א ריכטיקע דיכטערישע אינטערפּרעטאציע.

אין האלקינס ווײַטערדיקן שאַפן קאָן מען ניט זעלטן טרעפן איבערופן מיט מאיאַקאָווסקיס דיכטונג, מיט זײַן פּאָעמע «Хорошо» און אנדערע, נאָר אים אינטערעסירט ניט די אויסערלעכע פאָרם — די אזויגערופענע שורעס־„לייטערלעך" (כאָטש בא אים זײַנען פאראן אויך אזעלכע עקספּערימענטן), נאָר די אייגנארטיקע דיכטערישע באזיניקונג פון דער ווירקלעכקײַט, די פייקײַט אקטיוו זיך ארײַנצומישן אין לעבן, די ברייטע טעמאַטיק, פּאָליטישע פארשארפטקײַט און צילגעווענדטקײַט. האלקין רופט זיך אָפּ אף די וויכטיקסטע געשעענישן פון פּאָליטישן און געזעלשאפטלעכן לעבן, פון סאָוועטישן שטייגער. אין דער זאמלונג „פארן נײַעם פונדאמענט" שרײַבט ער:

כאווירים, כ'וועל אײַך דערציילן היינט פּראָסט
(א כאווער איז דער, וואָס עס פילט מיך הײַנט מיט),
ווען כ'קען זיך באפרײַען פון ריטם פון ליד,
וואָלט איך אף אן אייגנפאכער שפּראך זיך צעלאָזט.

אייניקע ראפּפּישע קריטיקער האָבן געשטויסן האלקינען, ווי א ריי אנדערע דיכטער, אפן וועג פון גרילצנדיקער דעקלאראטיווקײַט. אָט די קריטיק האָט זיך אָפּט געסטארעט אָפּטרײַבן דעם דיכטער פון אלדאָס קאָנקרעטע, נאציאָנאלע, געפּרווט קינסטלעך באגרעגעצן די מאָטיוון פון זײַן אָרגאנישן שאַפן. דאָס בוך „פאר דעם נײַעם פונדאמענט", וועלכן מע קאָן באטראכטן ווי אן איבערגאנג־עטאפּ אין האלקינס שאַפן, לײַדט טאקע פון אזא איבעריקער דעקלאראטיווקײַט, באשרײַבערישקײַט.

די ליקווידאציע פונעם „ראפּפּ" און די קאָנסאָלידאציע פון דער סאָוועטישער ליטעראטור, וואָס איז פארבונדן מיטן ערשטן שרײַבער־צוזאמענפאָר, האָט זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן אויך אף האלקינס שאַפן. אין זײַן ליד „דאָס באפרײַטע הארץ" (1939) לייענען מיר:

קינדער און יוגנט און עלטערע לײַט,
קוקט זיך צו בעסער און שטרענגט דאָס געהער אָן.

בליציק וועט זײַן איצט פון צײַטן די בײַט,
אָפּגיין וועט יענער, וואָס שטייט אָן א זײַט.
ווייל איז צו דעם, וואָס דער צײַט וועט געהערן.

אָדער אזא מין לאקאָנישע, פילזאָגנדיקע ליד:

לייג צו דעם אויער צו דער הוילער ערד,
ווי שווער זיך דרייט די ערד — האָסטו געהערט?
לייג צו דעם אויער צו מײַן הארצן — הערסט, דאָרט קוועלט,
דאָרט דרייט זיך אויך, דאָרט גרייט זיך אויך א נײַע וועלט.

(„דער בוים פון לעבן“, ז. 158)

* * *

האלקינס גרויסער טאלאנט האָט זיך גאָר שטארק אנטפּלעקט אין די נאָכמילכאָמעדיקע ווערק. דער נאָכמילכאָמע־פּעריאָד איז, ווי באוווּסט, געווען זייער א קאָמפּליצירטער פאר די נאציאָנאלע ליטעראטורן. די היטלערישע אינוואזיע האָט בא אלע פעלקער פארשארפט די נאציאָנאלע געפילן. די סאָוועטן־רעגירונג, די קאָמוניסטישע פארטיי האָבן געשאנעוועט און אָפּגעהיט די דאָזיקע געפילן פון נאציאָנאלער זעלבסטווירדע און די פעסטע טראַדיציעס פון פּראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם. האלקין האָט אויך נאָך דער מילכאָמע ניט איגנאָרירט די שארפע פראגן פונעם פאָלקס־לעבן. די מאָטיוון פון „ווײ“ האָבן זיך ווידער באוויזן אין זײַן שאפן. אין זײַנע נאָכמילכאָמעדיקע קלאסישע לידער און פּיעסן זוכט ער און געפינט א ריכטיקע לייזונג פון די קאָמפּליצירטסטע פראגן. ווי אין דער יוגנט, איז ער ווידער געווען „פול ווי א מילגרוים“ מיט ליבע צום מענטש און צו דער נאטור, מיט האָפענונגען און טרוימען, מיט גרויסע פריידיקע דערווארטונגען...

די צוויי נאָכמילכאָמע־ביכער, וואָס האלקין האָט ארויסגעלאָזט אין ייִדיש, טראָגן זייער באלערנדיקע און כאראקטעריסטישע נעמען: „ערדישע וועגן“ (1945) און „דער בוים פון לעבן“ („אויסגעוויילטע ווערק“, 1948[1]). דאָס זײַנען ניט קיין צופעליקע נעמען. קיינמאָל איז האלקין ניט געווען אזוי נאָענט צו דער ווירקלעכקײַט — צו די „ערדישע וועגן“ און צום לעבעדיקן לעבן, ווי איצט, נאָך דער מילכאָמע.

אין זײַנע פילצאָליקע נאָכמילכאָמעדיקע לידער, באלאדעס און פּאָעמעס באהאנדלט האלקין פארשיידענע פּראָבלעמען — סײַ פון דער הײַנטצײַטיקייט, סײַ פונעם ווײַטן אמאָל

[1] אונטערן זעלבן נאָמען, אין דעם זעלבן יאָר, איז דאָס בוך דערשינען אויך אין רוסיש. דערנאָך זײַנען דערשינען אין רוסיש נאָך דרײַ גרעסערע און קלענערע זאמלונגען אלטע און נײַע לידער האלקינס, דערין צוויי זאמלונגען נאָך זײַן טויט. א רײ לידער אין רוסיש און ייִדיש זײַנען פארעפנטלעכט אין די סאָוועטישע זשורנאלן „נאָווי מיר“, „סאָוועטיש היימלאנד“ און אנד.

און פון דער אייביקייט (ליבע, טויט). אף די אלע פראגן, וואָס באומרויִקן דעם דיכטער, זוכט ער און געפינט אן ענטפער אין דער מארקסיסטיש־לענינישער פילאָסאָפיע פון דער געזעלשאפט און נאטור, אין דער סאָוועטישער פראָגרעסיווער וויסנשאפט, אין אונדזערע גרויסע אידעאלן. פאראן בא אים אויך אזעלכע פראָבלעמען, וועלכע ווערן אין זיין דיכטונג בלויז געשטעלט, אָבער ער איילט זיך ניט צו געבן אף זיי א קאטעגאָרישן ענטפער. ער ווייסט נאָר, אז דאָס איז „דער בוים פון לעבן", און דאָס איז שוין גאנץ גענוג. אזא איז זיין ליד „געהיימע וועגן":

געהיימע וועגן האָסטו אויסגעציילט,
וואָס זייער שפור פארבלייבט פון אויג פארהוילן:
דער וועג פון שלאנג אף פעלדזנשטיין אף הוילן,
א צווייטן פעלדז, ווען זי האָט אויסדערוויילט;
אין יאם — דער וועג פון לייכטן זעגלשיף;
דער שפור פון פויגל־פלי אין הימל־טיף.
נאָר מער פון אלץ פארבלייבט פאר דיר א וואונדער —
דער וועג פון מאן צו פרוי — אים ציילסט באזונדער.
און איך וואָלט דיך אף נאָך א וועג געפרעגט,
וואָס וועלן כ'וואָלט, ניט ווערן זאָל פארמעקט
דורך שטויב פון טאָג און ניט דורך ווינט באנאכט, —
דער וועג, וואָס פאנגט זיך אָן אין מיין געדאכט,
קרייזט דורך א וועלט און גליקלעך לאָזט זיך אויס
אין אָט דער ליד — א פינגער־שפאן די גרויס.

(„סאָוועטיש היימלאנד", 1963, נומ. 1, ז. 70)

האלקינען איז אין א געוויסער מאָס אויסגעקומען צו דערזאָגן אויך דאָס, וואָס א ריי פון זיינע מיטצייטלער האָט ניט באוויזן צו דערזאָגן. דאָס זיינען אייניקע נייע לידער־סאכאקלען, וועלכע זיינען פובליקירט געוואָרן שוין נאָך זיין טויט. אָט נעמט, אשטייגער, זיינע לידער אני־מיימינס, געשריבן אין דער כאראקטעריסטישער פאר אים בילדערישער און געדאנקלעכער מאניר. איינע פון זיי הייסט „טרייהייט":

ניט לויט איר לענג און ברייט מע מעסט די שיף,
און אויך ניט וויפל וואָלקנס שווארצן רויך
זי הויכט ארויס פון זיך און אין בלויער הויך, —
נאָר וויפל ס'דריקט איר לאסט די יאמען־טיף.

און כאַטש איר מאָס, איר אײַנגעשטעלטע גרויס
איז ווײַל יאַם־וואַסער זי שטויסט ארויס, —
מײַן מאָס פאַר איר פאַרבלײַבט: ווי טרײַ, ווי לאַנג
די שיף — זי היט איר לאַסט פון אונטערגאַנג.

(„פאָלקס־שטימע", 1960)

אָט אין אזעלכע געציילטע שורעס האָט דאָך האלקין געזאָגט קימאט אלץ, מיט וואָס ער אליין און מיר אלע האָבן געלעבט און געאָטעמט. דאָ האָט איר סײַ די „וואָלקנס שווארצער רויך" און סײַ „ווי טרײַ, ווי לאנג די שיף — זי היט איר לאסט פון אונטער־גאנג". דאָס געהערט דאָך אויך צו „דעם בוים פון לעבן", צום סאמע איקער.

אָט שוין פון די עטלעכע לידער, געדרוקט נאָך זײַן טויט, זעט זיך ארויס גאנץ האלקין — אָט אזא, ווי ער האָט זיך אויסגעפורעמט פאַר די שווערע און הערויִשע יאָרן פון אונדזער זײַן.

אין א צווייטער ליד פון „א פינגער־שפאַן די גרויס" — אכט שורעס — דערציילט אונדז דער דיכטער זייער דײַטלעך, אף ווּעמען עס האלט זיך „אונדזער שיינער ביניען": „אף דיר, אף מיר, אף אונדז — באקאנטע, אומבאקאנטע, אף די, וואָס זייער רום פון טאָג צו טאָג פארדינען, אף די, וואָס בלײַבן שטיל און קיינמאָל ניט דערמאָנטע", פאַר זיי „דאָס לעצטע גיסטו אָפּ — דו גיסט אוועק דאָס לעבן". דער דיכטער צעזינגט זיך ווידער וועגן גרויסער ליבע און גלוסטונג צום לעבן:

איך בין מיט גלוסטונגען, גלײַך ווי א מילגרוים, פול,
ווי יעדעס קערנדל פארנעמט זײַן נעסט און גוול.
נאָר צווישן אלע זיי הײַנט קענטלעכער איז מיר
דאָס גלוסטונג־קערנדל, וואָס שטארק דערמאָנט אָן איר, —
אָן דער, וואָס צוליב איר אויך אָדאָמען דערמאָנסט,
און רופן כאַווע זי, צי אנדערש, ווי דו קאָנסט.

געווען פאַר איר ביסט גרייט זיך אויסשנײַדן א ריפּ,
און אלדי פּײַניקונג צו אָנעמען פאַר ליב.
פאַר איר פון קינדווײַז אָן א הייכל האָסט געבויט,
וואָס ענדיקן ווּעסט אים א רעגע פארן טויט.
אפילע איצט איך וואך, ווען ס'זינקט אין שלאָף די וועלט, —
א שטיינדעלע איך זוך, וואָס צום געבײַ נאָך פעלט.

אזוי האָט געקענט זאָגן בלויז האלקין! פאַר אים איז כאראקטעריסטיש די דאָזיקע „קייטלדיקע רעאקציע", די אידיי וויקלט זיך פאנאנדער און קאָנקרעטיזירט זיך אין אלץ

א ברייטערן קרײַז עמאָציאָנעל־אָנגעלאָדענע געדאַנקען, מאָטיוון און בילדער. דער פינאַל קומט, ווי א לאָגישער אויספיר, וואָס שליסט און פאַרסאַכאַקלט די גאַנצע ליד.

האַלקין שעפט, ווי באַוווסט, סײַ פון די טראַדיציאָנעלע ייִדישע מעקורים און סײַ פון דער אייראָפעיִשער פאָעזיע און ליטעראַטור (זע זײַן ציקל לידער „פון דו און אומרו" אין בוך „דער בוים פון לעבן"). אָבער דורך אַלץ און אַלעמען געפינט ער דעם וועג צו זיך — צו דעם אייגענעם „וועלט־באַשאַף", צו זײַן אייגענער דיכטערישער וועלט, וואָס איז פון קיינעם ניט אָפגעפרעמדט.

אין דעם זין איז זייער אָנשוילעך זײַן ליד פון דערמאָנטן ציקל, א ליד, וואָס הייסט טאַקע „דער בוים פון לעבן", געווידמעט שאָלעם־אַלייכעמען:

אונ פאַל איך צו אַמאָל צו זײַנס א וואָרט,
וואָס ער האָט אויסגערעדט צי שווײַגנדיק פאַרשריבן,
מיר דוכט זיך אויס: איך שטיי אַף יענעם אָרט,
פונוואַנען אַדאָם איז געווען פאַרטריבן.

צום בוים פון לעבן צי איך אויס מײַן האַנט,
א ריר — און פון זײַן זאַפט וועל איך פאַרזוכן,
און גאָט וועט צווישן בלעטער מיך ניט זוכן,
ווײַל מײַן באַגלייטער שטייט מיט מיר באַנאַנד.

און אויב ס'איז קינדווײַז מיר געווען פאַרווערט
צו לאַכן הויך, נאָר זעלטן ווען א שמייכל,
האָב איך געגלויבט, געהאָפט, אַז אין זײַן הייכל
מײַן שמייכל קומען וועט דורך גאָר דער ערד.

און איצט, ווען קיינער קאָן מיר ניט פאַרבאָטן
אַפילע וויינען, ווען א שטיין דריקט אָן צו שווער, —
כ'רוף ווידער אים, ווײַל ווער נאָך פילט, ווי ער,
ווען ווידער הויל דערקענט אַמאָל זיך אַדאָם.

האַלקין זוכט שטענדיק זײַנע טרײַסטע „באַגלייטער", ווען ער ציט אויס זײַן האַנט צום „בוים פון לעבן". זײַן דיכטונג איז דעריבער קיינמאָל ניט איינזאַם, זי איז שטענדיק דורכגעדרונגען מיט ריינע מענטשלעכע איבערלעבונגען און ראַפינירטע לײַדנשאַפטן.

* * *

האַלקין איז ניט בלויז א דיכטער, נאָר אויך א דראַמאַטורג.

די ייִדישע סאָוועטישע דראַמאַטורגיע האָבן געשאַפן דאָסראָוו ניט דראַמאַטורגן, נאָר פּראָזאיִקער, דיכטער, אַקטיאָרן און אַפילע קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער (דאָוויד

בערגעלסאָן, דאניִעל (מייעראָוויטש), ליפע רעזניק, פערעץ מארקיש, שמועל גאָדינער, מוישע פינטשעווסקי, ארן קושניראָוו, מוישע קולבאק, יעכעזקל דאָברושין, נאָכעם אויס־לענדער, אווראָם וועוויאָרקע, איסער לעווין, עפראַים לויטער, מוישע גערשענזאָן, אײַזיק הובערמאן און אנד.). האלקין איז געווען איינער פון זיי, און זײַנע פיעסן האָבן אָפּ־געקלונגען פון דער בינע („שולאמיס“, „באר־קאָכבא“, „ארן פרידמאן“, „דער שפילפויגל“), זײַנען פובליקירט געוואָרן אין ייִדיש און רוסיש („באר־קאָכבא“, „שולאמיס“, „אף טויט און לעבן“).

האלקין איז געקומען צו דער דראמאטורגיע, צום טעאטער (אויב ניט רעכענען אייניקע פריִיקע דראמאטישע פרווון) גאנץ שפּעט, סאמע ערעוו דער מילכאָמע, אין 1938—1939. ער איז געגאנגען צום טעאטער פריִער דורך זײַנע איבערזעצונגען פון שעקספירן און פון סאָוועטישע דראמאטורגן („קיניג ליר“, „פראָפעסאָר פאָלעזשײַעוו“), דערנאָך — דורך זײַנע היסטאָרישע און לעגענדארישע דראמאטישע פּאָעמעס („באר־קאָכבא“, „שולאמיס“), ביז דער דראמאטורגיע אף הײַנטצײַטיקע טעמעס. ער האָט אויך געשאפן א פיעסע, וועלכע מע קאָן אָנרופן היסטאָריש־פאָלקסטימלעכע; די געשעענישן קומען דאָ פאָר אין אָנהייב צוואנציקסטן יאָרהונדערט („דער שפילפויגל“).

סײַ האלקינס איבערזעצונגען און סײַ זײַנע זעלבשטענדיקע דראמאטורגישע שאפונ־גען, ווי זײַן דיכטערישע טעטיקײַט אין אלגעמיין, זײַנען צווישן זיך ענג פארבונדן און פאר אים אָרגאניש.

עס איז פאראן מיכאָעלסעס אן ארויסזאָגונג וועגן האלקינס איבערזעצונג פון „קיניג ליר“:

„זוכנדיק אן איבערזעצער פאר דער פיעסע „קיניג ליר“, האָב איך ניט צופעליק אָפּגעשטעלט זיך אף האלקינען. פאר זײַן דיכטערישן שאפן איז כאראקטעריסטיש די מערקווירדיקע פאשטעס, וואָס פאָרט זיך מיט ביבלישער דערהויבנקײַט פונעם פערז.

אָט די אייגנשאפט פון זײַן טאלאנט האָב איך געהאלטן פאר באזונדערס ווערטפול בענעגייע „קיניג ליר“.

...דער סטיל פון האלקין דעם דיכטער אנטשפרעכט וווּנדערלעך דעם סטיל פון שעקספירס טראגעדיע. באזונדערס האָט זיך האלקינען אײַנגעגעבן יענע סצענע, ווו ליר הייבט אָן שיטן מיט קלאָלעס. לויט זייער פאָרם רופן זיך די קלאָלעס איבער מיט יענעם אָרט אין דער ביבל, וואָס מע רופט די „טויכעכע“ און ווו עס ווערן אויסגערעכנט די קלאָ־לעס קעגן די זינדיקע.

ליר, וואָס דערמאָנט בעפיירעש מיט עפּעס איִעוון, שיט מיט אזוינע קלאָלעס, וואָס לויט זייער פאראלגעמיינערונג און בילדערישקײַט דערמאָנען זיי גלענצנדיק די „טויכעכע“[1].

---

[1] ס. מ. מיכאָעלס. ארטיקלען, שמועסן, רעדעס. מאָסקווע, פארלאג „איסקוסטוואָ“, 1965, זז. 112—116 (רוסיש).

אין דער יידישער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע און אין טעאַטער איז אָבער האַלקין אַרײַן אַדאַנק זײַנע צוויי אויסגעצייכנט איבערגעדיכטעטע דראַמאַטישע פּאָעמעס „שולאַמיס“ און „באַר־קאָכבאַ“. „שולאַמיס“ איז געבויט אף דעם סוזשעט פון דער באַוווסטער טאַלמודישער לעגענדע, וואָס איז לעכאַטכילע באַאַרבעט געוואָרן פאַר דער בינע דורכן גרינדער פונעם יידישן טעאַטער אַווראָם גאָלדפאַדן. אים טאַקע „צום הונדערטן יאָר פון זײַן געבוירן, איז געווידמעט מיט ליבע אָט דאָס ווערק“ (האַלקין). האַלקינס „שולאַמיס“ איז געשטעלט געוואָרן אין אַלע יידישע מעלוכע־טעאַטערן פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

גאָלדפאַדנס מעלאָדראַמע איז שוין לאַנג פּאָפּולער אין פאָלק, באַזונדערס די לידער, געזאַנגען און טענץ. בא גאָלדפאַדענען האָט די לעגענדע אופגעהיט איר רעליגיעזע באַפאַרבונג, איר פאַטאַלן כאַראַקטער (די ווילדע קאַץ און דער ברונעם, דער עצבאַ עלויהים, אַ קאָל פון בייס־האַמיקדעש אאַוו.). גאָלדפאַדן איז טרײַ דער טראַדיציע און אויך דער צײַט, ווען ער האָט געשאַפן זײַן ווערק (סאָף אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט).

האַלקינס דראַמאַטישע פּאָעמע איז אָנגעשריבן שוין לויט אַ נײַעם נוסעך. ער האָט אַרײַנגעפירט אייניקע נײַע פּערסאָנאַזשן און סיטואַציעס. די פּאָעמע פאַרמאָגט אַלע כיינען פון דער האַלקינישער ליריק. באַזונדערס צייכענען זיך אויס זײַנע פאָלקסטימלעכע פּאַסטאָראַלע ליבע־לידער, פון וועלכע עס ווייעט מיט ווינט, זון, פעלד און בלומען; ער האָט אַרײַנגעפירט אַ ריי לעגענדאַר־העראָישע און הומאָריסטישע סצענעס, באַזונדערס די סצענעס מיט שולאַמיסעס כאַסאַנים. הײַנט די פּלאַמיקע, עראָטיש־טעמפּעראַמענטפולע עגאָצענטרישע לידער פון דער רײַכער, שיינער אַוויגאַיל, די נאַיוו־האַרציקע און פּאַטריאָטישע לידער פון שולאַמיס און אַנד.

אין דער פּאָעמע איז אופגעהיט דער היסטאָרישער קאָלאָריט און גלײַכצײַטיק זײַנען אונטערגעשטראָכן די סאָציאַלע מאָמענטן, דאָס אַלץ, וואָס עס מאַכט די לעגענדע נאָענט צו אונדזער צײַט: די פרײַהײַטליבנדיקע פּאַסטעכער און זייער העלד אַווישאַלעם, די טרײַע און פּאַטריאָטישע שולאַמיס, דער פאָלקס־זינגער — זיי אַלע ווערן אַנטקעגנגעשטעלט דער רײַכער אַריסטאָקראַטיע, דער צעבאַלעוועטער עגאָיסטישער אַוויגאַיל, די פאַרשיידענע קויהאַנים, „דאָקטוירים“, שפּרעכער, שטערנזעער און אַנד.

גאָר אַ וויכטיקע שעפערישע אַרבעט האָט האַלקין דורכגעמאַכט אין דער היסטאָרישער דראַמע „באַר־קאָכבאַ“. אויך דאָ ברענגט האַלקין אַרײַן אַ ריי נײַע פּערסאָנאַזשן און סיטואַציעס און גיט אַ ריכטיק היסטאָריש בילד פון דער צײַט און פון די געשעענישן.

באַר־קאָכבאַס אופשטאַנד קעגן רוים — דאָס איז שוין קלאָל ניט קיין לעגענדע, נאָר אַ ווירקלעך־היסטאָרישער פאַקט. די האַנדלונג קומט פאָר צווישן 132—135 יאָר פון דער נײַער צײַט־רעכענונג.

„אַרבעטנדיק אף דער היסטאָרישער טעמע, — שרײַבט א. גורשטיין, — האָט האַלקין (צוזאַמען מיטן טעאַטער) געשטעלט פאַר זיך אַן אופגאַבע — באַווײַזן די עלעמענטן פון פאָלקס־העראָיזם, וואָס האָט שטענדיק געלעבט אינעם קאַמף פון די פאָלקסמאַסן קעגן

זייערע אונטערדריקער און עקספּלואַטאַרן, אין זייער קאַמף פאַר פרייהייט, ערע און אומאָפּהענגיקייט. פון דעם שטאַנדפּונקט איז דער היסטאָרישער עפּיזאָד, וואָס האַלקין האָט גענומען, — באַר־קאָכבאַס אופשטאַנד קעגן דער רוימישער הערשאַפט, — זייער א באַדייטנדיקער...

האַלקינען האָט זיך איינגעגעבן אופצושטעלן דעם ווירקלעכן דעמאָקראַטישן אינהאַלט פון באַר־קאָכבאַס אופשטאַנד"[1].

קימאַט אין איין צייט (1945—1944) האָט האַלקין אָנגעשריבן צוויי פּיעסן: „דער שפּילפויגל" און „אף טויט און לעבן". די ערשטע איז געשטעלט געוואָרן דורכן פאַר־דינסטפולן אַרטיסט פון רעפּובליק בינִיאָמין שוואַרצער אין אָדעסער טעאַטער (אופגעפירט אין טאַשקענט); די צווייטע איז געדרוקט געווען אין יידיש און אין רוסיש, נאָר ניט געשטעלט געוואָרן. „אף טויט און לעבן" איז געשריבן אין פערזן. אין דעם יידישן וואַריאַנט איז זי באַצייכנט אַלס „דראַמאַטישע פּאָעמע".

די האַנדלונג פון דער פּיעסע „דער שפּילפויגל", ווי עס ווייזט אָן דער אַוטאָר, קומט פאָר אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און די געשעענישן פון דער פּיעסע „אף טויט און לעבן" קומען פאָר „אין פוילן בייס דער דייטשישער אָקופּאַציע".

די פּיעסע „אף טויט און לעבן" (זי האָט געהייסן אויך „געטאָגראַד", אין דער רוסי־שער אויסגאַבע „דער אופשטאַנד אין געטאָ") איז אָנגעשריבן אין דער זעלבער מאַניר, ווי „באַר־קאָכבאַ", — אין העראָיש־טראַגישן פּלאַן און אין פערזן. כאָטש אין די צוויי ווערק זיינען, ווי באַוווסט, קינסטלעריש פאַרקערפּערט גאָר פאַרשיידענע עפּאָכעס און פאָלקס־גורלאָלעס, זיינען אין זיי אָבער פאַראַן אויך וועזנטלעכע קרייזווישע מאָמענטן: דאָס איז קאַמף פאַר פרייהייט, קעגן טיראַניע. האַלקין באַווייזט אין זיין פּיעסע „אף טויט און לעבן", אַז דער קאַמף אין געטאָ שטיצט זיך סיי אף די העראָישע טראַדיציעס פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, סיי אף די העראָישע זיגן פון דער סאָוועטישער אַרמיי.

האַלקין אַליין אין זיין דערמאָנטער „אַוטאָביאָגראַפיע" האָט געזאָגט אַזוי וועגן זיין דראַמאַטורגיע:

„אַזוי ווי באַם שרייבן באַזונדערע לידער, אַזוי אויך אין דער דראַמאַטורגיע האָב איך שטענדיק געדענקט דריי קלאָלים: ערשטנס, וואָס הייסט נייס? — ברעך דעם קאָפּ, וועסטו וויסן. צווייטנס, אַז א דראַמאַטיש ווערק ווערט געשאַפן ניט נאָר פאַר דער בינע, אַז ס'מוז פאַרמאָגן אייגענע אַריכאַס־יאָמים, דאָס הייסט זיין אויסגערעכנט אף א גרויסן ליטעראַרישן קיִעם. און, דריטנס, — אַז אין א ווערק, אפילע אַזעלכעס, וואָס טראַקטירט פּראָבלעמען און געשעענישן זייער ווייטע פון אונדזער הײַנטצייטיקייט, זאָל זיך פילן שאַרף דער שעפערישער טאָג און וועלט־באַנעם פון א סאָוועטישן שרייבער".

[1] א. גורשטיין. אויסגעוויילטע אַרטיקלען. מאָסקווע, פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1959, ז. 190 (רוסיש).

ווי מיר האָבן שוין געזען, האָט האַלקין אין זײַן דראַמאַטורגישער און דיכטערישער פּראַקטיק שטרענג אָפּגעהיט די דאָזיקע קלאָלים און געבאָטן.

* * *

די נײַע זאַמלונג האַלקינס „מײַן אוצר“, וואָס מיר לייגן דאָ פֿאַר דעם לייענער, געהערט קימאַט אינגאַנצן צום לעצטן שאַפֿונגס־פּעריאָד פֿונעם דיכטער, נאָכן אופֿשטעלן דעם גוטן נאָמען פֿונעם סאָוועטישן שרײַבער־פּאַטריאָט. דאָס איז זייער אַ קאָמפּליצירטער און דראַמאַטישער פּעריאָד אינעם פּערזענלעכן לעבן פֿונעם דיכטער און אינעם אַלגעמיינעם לעבן און שיקזאַל פֿונעם סאָוועטישן מענטשן.

דער גרעסטער טייל פֿון די לידער אין דער דאָזיקער זאַמלונג זײַנען אין ייִדיש נאָך ניט פּובליקירט געוואָרן, און דער צווייטער אָפּטייל („אין פֿריידן צו דערציילן“) איז קימאַט אינגאַנצן אַ נײַער און איז אויך אין רוסיש ניט דערשינען. דער דאָזיקער אָפּטייל האָט גאָר אַ באַזונדער באַדײַטונג: ער פֿאַרפֿולט דעם כּלל, וואָס עס האָט זיך באַקומען אין האַלקינס שאַפֿן אין דער צײַט פֿון זײַן געצוווּנגענעם שווײַגן. דאָס זײַנען ביטערע דערינערונגען, דערציילט „אין פֿריידן“, שוין נאָכן צוריק־קער אַהיים וועגן דעם דורכגעלעבטן און דורכגעטראַכטן, וועגן מינוטן פֿון האָפֿענונג און ספּייקעס, וועגן מאָראַלישן און עטישן סטאָיציזם. אין דעם אָפּטייל זײַנען אויך אַרײַן אייניקע לידער, וועלכע האָבן כראָנאָלאָגיש ניט קיין דירעקטע שײַכעס צום אַלגעמיינעם ציקל, זיי דערגאַנצן אָבער און באַזיניקן דאָס אַלגעמיינע בילד. דאָס זײַנען די לידער: „איך בין זײַן פּרוי“, „קליפּ־קלאַפּ אין גאָלדן־טיר...“; „אוואַדע וואָלט פֿאַרשטענדלעכער דיר זײַן...“ און די גרויסע ליד — „דער ווידוי פֿון סאָקראַט“, וואָס שליסט דעם אָפּטייל. אין דער לעצטער ווערט באַזונגען דער מענטשלעכער געדאַנק, וואָס גייט אַרויס דער זיגער פֿון אַלע ניסיוינעס אין קאַמף מיט שלעכטס און פֿינצטערניש.

שוין די נעמען אַליין פֿון באַזונדערע אָפּטיילן זאָגן זייער אַ סך וועגן דעם כאַראַקטער פֿונעם גאַנצן בוך, וואָס פֿירט אונטער אַ סאַכאַקל פֿון אַ גרויסן, קאָמפּליצירטן שעפֿערישן וועג: „און דאָס איז זי, מײַן זאָרג“; „אין פֿריידן צו דערציילן“; „ווײַטזיכטיקײַט“; „ווי ליב איז דער בוים“.

אין דער זאַמלונג קלינגען אָפּטמאָל מינאָרע טענער, עס פֿילט זיך פֿילאָסאָפֿישע באַדאַכטקײַט, טיפֿע בענקשאַפֿט און באַזאָרגטקײַט, געזעגענונגס־מעלאָדיעס פֿון כּעזשבן־האַנעפֿעש. אין דער פּראָבלעמאַטיק פֿונעם בוך פֿאַרנעמען אַ גרויס אָרט געדאַנקען וועגן דער צוקונפֿט, וועגן דעם אַרום, וועגן מענטשלעכע באַציִונגען, וועגן עלטערן און קינדער, וועגן די קומענדיקע דורות, וועגן דער גרויסער פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿונעם קינסטלערישן וואָרט („דאָס וואָרט איז הייליק“), וועגן לעבן און טויט, וועגן צוקינפֿטיקן גורל פֿון לאַנד און פֿאָלק אאַוו.

צוזאמען מיט די מינאָרע טענער לאָזן זיך אָפּ הערן און פילן, ווי געזאָגט, דעם דיכטערס גרויסע ליבע און גלוסטונג צום לעבן, וואָס דערמאָנט ווידער דעם „בוים פון לעבן" (זע אויבן: „איך בין מיט גלוסטונגען, גלײַך ווי א מילגרוים, פול"), אָבער אויך דאָ טראָגט דער דיכטער אַרײַן אייניקע וויכטיקע קאָרעקטיוון. און דאָס איז באַזונדערס אויסגעדריקט אין דעם עפּיגראַף צו איינער א ליד — די ווערטער פון קענטן אין „קיניג ליר": „כ'בין ניט צו יונג, איך זאָל דעם קאָפּ פאַרלירן פאַר יעדער יונגער פרוי..." דער דיכטער ווײַזט, וויאַזוי מע טרוימט און מע „בענקט בא זעכציק יאָר" („אזוי אָט בענקט מען עס בא זעכציק יאָר..."). און אויב מע „קאָן נאָך זײַן פאַרליבט", איז „האַנקען גאָט"...

די זאמלונג פאַרענדיקט זיך האַרמאָניש מיט דרײַ כיינעוודיקע באַלאַדעס „דער אויצער", „פון ווערעס־וועגן עס שײַנט די זון און ס'גייען רעגנס" און מיט א „באַלאַדע וועגן שאָלעם". דאָס זײַנען ליכטיקע, פאַרבענקטע דערמאָנונגען וועגן דעם „פאַרביקן קנײַלכל" פון דער קינדהײַט און יוגנט, וועגן אומשולדיקער קינדער־ליבע, וועגן דעם „אויצער" פון פרידלעכן פאָלקס־לעבן, וועגן דער שײַנענדיקער זון און פרילינגדיקן רעגן, וואָס איז באַשטימט ניט פאַר דעספּאָטן און טיראַנען, וועלכע שטרעבן צו בלוטיקע מיל־כאָמעס, נאָר „צוליב דעם פעלד מיט שאָף און רינדער, צוליב דעם זכוס פון קליינע קינדער, צוליב די זייער און צוליב די שניטער, צוליב די גערטנער און צוליב די שמידער... פאַר קינד, פאַר רינד און פאַר אלע גוטע מענטשנס־וועגן..."

פון זעלבן כאַראַקטער איז אויך די דערהויבענע „באַלאַדע וועגן שאָלעם", מיט וועלכער עס שליסט זיך די זאמלונג.

אזויאַרום האָט האַלקין אָנגעהויבן און פאַרענדיקט זײַן רײַכן לעבנסוועג, אין וועלכן עס איז „פאַרמישט" אויך אונדזער גרויסע צײַט, מיט „א בראָכע אף די ליפּן"... און דעריבער איז פולקום באַרעכטיקט זײַן גלויבן, אז —

...אויב ניט היינט, איז מיט א מאָרגן ווײַטער,
ווען ס'וועט דער טאָג זײַן הויך און אויסגעלײַטערט,
וועט אויך מײַן ליד זיך אָנזען אומגעריכט
מיט שאַרפן צײַט־צייכן אפן געזיכט.

יִסראָעל סערעבריאַני

אינהאלט

לידער

און דאָס איז זי, מײַן זאָרג

זײַט

„און דאָס איז זי, די זאָרג, וואָס כ׳האָב פאַרבאָרגן...“ . . 5
„זאָגסט: נאָך איין צענדליק יאָר, און זײַן וועט שפּעט...“ . 7
„ווען דו וואָלסט ניט געגערט זיך מיט קיין ברויט...“ . . 8
טרײַהײַט 9
דאָס וואָרט איז הייליק 10
דער וועג ארוף 12
ס׳איז מײַן ■ײַווע צו דערטראָגן 13
די דריטע קראַפט 14
„טרעפט, אויך איצטער דאכט זיך מיר...“ 15
„אפילע דיך, מײַן פרײַנט, — באַם בעסטן, שענסטן ווילן...“ 17
מײַן אויצער 18
וועסט זיך ניט אויסבאַהאַלטן 19
„און ווער און וואָס בין איך אליין?..“ 20
אזעלכע זײַנען מיר 21
„איין מויעך פאַרטאָן איז אין מעסטן די הימלען...“ . . . 22
דער טרוימער 24
דער אָנהייב וועג 28
„איר טראַכט, כ׳האָב זיך אין שאָטן־זײַט געשטעלט...“ . . 29
„אזויפיל דורכגייער, און אלע — יאָגן...“ 30
„מײַן פרײַנט, גיב איבער אים געגוי די ווערטער מײַנע...“ . 31
פונוואַנען ווייסטו? 32
„איז מיר דען בעסער, גרינגער, וואָס דער זעלבער ווינט...“ . 33
„די פולע לעוואָנע אף וואַסער האָט שליטע...“ 34
צום בויער 36

אין דער ערשטער שטילקייַט 38
„ווי ליב צו וויסן איז, אז דאָס געווען בין איך...“ 39
א ביטערער פעלער 40
דער קוואל 42
ווער געקאָנט האָט קלערן 43
„און גראָד, ווען ניט טאָג און ניט נאכט אף דער גאס...“ 44
„אזוי האָט זי דער טאטע אָנגערופן...“ 46
„וואָס ווערסטו, נארעלע, מיט מיר אין מארק זיך שלעפּן...“ 49
נאָכאמאָל דאָס זעלבע? 51
„ווען שפּאנסט אין גאס — ניט ניכטער און ניט שיקער...“ 52
אין פארענדערונג 53
בלויזן 54
א נאכט האָט גערעגנט 55
וואָס פון א מילשטיין בלייַבט 56
א טאָעס? 57
„צווישן אלע בראָכעס, וואָס כ'פלעג קינדווייַז זאָגן...“ 58
„זיידע, זיידע, נו און ווייַטער?..“ 59
„מייַן קינד, דעם עמעס זאָג, אנטפלעק מיר נאָר איין זאך...“ 60
ביזן לעצטן אויסהויך 61
„— מיט וועמען רעדט איר, פעטער? — איך? מיט קיינעם...“ 62
„איר קאָנט אוואדע מייַנע רייד ניט גלויבן...“ 63
„איר האָט באמערקט, אז, לעצטנס איבערהויפּט...“ 64
„דו זעסט, צו מיר האָט ווידער זיך געקערט...“ 65
„דער שטראל, וואָס אין אפּרעל צעשמעלצט די הענגלעך
אייַז...“ 66
„אזא איז זי, פון דייַן פארדראָס די מאָס...“ 67
„זאָגט, וואָס וואָלט איר געוואָלט פון מיר הייַנט הערן...“ 68
„דו ווייסט, אף וועמען האלט זיך אונדזער שיינער ביניען?..“ 69
„דו ווייסט ניט, צו וואָס איז א גרענעץ?..“ 70
„און ער, דער געניטער, דערשיטערטער רייַטער...“ 71
„דו זאָגסט, אז מייַן ווילן דורך יענעמס מוז ווערן באווי-
ליקט...“ 72
„דער רעגן, ער גיסט הייַנט א גאנצענעם טאָג...“ 73
„גאָט-באהיט, איר זאָלט ניט קלערן...“ 74
„געהיימע וועגן האָסטו אויסגעציילט...“ 75

פרווו־קאָרשט העכער 76
„און נאָך האָב איך זיך קינדוויַיז פאַרגעשטעלט...“ . . . 77
צו איינעם פונעם פאָלק 78
„און ווען די, וואָס רינגלען דיך ארום...“ 80
„סענטיאב. ס׳איז פראַסטיקלעך...“ 82
שטייט א שטיין 83
פינף לאמטערנס אף מייַן גאס 85
ניט יאָג די נאכט מיט פלעקענער 87
צווי קרייַזן 89

אין פריידן צו דערציילן

„ניין, ביז מיר לייַכט דער טאָג, באנאכט — די שייַן פון צאָפן...“ 90
ווי וואָלט איך לעבן דאָרט? 91
דאָס אָרט פון לינקס 93
„און אז די ערד איז דאָ געפראָרן...“ 95
ס׳האָט די קלעם מיך ניט צעבראָכן 97
איך לעב דאָך נאָך... 99
אין שווארצן קרייַז 101
איך בין זייַן פרוי 102
„קליפ־קלאַפ אין גאָלדן־טיר...“ 103
א גרוס דורך פייַער 105
דאָס קישעלע פון שאָלעם 106
אף וויסטע וועלדער... 108
„אוואדע וואָלט פארשטענדלעכער דיר זייַן...“ 110
דער ווידוי פון סאָקראט 112

ווייַטזיכטיקייַט

„פארוואָס פארשרייַב איך אלץ, אף ווייַס פארשרייַבן כ׳אייַל...“ 116
„א יאָריק קינד דעם ערשטן טראָט צו מאכן...“ 117
וואָס איז דאָס מאָרגן? 118
אָן מיר... 119
„און דו האָסט גאָר די פיס זיך ניט צעשניטן...“ 120

„מעגלעך, עפשער, אנדערע, זיי ארט ניט...“ 121
אזוי דערקלערט מייַן זון... 122
„און ווייַל ס׳איז שטערבלעך אלץ, וואָס לעבט נאָר אף דער וועלט...“ 123
„מיט וואָס איך וועל אמאָל באוואקסן ווערן...“ 124
דער מענטש אין מיר 125
„דאָס אלץ, וואָס כ׳הער און זע, און דאָס, וואָס כ׳שטעל זיך פאָר...“ 126
„דו ביסט שוין אלט בא צוועלף...“ 127
„ווען ערגעץ אין מיר — אין פארהוילענער טיף...“ 129
„איך וועל ניט פילן זיך דורך דיר באליידיקט...“ 130
ווער זשע איז געוואָרן אלט? 131
„כ׳בין אומרויִק, און דאָס איז אלץ, וואָס כ׳וויס...“ 132
„דעם צוקער איך צעשמעלץ אין אָקרעפ־טיי...“ 133
„ווען ס׳ענגט אין הארץ און ווייַטער כ׳קאָן ניט גיין...“ 134
„מיר דאכט, כ׳האָב קיינמאָל פארן גאנצן לעבן...“ 135
אף מייַנע בארג־שפיצן איז גרין 136
„דו פרעגסט, ווען הייבט זיך אָן דער בארג־אראָפּ...“ 137
„ווען ס׳קומט א שווערער טאָג...“ 138
דער שמעטערלינג 139
ווילסט א באווייַזן? 140
א נאכעסדיקער רעגן 142
„נו, מיילע, כ׳פארשטיי, און אויך מיטפילן כ׳קאָן אזא איינעם...“ 143
„אפילע דו, אזא מין איבערקלייַבערן...“ 144
„אָן אנדערשמאָל דו טראכסט: געגנוג זיך שוין געשפיגלט...“ 145
„ניין, דאָס איז נאָך ניט גאָר, ניט דאָס — דער טאָך...“ 147
„מערער, ווי פאר אויסגעלעבטקייַט...“ 148
געוווינהייַטן 150
„כ׳האָב וויפל מאָל געגעבן זיך דאָס וואָרט...“ 151
„איר ווייסט, וואָס הייסט אלטקייַט...“ 152
„וואָס אטאָם־קראפט באטייַט — אין דעם בין איך נאָך רוי...“ 153
„באקומען אייַער בוך — א שיינעם דאנק...“ 154
„צי דארף איך פייַערן דעם טאָג פון מייַן געבאָרן...“ 156

„דיר איז בעעמעס שווער דײַן ווי צו טראָגן...“ 157
דער סאָד פון שווארצקײַט שרעקט מיך ניט 158
„ווײַזט זיך ארויס, אז אויך דער קיזלשטיין...“ 159
„מיר זינגען נאָך דעם פויגל אין די צווײַגן...“ 160
„פון קינדער די רייך — צו די רייך פונעם אורמענטש געגליכן...“ 161
„אזא איז ער ביז הײַנט אין מײַן געדאכט פארבליבן...“ 162
„מירן גיין אין זאָאָגאָרטן...“ 163
„וואָס ווײַטער — כ'גיי ניט רוִיקער, נאָר לאנגזאמער...“ 164
„און ווײַל איך לעב צום ערשטן מאָל...“ 165
„איז דאָס מײַן גרייס — דאָס וועלן אייביק לעבן...“ 166
„אָט בין איך ניט מעקאנע דאָך דעם טאָג...“ 167
א שפּאס 168
„די ערשטע ליבּ, זי קומט צו אונדז אף אונדז פארוואונדערן...“ 169
„דו ווייסט, ווי שטעלט מען פעסט פון פאָלק און לאנד...“ 170
„אָפּט, ליגנדיק אין בעט — דאָס פּאָנעם צו דער וואנט...“ 171
פונעם פאָלקס־אויצער 172
I. „דעם הויכן אָגער טרײַבט ניט אָפּ פונדאנען...“ 172
II. „וועסט ויסן אלץ — צו גיך וועסט ווערן אלט...“ 173
III. „געקומען אף דער וועלט אין מוטער־בלוט...“ 174
IV. דרײַ סאכאקלען 175
V. פונווײַטן דאכט זיך 176
אים איין אני לי... 177
„פארשטייט זיך, ס'איז ניט זייער רעכט...“ 178
„דערקלער מיר, גייער, וויפל איז דער שיר...“ 179
„געווען איז א פראָסט, און דער פראָסט — מיט א ווינט...“ 181

ווי ליב איז דער בוים...

„איך בין מיט גלוסטונגען, גלײַך ווי א מילגרוים, פול...“ 182
„אמאָל בין איך געווען שווארץ, און דו...“ 183
„ווער וועט פוןביידן אונדז פאריאָסעמט בלײַבן...“ 185
„דו ווילסט מיך אײַנריידן, אז כ'בין פארליבט...“ 186
ווי ליב איז דער בוים 187
„...און איך בין וויפל מאָל ארויס אין גאס באגעגענען...“ 188

„פון יענע — די גאָלדענע בלעטער אין ווינטיקן פיבער...“ 189
און עפשער... 190
„די פעלדער, די וועלדער, זיי גרינגען...“ 191
„צו הערן מײַן געזאַנג קאָנסט עפשער פרי הײַנט קומען?..“ 192
„ניט מיין, אז ראנגלען זיך מיט זיך אליין...“ 193
„איך ווייס, אז ביסט ניטאָ דאָרט, אז אומזיסט...“ 194
„אויב דו וועסט מיך פארלאָזן אף א טאָג...“ 195
„איז וואָס ביסטו געוואָרן יוגנט־רויט...“ 196
גאנצפרי 197
„אזוי אָט בענקט מען עס בא זעכציק יאָר...“ 198
וואָס האָט מיט דיר, מײַן טײַערע, געטראָפן? 199
„כ'האָב דיך דערקענט, פאר דיר זיך אָנגעכאפט...“ 200
„דער רעבע פלעגט רימען מײַן לעבעדיק קעפל...“ 201
„די בליקן אונדזערע זיך קרייצן איבער...“ 202
„איך יאָג, איך אײַל צו דיר, נאָר פרעגט זיך — צוליב
וועמען?..“ 203
א קנופ, וואָס כ'האָב ניט אופגעבונדן 204
„דו מיינסט, איך וועל שרײַען אריבערן וואלד: ווו ביסטו?..“ 206
דער גאָלדענער מאראנץ 207
„דעם סאָד אנטפלעקן אונדז זאָל הײַנט אליין...“ 208
„צי שטייען מיר מיט דיר ניט בא דעם פלאץ...“ 209
ווען דײַן שטוב האָט מיר פארפעלט 210
דאָס לעצטע ליכט 211
„די ווײַט, די צײַט — זיי מאכן ניט דערווײַטערט...“ 213
„איך ווייס, אז אפילע גוטמאָרגן איך וועל דיר ניט זאָגן...“ 214
„אויב דאָס איז אומגלייבלעך, אומגלייבלעך איז אויך...“ 215

באלאדעס

דער אויצער 219
די באלאדע וועגן דעם, פון וועמעס־וועגן עס שײַנט די זון
און ס'גייען רעגנס 243
די באלאדע וועגן שאָלעם 268
יִסראָעל סערעבריאַני. שמועל האלקין און זײַן לעצטער
בוך 278

Самуил Галкин

МОЙ КЛАД

(на еврейском языке)

Изд. «Советский писатель»

• • •

Редактор *И. Борухович*

Художник *Д. Лион*

Худ. и техн. редакция

А. Токер и *И. Шустер*

Корректоры:

А. Стрельник и *Д. Грозовская*

• • •

Сдано в набор 28.VI.66 г.
Подписано в печать 30.IX.66 г.
Печ. л. $9^3/_8$ + 1 вкл. (прив. 13,21).
Уч.-изд. л. 9,01 + 007 вкл.=9,08.
Тираж 4500. Цена 52 коп.

• • •

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР.
Пер. Аксакова, 13.

52 коп.